STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07075

R' TANHUM

Jechiel Hofer

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יחיאל האָפּער

ר׳ תנחום

פאַרלאַג
י. ל. פּרץ
ישראל
1966

JECHIEL HOFER

REB TANCHUM

I. L. Peretz Publishing House
31 Allenby Str., Tel Aviv

יחיאל האָפער / ר׳ תנחום

פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, אלנבי 31

©

נדפס בישראל תשכ״ו
Printed in Israel 1966

דפוס „אורלי״. ת״א

אינהאַלט פון די קאַפּיטלען

* * * . . . . 9 —15

תנחום האָט חתונה . . . . 16 —38

פּרנסה — מלחמה . . . . 39 —63

צער גידול בנים... . . . . 64 —86

ר' תנחום איז זיך פּורש פון ווייב . . . . 87 —111

אַ מעשה מיט אַ פּאָר שטיוול . . . . 112—134

ר' תנחום וויל אַ גט... . . . . 135—155

אַ שמועס צווישן ר' תנחומען און ר' זלמנען וועגן מדרגות... . . . 156—174

ר' תנחום — און די וועלט . . . . 175—198

דער טויט פון ר' תנחומען . . . . 199—218

יחיאל האָפּער

✶

ר׳ תנחום

* * *

ר׳ תנחום, ר׳ תנחום.

אַ נאָמען וועלכן איך האָב זייער אָפט אין מיינע קינדער־יאָרן געהערט ביי אונדז אין שטוב.

אין די דאָזיקע צייטן איז ר׳ תנחום כסדר ביי אונדז געווען. אין דער פרי, ווען כ׳פלעג עפענען די אויגן, האָב איך אים געזען, און ווען כ׳בין ביי נאַכט געגאַנגען שלאָפן, איז ער נאָך אַלץ נישט געהאַט אוועקגעגאַנגען.

איך געדענק, אַז ער איז געווען אָנגעטאָן סיי ווינטער און סיי זומער אין אַ לאַנגן שוואַרצן פּאַלטן. די צייט האָט פון דעם שוואַרץ געמאַכט גרין און עס האָט זיך באַקומען עפּעס אַזאַ מין טאַבאַטש־קאָווע קאָליר. ר׳ תנחום איז שטענדיק געזעסן אין פּאַלטן, שטענ־דיק געטרונקען טיי און שטענדיק גערייכערט פּאַפּיראָסן, געשמועסט הויך און ברייט, געהאַט אַ פליישיק פּנים מיט אַ געל־רויטער באָרד און גערעדט צו די דינסטן אויף „די״.

איז דער טאַטע געפאָרן מיטן פּאָרטפעל וועקסלען אין באַנק אַריין, איז ר׳ תנחום מיט אים מיטגעפאָרן. דער טאַטע האָט אים קיין מאָל מיט זיך נישט מיטגערופן. נאָר ווען ער פלעגט זיך אַריינזעצן אין דער דראָזשקע, איז שוין לעבן אים געזעסן ר׳ תנחום. איז מיין מאַמע געגאַנגען איינקויפן סחורות אויף וועש, צי אויף קליידער, צי גאָר אויף אַן אויסשטייער, איז דערביי געווען ר׳ תנחום. מיין מאַמע האָט אים קיין מאָל נישט מיטגע־רופן, נאָר ווען זי איז שוין געווען אין געשעפט האָט זי באַמערקט, אַז לעבן איר שטייט ר׳ תנחום און באַקוקט און טאַפּט די סחורות, וועלכע זי האָט זיך געהייסן ווייזן.

איז מען געפאָרן זען אַ חתן, איז ר׳ תנחום געווען דער ערשטער. האָט מען זיך געדונגען וועגן נדן, איז דער ראש המדב־רים געווען ר׳ תנחום. איז אויסגעבראָכן צווישן דעם טאַטן און זיינס אַ באַקאַנטן אַ מחלוקה, האָט די הויפּט־ראָלע געשפּילט ר׳ תנחום. האָט מען זיך געהאַלטן ביים איבערבעטן, איז דער שליח געווען ר׳ תנחום.

עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז ר׳ תנחום האָט זיך אַריינ־געמישט אין דעם וואָס מען זאָל קאָכן. ווען די מאַמע איז מיטוואָך פאַר נאַכט אַראָפּגעגאַנגען צו דער עופות־הענדלערקע זאָגן, וואָס זי האָט אַרויפצושיקן אויף שבת, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ר׳ תנחום איז שוין געווען און אַלץ באַשטעלט.

ר׳ תנחום פלעגט שאַפן מיין מאַמען געלט אויף פּראָצענט, ווען זי האָט באַדאַרפט אויף אַ זאַך, צי אויף אַ צוועק, וועגן וועלכן ס׳איז איר געווען ליבער, אַז דער טאַטע זאָל דערפון נישט וויסן. ר׳ תנחום האָט געוווּסט דעם אמתן רעכענונג פון דער טייערער שניידערין און מאָדיסטקע (הוטן־פוצערקע), ביי וועלכער מיינע שוועסטערס האָבן זיך געניית און געקויפט היטן, אַ זאַך וועגן וועלכער מיין טאַטע האָט אָפּט נישט געטאָרט וויסן.

פון וואָס האָט ר׳ תנחום געלעבט? פון וואַנען האָט ער גענו־מען אויף פּרנסה?

מיר דאַכט זיך, אַז מיין טאַטע האָט אים געגעבן עפּעס אַזאַ מין ווי וואָכן־געלט. נישט אַלע מאָל די זעלבע סומע, אָבער דער־פאַר יעדע וואָך. אַחוץ דעם פלעגט ער באַקומען ספּעציעל געלט אויף דראָזשקעס, ווען מען פלעגט אים שיקן מיט שליחותן. געלט אויף דראָזשקעס האָט ער גענומען פוןביידע צדדים, און געגאַנגען איז ער צופוס. ווען ער פלעגט זיך געפינען מיט מיין מאַמען אין געשעפט ביים איינקויפן סחורות, האָט ער אויסגע־נוצט די געהעריקע מינוט צו ווייזן דעם סוחר אָדער דעם הויפּט־משרת פינף פינגער, וואָס דאָס האָט געהייסן, אַז ער וויל דערביי פאַרדינען פינף פּראָצענט. אַ חוץ דעם פלעגט ער, ווען די מאַמע

האָט שוין אַלץ געהאַט אָפּגעקליבן, הייסן אָפּשניידן פאַר זיך אויף אַ פּאָר הויזן, אָדער סחורה אויף אַ קאַפּאָטע. ווען ער איז אַריינגעגאַנגען זאָגן צו דער עופות-הענדלערקע וואָס זי זאָל אַרויפברענגען אויף שבת, פלעגט ער שוין ביי דער געלעגנהייט עפּעס גענימען פאַר זיך.

אַ גאַנצע וואָך איז ר׳ תנחום ביי אונדז געזעסן. נאָר שבת און יום-טוב האָט ער זיך ביי אונדז לגמרי נישט געוויזן, כאָטש ער איז געווען, ווי מיין טאַטע, אַן אַלעקסאַנדער חסיד און געדאַוונט צוזאַמען מיט אים אין איין שטיבל. ר׳ תנחום האָט געהאַלטן אונדזער שטוב פאַר דעם מקור פון זיין פּרנסה, פאַר זיין געשעפט, און אין געשעפט אַריין וועט דאָך אַזאַ ייד ווי ר׳ תנחום, פאַרשטייט זיך, אום שבת נישט קומען...

געווען אַ צייט, ווען איך האָב נישט גערן געהאַט ר׳ תנחומען. ביי אונדז האָט מען דערציילט, אַז ביי זיך אין שטוב, ביי זיין ווייב און קינדער, האָט ער גאָרנישט וואָס צו זאָגן, האָט ער מן-הסתם דעריבער זיין גאַנצן ווילן צו הערשן געוואָלט אויסלעבן אויף מיר. פאַר אַ ליאַדע-וואָס, פאַר דער מינדסטער קלייניקייט, וואָס איך האָב געטאָן, פאַר אַ שפּרונג, אַ טאַנץ, פאַר דעם מינדסטן שטיפ, האָט ער געשריגן, אַז מען דאַרף מיך שמייסן, נאָר שמייסן. ער האָט צו מיר גערעדט אַזוי גראָב וועגן אַראָפּלאָזן די הויזן און רייסן פּאַסעם פון הינטן, דערביי זיך באַלעקט מיט די גראָבע ליפּן און געבלינצט מיט די אויגן ווי אַ שיכור, אַז כ׳פלעג פאַרציטערט ווערן.

איין מאָל האָט ער געבראַכט אַ קאַנטשיק פאַר מיינעטוועגן. מיינע שוועסטערן האָבן דעם קאַנטשיק גיך צוגעגנבעט, צעשניטן אויף שטיקלעך און אַריינגעוואָרפן אין מיסט.

אין אָנהייב האָב איך זייער מורא געהאַט פאַר ר׳ תנחומען. אָבער ווען כ׳האָב געזען, אַז סיי דער טאַטע און סיי די מאַמע מאַכן זיך גאָרנישט פון דעם וואָס ער זאָגט וועגן מיר, האָב איך אויפגעהערט פאַר אים מורא צו האָבן. אָבער נישט גערן האָב

איך אים געהאַט און אים אָפּגעטאָן פאַרשידענע שפּיצלעך.

ווינטער, ווען דער אויוון איז געווען געהייצט, אין שטוב האָט געהערשט אַן אָנגענעמע וואַרעמקייט און ר׳ תנחום איז געזעסן אין פּאַלטן און געטרונקען הייסע טיי, פּלעגט אים די וואַרעמקייט צענעמען און ער פלעגט איינדרימלען זיצנדיק ביים טיש. ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם שווער געוואָרענעם קאָפּ אויף זיין רעכטער האַנט, וועלכע ער האָט געהאַלטן אויפן ברעג טיש, און איינגעשלאָפן. ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן אַרויסלאָזן אַ פּייף פון זיין רויטער נאָז, האָט די האַנט, אויף וועלכער זיין קאָפּ איז געווען אָנגעשפּאַרט ווי אויף אַ שאַרפן דרייעק, אָנגעהויבן ווערן לויזער און דער קאָפּ האָט זיך פּאַמעלעך געגליטשט איבער איר, ווי אויף אַ שינע. ער האָט זיך אַזוי געגליטשט עטלעכע רגעס, ביז וואַנען ער האָט זיך אַ קלאַפּ אָן געטאָן אין טיש. ר׳ תנחום האָט אָן עפן געטאָן די אויגן, ווידער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, צונויפגעצויגן די האַנט, שאַרף געמאַכט דעם דרייעק, אַרויפגע־לייגט דעם קאָפּ אויף דער דלאָניע, ווידער איינגעשלאָפן, ווידער זיך אַראָפּגעגליטשט, און אַזוי כסדר.

איך האָב גענומען אַ גלאָז קאַלט וואַסער און אַוועקגעשטעלט לעבן דעם דרימלענדיקן ר׳ תנחומען. איך האָב אַזוי אויסגערעכנט, אַז ווען זיין קאָפּ וועט זיך אַראָפּגליטשן פון דער האַנט, זאָל די נאָז אַריינפאַלן אין סאַמע גלאָז אַריין. און אַזוי איז געשען. ווען ר׳ תנחומס קאָפּ האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון דער האַנט און איז געפאַלן אויפן טיש, איז זיין צעוואַרעמטע רויטע נאָז אַריינ־געפאַלן אין גלאָז קאַלטן וואַסער אַריין. ער האָט זיך אַ ריס אויף געטאָן פון שלאָף מיט אַזאַ ווילדער שרעק און האַסטיקייט, אַז די שטול אויף וועלכער ער איז געזעסן, איז אומגעפאַלן. ער האָט געמאַכט אַ רעש, זיך סקאַנדאַלעוועט, ווידער געשריגן צו מיר וועגן אַראָפּלאָזן די הויזן און רייסן שטיקער פון הינטן. אָבער איך האָב שוין פאַר אים נישט מורא געהאַט. איך האָב פון זיינע סטראַשונקעס געלאַכט.

*

מיין טאַטע איז געווען זייער אַ באַשעפטיקטער מענטש. אין מיטן דער וואָך האָב איך אים געזען נאָר ביי די מיטאָגן. אָפט פלעגט ער אויך אַוועקפאָרן אויף גאַנצע וואָכן. אַוועקפאָרן פלעגט ער אין די פאַרטאָגן שטיל, אַז קיינער האָט נישט געהערט, און צוריקקומען פלעגט ער אין די אָוונטן, מיט אַ רעש, מיט אַ שטור־עם. פון טאַטנס אַוועקפאָרן האָב איך נישט געוווּסט פאַרויס. אָפט פלעג איך ערשט ביים מיטאָג געוואָר ווערן, אַז דער טאַטע איז נישטאָ. ווען ער דאַרף צוריקקומען האָבן מיר געוווּסט, מיר האָבן אויף אים געוואַרט, אַפילו ווען די באַן פלעגט קומען שפּעט אין אָוונט.

די מאַמע איז געווען זייער פאַרנומען מיט דער באַלעבאַטיש־קייט, מיט איינקויפן, מיטן אַכטונג געבן אויפן קאָכן, מיט דער וועש און מיט די שניידערקעס. אַ גאַנצן טאָג, ביז שפּעט אין דער נאַכט געווען פאַרטאָן.

ווען דער טאַטע איז געווען אין וואַרשע, איז ר׳ תנחום געווען פאַרנומען אַרום אים. אָבער ווען דער טאַטע איז אַוועק־געפאָרן, האָט ער זיך אין גאַנצן „געווידמעט" דער שטוב. ער האָט צעפּאַכעט די הענט, פאַרקאַטשעט די פּאָלעס. ער האָט האַס־טיק מאַרשירט פון איין שטוב אין דער צווייטער, געווען פאַר־שמייעט און אָפט גערופן דער מאַמען:

— ר׳ איטשע מאירס וואַב, זאָט אַזוי גיט, כ׳דאַרף אַך עפּעס זוגן!

אַלע געהיימע פראַצענט-געשעפטן האָט ר׳ תנחום דערליי־דיקט מיט מיין מאַמען, ווען דער טאַטע איז געווען אַוועקגע־פאָרן. עפּעס האָט ער דעמאָלט בכלל געהאַט אַ סך ענינים צו ברענגען אין אָרדענונג, און אָפט גענומען ביי דער מאַמען געלט אויף דאָראָזשקעס.

אַרומשמייענדיק איבער די שטובן האָט ער אויך אַ מאָל אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין דער שטוב פון מיינע שוועסטערס.

ווען ער האָט דערזען אַ פולע שטוב מיט מיידלעך, האָט ער גע־גלאָצט מיט די אויגן און זיך פּלוצים אָנגערופן: — צ׳האָט האַנט געדאַוונט?

— פאַניע תנחום — האָט זיך מיינס אַ שוועסטער אָנגע־רופן — ניעך פאַן תנחום שיע דאַ נאָס ניע ווטראַנצאַ (זאָל זיך ר׳ תנחום צו אונדז נישט אַריינמישן).

— ווטראַנצאַ, שמאַנצאַ, — האָט ר׳ תנחום איר נאָכגע־שפּעט. — זעטס נאָר די שטיב מיט שיקסעס! — האָט ער זיך ווילד צעשריגן און צוגעהאַקט די טיר.

אין דעם האָט זיך געהערט זיין רופן:

— ר׳ איטשע מאירס וואַב! ר׳ איטשע מאירס וואַב! זאָט׳ס אַזוי גיט!

די מאַמע איז אַריינגעקומען און זיך געפרעגט:

— ר׳ תנחום, וואָס איז?

— איר האָט דאָך אַ פילע שטיב מיט מיידן, מע דאַרף זיי חתונה מאַכן!

— ר׳ תנחום, וואָס רעדט איר? — האָט די מאַמע געזאָגט ווי מיט אַ פאַרוואורף — די עלטסטע איז שוין אַ כלה און די רעשט זענען דאָך נאָך גור יינגע קינדער.

— זיי זענען שוין גור נישט יינג, — האָט ר׳ תנחום גע־פּסקנט, — מען דאַרף זיי חתונה מאַכן!

— ני, אדרבה — האָט די מאַמע גוטמוטיק צוגעשמייכלט.

— כ׳וועל שוין זעיען, כ׳וועל זעך שוין נעמען דערצי.

זעט אוים, אַז מיינע שוועסטערס האָבן געהערט דעם שמועס צווישן ר׳ תנחומען און דער מאַמען. שפּעטער, ווען ר׳ תנחום איז געזעסן ביים טיש און געטרונקען טיי, האָט זיך געעפנט די טיר פון מיינע שוועסטערס צימער, און די קליינע עווא, אַ שיינע, אַ באַחנטע און אַ דרייסטע, איז צוגעגאַנגען צו ר׳ תנחומען, געמאַכט פאַר אים אַ קניקס און געפרעגט: — פאַניע תנחום,

קיעדי שיע פאַן נעמען דערצי? (ר׳ תנחום, ווען וועט זיך ר׳ תנחום נעמען דערצו?).

פון אונטער דער טיר פון מיינע שוועסטערס שטוב האָט זיך דערהערט אַ הילכיק געלעכטער.

— אוי חציפות, חציפות — האָט געקרעכצט ר׳ תנחום. — כ׳על זעך שוין נעמען דערצי, כ׳על זעך שוין נעמען!

*

ווען ר׳ תנחום האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביי דער מזרח־וואַנט דאַווענען מנחה, האָט ער זיך געשאָקלט זייטיק, פון רעכטס אויף לינקס, ער איז אַזוי ווי געשווומען. ווען ער איז געקומען צו שמונה־עשרה, האָט ער אין אָנהייב זיך געשאָקלט פּאַמעלעך, און ביסלעכווייז זיך וואָס אַ מאָל שטאַרקער צעוויגט. איך פלעג נעמען שטיקער ראָזאַ דין פּאַפּיר, אין וועלכע מען פלעגט פּאַקן פלעשער וויין, און ווען ר׳ תנחום האָט זיך גאָר שטאַרק צע־שאָקלט, אַריינשטעקן אים אַזעלכע צוויי שטיקער פּאַפּיר איןביידע קעשענעס פון פּאָלטן. אין דער פאַרנאַכטיקער טונקלקייט, האָט דער שאָקלענדיקער זיך ר׳ תנחום אויסגעזען, ווי אַ גרויסער, שווימענדיקער פיש מיט צוויי ראָזאַ לאַנגע פלוס־פעדערן ביי די זייטן.

*

אַזוינעם געדענק איך ר׳ תנחומען פון מיינע פריִע קינדער־יאָרן. שפּעטער האָב איך זיך אַ סך, זייער אַ סך, אָנגעהערט פון אים. און וואָס איך האָב געזען און געהערט. וועל איך באַשרייבן.

תנחום האָט חתונה

מען האָט דערציילט, אַז ווען תנחום האָט חתונה געהאַט, איז ער שוין געווען אַ בחור אין די יאָרן.

וואָס הייסט דאָס אַ בחור אין די יאָרן? וויפל האָט באַדאַרפן אַלט זיין אַ נישט-חתונה געהאַטער מאַנצפּערשוין, אַז מען זאָל אויף אים זאָגן: אַ בחור אין די יאָרן? דאָס ווייס איך נישט. כ׳בין זיך אָבער משער, אַז ביי אַ חסידישן בחור האָט מען גע־מיינט, ווען ער איז שוין נאָך די צוואַנציקער, ווען גאָט האָט שוין אויף אים געזאָגט: תיפּח עצמותיו. וואָרעם די גמרא זאָגט אין קידושין: ביז צוואַנציק יאָר זיצט גאָט און וואַרט ביז דער מאַן זאָל חתונה האָבן. איז ער שוין געוואָרן צוואַנציק יאָר און ער האָט נישט חתונה געהאַט, זאָגט ער: זאָלן געשוואָלן ווערן, צעדרייט ווערן זיינע ביינער.

אויף תנחומען האָט מען געזאָגט, אַז אפילו ווען ער האָט שוין יאָ חתונה געהאַט, האָט ער זיך שוין די ביינער קיין מאָל מער נישט אויסגעגליכן...

תנחום איז געווען אַ קיילעכיקער יתום. ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד זענען אים טאַטע-מאַמע געשטאָרבן, איינער נאָכן צווייטן, פון אַ טיפוס. תנחומען האָט גענומען צו זיך קיין וואַרשע אַ פעטער, זיין טאַטנס אַ ברודער. דער פעטער האָט תנחומען געהאַלטן אין תלמוד-תורהס, געשיקט אין ישיבות און אַכטונג געגעבן ער זאָל אויסוואַקסן אַ בן-תורה.

כאָטש תנחום איז געווען אַ געזונטיקער, אַ הויכער, האָט ער שוין פון יינגלווייז אָן געהאַט אַ געבויגענע פּלייצע. פון וואַנען דאָס איז אים געקומען, האָט קיינער נישט געוווּסט. צו קיין דאָקטאָר איז מען מיט אים נישט געגאַנגען. מען האָט זיך

געטרייסט דערמיט, אַז ער האָט אַ פאַרזיכערטן ווייסן בילעט, אַז ער וועט פון מיליטער אין גאַנצן באַפרייט ווערן.

ווען ער איז בסך־הכל אַלט געוואָרן פופצן יאָר, האָט אים אָנגעהויבן שפּראָצן אַ געל־רויט בערדל, און באַלד איז עס זיך צעוואָקסן מיט אַ געדיכטקייט פון אַ ווילדן קוסט. די באָרד האָט זיך צעשפּרייט איבער זיין קין און באַקן, קוים די נאָז האָט מען פון איר אַרויסגעזען.

פאַרשטייט זיך, אַז צוליב דעם אַלעם איז תנחומען שווער געווען צו טאָן אַ שידוך, כאָטש אַלע האָבן אים געקענט פאַר אַ שיינעם בן־תורה און אַ ירא־שמים. אָבער די מיידלעך, אַפילו די חסידישע, האָבן נישט געוואָלט אַ בחור מיט אַזאַ פּלייצע און מיט אַזאַ באָרד.

תנחום האָט אויך נישט געהאַט וועך ס׳זאָל זיך פאַר אים איינשטעלן. דער פעטער זיינער פלעגט צוויי מאָל אין יאָר פאָרן צום רבין, און יעדעס מאָל אין קוויטל מזכיר געווען תנחומען, אַז ער דאַרף געהאָלפן ווערן מיט אַ שידוך. דאָס איז עס געווען. מער נישט. מרעיש עולמות געווען האָט ער נישט.

דער אַלעקסאַנדער רבי האָט אַפילו אַ מאָל זייער איידל מרמז געווען תנחומען, אַז צוליב אַ שידוך וואָלט ער געמעגט צוימען אַ ביסל דעם וווּקס פון דער באָרד זיינער. אָבער תנחום האָט גאָרנישט געטאָן דערצו. ער האָט די באָרד נישט אָנגערירט.

דאָס ערגסטע, וואָס האָט תנחומען אַמייסטן דערנידריקט און געשאַדט זיין מערכה און מעמד איז געווען דאָס, וואָס טאַקע זיין פעטער האָט געהאַט טעכטער חתונה צו מאַכן, אָבער קיין איינע פון זיי האָט תנחומען נישט געוואָלט פאַר קיין חתן — און דער פעטער אַליין האָט אויך נישט אַרויסגעוויזן קיין שום אינטערעס צו דעם שידוך.

די יאָרן זענען געגאַנגען — און תנחום איז געזעסן אין שטיבל און געלערנט. זיין פעטער האָט אים אויסגעהאַלטן מיט עסן און הלבשה, אָבער זינט תנחום איז אונטערגעוואָקסן, האָט ער ביים

פּעטער נישט געוווּנט. נישט דער פּעטער זיינער האָט דאָס גע־וואָלט און נישט ער, תנחום. און דאָס אַלץ צוליב די מיידן, דעם פּעטערס טעכטער. סיי תנחומען און סיי דעם פּעטער זיינעם, איז געווען שטאַרק פּושיקרע ער זאָל שלאָפן אין אַ שטוב, וווּ ס׳זענען פאַראַן עטלעכע דערוואַקסענע מיידן, און דערצו נאָך אַזעלכע וואָס קיין איינע פון זיי וויל אים נישט פאַר קיין חתן.

די מומע, דעם פּעטערס ווייב, כאָטש זי איז פאַר תנחומען געווען כמעט אַ פרעמדע, יעדנפאַלס נישט קיין לייבלעכע קרובה, האָט זי פון דעסטוועגן גאָרנישט געהאַט דאַקעגן, אַז ער זאָל ווערן אירס אַן איידעם.

זי האָט אים גערן געהאַט פאַר זיין פרומקייט, פאַר זיין יושר־לב, פאַר זיין רעכטפאַרטיקייט, און אויך דערפאַר, וואָס ער איז אַזוי ווייט געווען פון חניפה. כאָטש אַ יידענע, האָט תנחומס מומע שטאַרק פיינט געהאַט חניפה.

אָבער די מומע האָט נישט געהאַט קיין דעה נישט ביי איר מאַן, תנחומס פּעטער, און נישט ביי אירע טעכטער, וואָס האָבן אַלע מאָל געהאַלטן מיטן פאָטער. ווען ס׳איז אַמאָל אויסגעבראָכן אַ מחלוקה צווישן דער מומען מיטן פּעטער, זענען זיי שטענדיק געווען אויף זייער פאָטערס צד, ווי משונהדיק דאָס זאָל נישט זיין.

תנחום האָט געגעכטיקט אין אַ מאַנופאַקטור־געשעפט אויף דער גענשע־גאַס. ער האָט דאָרט געהאַט אַן אויסלייג־בעטל, אַ קישן און אַ רויטע וואַטענע קאָלדרע. דאָס אַלץ איז אַ גאַנצן טאָג געווען פאַרשטעקט אין אַ ווינקל, נאָר ביי נאַכט, צווישן צען און עלף אַ זייגער, פלעגט תנחום קומען, אויפעפענען די טיר פון געשעפט, אויפשטעלן דאָס בעטל און זיך לייגן שלאָפן. אַזוי אַרום האָט ער געהיטן דאָס געשעפט פאַר גנבים, מען זאָל עס נישט באַגנבענען, און אַ חוץ אַן אָרט צו נעכטיקן אויך דערפאַר באַקו־מען עטלעכע רובל אין קעשענע אַריין.

יעדן ביינאַכט, נאָכן אָפּעסן נאַכטמאָל, פלעגט תנחום זיך אַרויסשאַרן פון זיין פּעטערס הויז מיט שטילע טריט, זאָגנדיק

„אַ גיטע נאַכט״ נאָר דעם פעטער און דער מומען. ער האָט אויסגעמיטן די מיידן, זיינע שוועסטערקינדער. אים האָט זיך אויסגעדאַכטן, אַז גראָד ביים געזעגענען זיך אויף ביינאַכט, קוקן זיי אויף אים מיט חוזק־בליקן.

פרייטיק־צונאַכטס האָט תנחום נישט געגעסן ביים פעטער. ער האָט געזאָגט אַ תירוץ, אַז דער באַלעבאָס פון געשעפט האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל דורכוים ביי אים עסן די פרייטיק־צו־נאַכטסדיקע סעודה. דאָס איז געווען אמת. דער באַלעבאָס האָט אים טאַקע געבעטן, אָבער תנחום האָט ביי אים נישט געגעסן.

כאָטש פון קינדוויז אָן אַ יתום און זיך אויפגעהאַלטן ביי אַ פעטער, איז תנחום נישט געוווינט געווען צו עסן ביי פרעמדע טישן. אויף דעם באַלעבאָס בקשה, האָט ער געענטפערט, אַז דער פעטער בעט אים ער זאָל נישט אוועקגיין פון זיין שבתדיקן טיש. און דאָס איז אויך געווען אמת.

אַזוי איז געשען, אַז פרייטיק־צונאַכטס האָט תנחום אין ערגעץ נישט געגעסן די ערשטע שבתדיקע סעודה.

ער פלעגט קומען אין געשעפט אַריין פרייטיק פאַר נאַכט, אָנצינדן אין אַ זייטיק שטיבל צוויי קליינע ליכטלעך, מקבל־שבת זיין ביחידות, מאַכן קידוש איבער צוויי חלהלעך, זיי אויפעסן און נאָכטרינקען קאַלט וואַסער פון קראַן. דערווייל פלעגן זיך די קליינע ליכטלעך אויסברענען און תנחום האָט געזונגען די שבת־דיקע זמירות און געבענטשט אין דער פינצטער.

ער האָט פרייטיק־צונאַכטס נישט געוואָלט עסן ביים באַלע־באָס, ווייל ווי געזאָגט, איז ער נישט געוווינט געווען צו עסן ביי פרעמדע טישן. ביים פעטער האָט ער נישט געקאָנט עסן. נישט ווייסנדיק אַליין פאַר וואָס, האָט תנחום דווקא אין די פרייטיק־צונאַכטסן געפילט אין זיך אַ טיפע תרעומות, אַ שטילע, ווייטיק־לעכע טענה צום פעטער זיינעם, פאַר וואָס ער נעמט אים נישט פאַר קיין איידעם, כאָטש אַ גאַנצע וואָך איז ער לגמרי געווען פריי פון טענות צום פעטער. פאַרקערט, ער איז געווען פול מיט

הכרת טובה, פול מיט דאַנקבאַרקייט פאַר דעם אַלעם וואָס דער פעטער טוט פאַר אים. תנחום האָט אויך געפילט, אַז זיינע פריי־טיק־צונאַכטסדיקע תרעומות צום פעטער ברענגען אים צו הרהורי עבירה.

און נאָך אַ סיבה איז געווען וואָס האָט באַוויגן תנחומען נישט צו עסן פרייטיק־צונאַכטס נישט ביים פעטער און נישט ביים באַלעבאָס. ער האָט נישט געוואָלט עפּענען אום שבת אַ געשעפט, וואָס גייט אַרויס אין אַ גאַס. אמת, ער האָט זייער גוט געוווּסט, אַז דאָס איז נישט, חלילה, קיין עבירה, נישטאָ אין דעם דער מינדסטער חשד אויף אַן עבירה, ס׳האָט קיין שום שייכות נישט, חס וחלילה מיט חילול שבת, מיט אַ שאָטן פון עפּעס אַזוינס. אָבער דאָס עפענען מיט די אייגענע הענט אַ געוועלב אום שבת, ווען אַפילו בלויז דאָרט צו נעכטיקן, האָט תנחומען מוראדיק געקווּעלט, און ער האָט דאָס געוואָלט אויסמיידן.

יאָ, שבת אין דער פרי, ווען ער איז געגאַנגען דאַווענען אין שטיבל, האָט ער געמוזט אַרויסגיין פון געשעפט און עס פאַר־שליסן פון דרויסן. אָבער פאַרשליסן איז נישט דאָס זעלבע וואָס עפענען.

ס׳איז אים געווען אַ פּיין, וואָס ער מוז שלאָפן אין אַ געשעפט. אַ געשעפט איז אַ רשות־הרבים, ווער ס׳וויל קאָן דאָרט אַריינקומען. תנחומען האָט דאָס נעכטיקן אין אַזאַ מין רשות־הרבים געגעבן אַ געפיל, אַ דערדריקנדיק געפיל, ווי ער וואָלט געווען חלילה הפקר. קיין שום געפיל איז תנחומען נישט געווען אַזוי פרעמד, האָט אים אַזוי נישט געשראָקן, ווי דאָס דאָזיקע. אפשר דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ יתום, האָט ער דווקא שטאַרק ליב געהאַט אַ היים. און צו האָבן אַ געפיל, אַז ער האָט אַן אייגענע היים איז תנחומען קיין מאָל נישט געווען באַשערט...

ער האָט געהאַט חברים אין דער ישיבה און שפּעטער אין שטיבל, וואָס האָבן אויך גענעכטיקט אין געשעפטן. זיי זענען אַלע געווען פּראָווינצער און זיי האָבן דווקא הנאה געהאַט פון

דעם געפיל פון הפקרות, וואָס עס האָט זיי געגעבן דאָס נעכטיקן אין די געשעפטן, ווייט פונעם אויג פון טאַטע־מאַמע.

תנחום האָט אויך געשטאַמט פון דער פּראָווינץ. נאָר ווייל ער איז פון קינדווייז אויף דערצויגן געוואָרן אין וואַרשע, האָט ער אַליין, און אַלע וואָס האָבן אים געקענט, אים געהאַלטן פאַר אַ וואַרשעווער.

אַזוי זענען תנחומס יוגנט- און פרי־מענער־יאָרן אַוועק אין גרויסע קוועלן, אין אַ טיפער בענקשאַפט צו אַן אייגענער היים. ער האָט געוווּסט, אַז „ביתו זו אשתו", אַז מען זאָגט „הויז", „היים", מיינט מען — ווייב, אָבער אַז מען קאָן האָבן אַ ווייב און נישט האָבן קיין היים, דאָס איז אים קיין מאָל גאָרנישט איינגעפאַלן...

*

ווען מען האָט תנחומען אָנגעשלאָגן דעם שידוך מיט ר׳ מרדכי בערס, דעם אַסטראָווצער חסידס, טאָכטער, האָבן דאָס אַלע געהאַלטן פאַר אַ גליק־שידוך. די כלה איז געווען ר׳ מרדכי בערס יינגסטע טאָכטער. דער טאַטע האָט איר געגעבן טויזנט רובל נדן במזומנים, און צוגעזאָגט דריי יאָר קעסט.

אמת, מען האָט געזאָגט, אַז די כלה איז נישט קיין וואַזשנע יפת־תואר. די מיידן פון תנחומס פעטער האָבן, זינט מען האָט אים גערעדט דעם שידוך, געקוקט אויף אים און געלאַכט, כיכי־קעט. זיי האָבן אים ביים טיש געפרעגט: — תנחום, די האָסט שוין געזען די כלה? דער פעטער האָט זיך אויף זיי געבייזערט, געשריגן: — חציפות, שוואַגטס! אָבער תנחום האָט סיי ווי זיך געמאַכט נישט הערן וואָס זיי רעדן צו אים.

די כלה, וועלכע מען האָט געשדכנט תנחומען, איז געווען אַ הויכע, מיט אַ לאַנג פּנים און לאַנגע אויערן, מיט אַ גרויסער, פליישיקער נאָז און גערעדט האָט זי מיט אַ באַסאָווער שטים, ווי אַ מאַנצפּערשוין.

אָבער תנחומען איז דאָס אַלץ נישט אָנגעגאַנגען, ער האָט נישט אַזוי געוואָלט ווערן אַ חתן, ווי געוואָלט אַרויס פון בחורישן שטאַנד. ער האָט געוווּסט, ער האָט געהערט, אַז זיין פעטערס טעכטער זענען שיינע מיידן. אָבער „שקר החן והבל היופי", אַ ליגנט איז דער חן און אַ נאַרישקייט איז די שיינקייט, זאָגט שלמה המלך. תנחום האָט געוואָלט אַ ווייב און אַן אייגענע היים.

ווען ס'איז געוואָרן פון שידוך און תנחום איז מיט מזל אַ חתן געוואָרן, און דערצו נאָך באַקומען פון מחותן אַ גאָלדענעם זייגער, איז זיין שמחה געווען אין לשער, גאַרנישט צום באַשרייבן.

די טויזנט רובל מזומנים האָט מען איינגעלייגט ביי דוד משה שערעשעווסקין, אין זיין באַנק ביים אייזערנעם טויער. תנחום האָט דעמאָלט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן געזען אַן אמתע באַנק, נישט קיין שטיבל-באַנק.

מען האָט אָפּגעשמועסט די חתונה אויף דריי חדשים נאָך די תנאים. דער פעטער האָט דעם חתן געלאָזט אויפנייען אַ גאַנץ שיינעם אויסשטייער און מען האָט געפּראַוועט אַ חתונה בהרחבה, כדת וכדין, ווי ס'קומט פאַר אַ בתולה מיט אַ בחור.

*

באַלד נאָך דער חתונה האָט תנחום געזען, אַז ער איז אַריינ-געפאַלן. זיין ווייב, גאָלדע לאה, האָט אים געהאַלטן אין איין טאָן טובות. זי האָט זיך געגרייסט איבער אים, געבלאָזן פון זיך און אים ביי יעדער געלעגנהייט געגעבן גראָב אָנצוזעהערן, אַז ער האָט געטאָן אין איר אַ גליק-שידוך, געכאַפּט אַ ווילדע מציאה.

תנחום האָט געגעסן קעסט. מען האָט דעם פאַרפאָלק אָפּגע-געבן אַ שטוב פון דער דריי-צימערדיקער דירה, אין וועלכער ס'האָבן געוווינט זיין שווער און שוויגער.

אַ חוץ די צוויי נייע בעטן, וועלכע מען האָט אַריינגעשטעלט פאַרן פאַרפאָלק, זענען אַלע מעבלען אין דער דירה געווען אַלטע. גרויס און אַלט. די קרעדענצן, די מלבושים און וועש-שענק זענען

געווען ווי גרויסע, טונקעלע, אַלטע געביידעס, באַפּוצטע מיט שניצעכטס און מעש.

ווען תנחום פלעגט מיט זיין געזונטן טראַט גיין איבער די שטובן, האָבן די אַלטע מעבלען אַרויסגעגעבן פון זיך טיפע קרעכצן, ווי מען וואָלט זיי געווען מיט עפּעס וויי געטאָן, אָדער ווי מען וואָלט זיי געשטערט אין זייער מידן דרעמל. ווען מען האָט געעפנט אַ טיר פון אַזאַ שאַנק, צי קרעדענץ, האָט זי געאָכצט, און זיך צעגאַנגען אין אַ געיאָמער.

אויף תנחומען, וואָס טראָץ זיינע שווערע יאָרן איז ער געווען אַ לעבעדיקער, אַ פריילעכער, האָט דאָס אַלץ אָנגעוואָרפן אַ טיפן אומעט. אים האָט זיך אויסגעדאַכטן, אַז ער געפינט זיך אין אַ הקדש מיט קרעכצנדיקע און אָכצנדיקע קאַליקעס.

זיין ווייב, גאָלדע לאה, האָט אין גאַנצן נישט דורכגעמאַכט די בלי-צייט פון אַ יונג ווייבל, ווי דאָס געשעט געוויינלעך ביי מיידלעך וואָס האָבן התונה. זי איז באַלד געוואָרן אַ יידענע, אַ בייזע, אַן אָנגעדראָדלטע, געקוקט אויף איר מאַן, תנחומען, ווי אויף אַ פרעמדן, וואָס האָט זיך אַריינבאַקומען אין זייער הויז אַריין און פאָדערט זיין מאַנצבילישע רעכט.

דער שווער איז צו תנחומען געווען זייער צוגעלאָזן, ער האָט מיט אים גערעדט, געשמועסט אין לערנען, געפרעגט אים מבינות אויף אָסטראָוועצער הסידות, געהאַלטן אים נאָענט צו זיך, אים שטאַרק מקרב געווען.

תנחומען איז אָבער די אומעטיקע שטוב פון שווער און שווי־גער געווען זייער נישט צום האַרצן. ער האָט פון יאָרן משתוקק געווען צו האָבן אַן אייגענע היים. האָט ער זיך איין מאָל פאַרטרויט פאַרן שווער, אַז ער וואָלט זיך געוואָלט נעמען צו עפּעס אַ מיסחר בכדי קאָנען פריער, ווי ס׳איז געווען באַשטימט, אַראָפּגיין פון די קעסט און גיין אויף אייגנס.

דער שווער האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר גרויסע, פאַר־וואונדערטע אויגן.

— ס'הייסט? אַ יינגער מאַן וואָס זיצט אַף אַלעם גרייטן, וואָס קען מיט אַ ריאיקן קאָפּ זיצן אין לערנען, עסן און טרינקען און הובן פין כל גיטס, זאָל מיט די אייגענע הענט זעך אַראָפּליינגן אַ מיל־שטיין אויפן קאַרק? הנשמע כזאת בעולם? האָט שוין די וועלט אַ מול אַזעלכעס געהערט? — איז דער שווער געוועז אויסער זיך.

תנחום איז פון זיין שווערס רייד, פון זיין אויפגעברויזטקייט, געוואָרן שטאַרק פאַרשעמט. ער האָט באַדויערט וואָס ער האָט אָנגעהויבן וועגן דעם צו רעדן. תנחום האָט זיך דערפילט שולדיק, ווי ער וואָלט חלילה געווען אַ כפוי טובה, נישט דאַנקבאַר פאַר די חסדים וואָס זענען מיט אים געשען. ער האָט זיך געדרייט ווי אַ וואָרעם און קוים אַרויסגעקריגן פון זיך די פּאָר ווערטער:

— זאָל מיר דער שווער מוחל זאַן, טאַקע גערעדט נאַריש־קייטן. אפשר זינדיק יעך וואָל ס'איז מיר צי גיט. „וישמן ישורון ויבעט", אַז מען ווערט פעט — בריקעט מען.

— ני, ני, ס'איז זייער שיין פין דאַן זאָט וואָס די קענסט הובן הרטה. דוס איז דווקא אַ גיטע מידה — האָט אים דער שווער באַרויִקט.

ווען תנחום האָט זיך מתנצל געווען פאַר זיין שווער, האָט זיין ווייב געקוקט אויף אים מיט אַ קרומען בליק און געקריצט מיט די ציין.

פון דעסטוועגן, אין אַ שטיקל צייט שפּעטער, ווען זיי זענען אַ מאָל אַלע געזעסן ביים טיש, האָט זיך דער שווער אָנגערופן:

— תנחום, אויב די טראַכסט זעך אַמול צי נעמען צים מיסחר, כאַטש איך האַלט, אַז די דאַרפסט נאָך וועגן דעם אפילו קאַ קלער נישט טין, וואָס אי? גאָלדע לאה איז באַ מיר דוס יינגסטע קינד אין עך קענט באַ מיר זאַן ווי לאַנג עך וועט נאָר וועלן, דער איי־בערשטער זאָל נאָר שענקען יורן. נאָר אויב די טראַכסט יאָ אַמול וועגן מיסחר, וואָלט געווען אַ יושר, אַז מען זאָל דעם נדן אַראָפּ־נעמען פין דער באַנק, ווי מען צולט אַ קליינעם פּראָצענט, אין

אַוועקגעבן צי אַ סוחר, אַ נגיד, אַ קראַנטן מענטש, וואָס צולט ־גרעסערע פּראָצענטער. אַזוי אָרים וואָלט דער נדן זעך פאַרגרע־סערט אין די וואָלסט מיט דער צאַט געקענט ציטרעטן צי אַ גרע־סער מיסחר.

תנחום איז באַלד איינגעאַנגען אויף זיין שווערס רייד. דווקא דאָס, וואָס תנחום האָט אַזוי גיך מסכים געווען, האָט געוועקט זיין ווייבס קענגערשאַפט. זי האָט געזאָגט, אַז זי האָט מורא דאָס געלט צו געטרויען אַ סוחר, וואָס היינט איז ער אויף די פיס און מאָרגן זעצט ער אָן.

אָבער דער טאַטע אירער, ר׳ מרדכי בער, האָט זיך שטאַרק אויף איר געוווּנדערט.

— וואָס הייסט, — האָט ער געזאָגט, — איך וויים שוין נישט ־ועימען צי געטראָען קאָ געלט? כ׳וועל שוין אָסזיכן אַזעלכן, וואָס ־ועט זעך אָף דאַנע טאָזנט ריבל נישט לאַשטשען. מעגסט זעך אָף מיר פאַרלאָזן.

און אַזוי איז געווען ווי ר׳ מרדכי בער האָט געזאָגט. מען האָט אָפּגענומען דאָס געלט ביי שערעשעווסקין און עס אַוועקגעגעבן צו אַ נאַלעווקער סוחר, אַ ייד אַ נגיד, אויף זייער אַ שיינעם פּראָ־צענט.

*

נישט לאַנג נאָך דעם, אין איינעם אָן אָוונט, איז ר׳ מרדכי בער און זיין איידעם, תנחום, אַהיימגעגאַנגען צוזאַמען נאָך מעריב פון שטיבל.

ר׳ מרדכי בער איז געגאַנגען אַ לענגערע צייט אַ שווייגנדי־קער, אַ פאַרטראַכטער. פּלוצים האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. תנחום האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט און געקוקט אויפן שווער מיט גרויס דרך־ארץ.

נאָך עטלעכע מינוט שטיין און שטילשווייגן, האָט דער שווער אָנגענומען תנחומען ביי די קליאַפּעס פון דער קאַפּאָטע, און געזאָגט צו אים זייער פּאַמעלעך, ציילנדיק יעדעס וואָרט:

— העיער, תנחום, כ׳וויל מיט דיר עפּעס רעדן. נאָר לאָמער אַראָנגיין אין אַ זאַטיקע גאַס. דו, אַף דזשיקע איז אַ שטאַרקער ר׳עש אין יעך האָב פּאַנט צי רעדן הויעך.

זיי האָבן פּאַרקערעוועט אין דער ניזקע. דאָס איז געווען אַ שמאָלע און שטילע גאַס. די הייזער וואָס זענען דאָרט געשטאַנען זענען דווקא געווען גרויסע, הויכע, פיר- און פינף-שטאָקיקע, נאָר דער אַריינגאַנג צו אַ טייל פון זיי איז געווען פון דער מוראַנאָווסקע גאַס.

ס׳איז געווען אַ קילער, נאָך-סוכותדיקער אָוונט. קיין רעגנס זענען נאָך נישט געפאַלן. די הויכע הייזער האָבן פאַרשטעלט דעם וועג פאַר דעם קאַלטן ווינט, וואָס האָט אָנגעצויגן פון דער ווייסל.

ר׳ מרדכי בער האָט געשטעלט פּאַמעלעכע טריט און תנחום איז אים נאָכגעגאַנגען, צוימענדיק כסדר זיין אַלע מאָל אייליקן טריט:

ר׳ מרדכי בער האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט און אָנגעהויבן:

— איז יאָ, הייסט עס, תנחום, אַז כ׳וויל מיט דיר עפּעס רעדן. אָבער כ׳בעט דעך, למען השם, אַז דוס זאָל בלאָבן צווישן אינדז. מאַן טאָכטער, דאַן וואַב, איז זייער אַן אָרנטלעך קינד, האַלט זעך מיט דרך־ארץ, היט אופּ דעם כיבוד אב ואם, אָבער אַ יידענע איז בטבע אַ חשדנית, האָט ליב חושד צי זאַן. אין די ווייסט דאָך, אַז „נשים דעתן קלה עליהן", וואָבער זענען לאָכטזיניק, זיי קענען לאָכט זוגן יאָ, און זיי קענען לאָכט זוגן — ניין.

נאָך דער דאָזיקער הקדמה, וועלכע ר׳ מרדכי בער, תנחומס שווער, האָט אָפּגעזאָגט שטייענדיק אויף איין אָרט, האָט ער אָנגעהויבן ווידער שטעלן פּאַמעלעכע טריט. תנחום איז אים נאָכגעגאַנגען אַ טיף פאַרטראַכטער. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זיין שווער רעדט נישט סתם אַזוי, אַז ער איז צו עפּעס מכוון. אָבער צו וואָס? וואָס וויל ער דערמיט זאָגן? וואָס מיינט ער און וואָס וויל ער?

אַזוי ווי ר׳ מרדכי בער וואָלט געלייענט אין זיין איידעמס

געדאַנקען, האָט ער אָנגעהויבן צו ציִען זיין אָנגעהויבענעם שמועס, דאָס מאָל שוין גייענדיק. ער האָט געקוקט פאַר זיך, געשטעלט פאַרזיכטיק יעדן טריט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, חלילה, גע־שטרויכלט צו ווערן.

ער האָט גערעדט שטיל, ווי צו זיך אַליין, אַזוי אַז תנחום האָט געמוזט זיך אָנשטרענגען אויפצוכאַפּן זיינע רייד. און געזאָגט האָט ער אַזוי:

— הער, תנחום. איך האָב צי מאַכן אַ גיט געשעפט. זייער אַ גיט געשעפט. ווּעסט די דאָך פרעגן, ווּוס איז דוס פאַרא געשעפט? מיסטי וויסן, אַז געשעפטן זענען האַנט פאַראַנען צי מאַכן אַ סך, אָבער גיטע געשעפטן זענען פאַראַן זייער ווייניק. ווּעסטי דאָך אוודאי פרעגן, פאַרוווּס דערצייל איך דיר דוס אַלץ? פאַרוווּס דאַרפסטי דוס אַלץ וויסן? ווּעל איך דיר ענטפערן באריכות. הער מיך אָס:

— איך האָב קיין מול נישט געמאַכט קאַ געשעפט מיט שותּפים. צאָט כ׳בין צי מאַן שכל געקימען אין געניטען האַנדלען, פירן מיסחרים, פאַבריקן, האָב איך קיין מול נישט געוואָלט הובן קאַ שותפים, כ׳בין אַנטלאָפן דערפין ווי פין פייער. ווי זוגט די וועלט: אַן אייל אָף אַן אייל, אַבי אַליין.

— יעצט האָב יעך אַ טראַכט געטין, נישט ווּעגן זיך, חלילה, נאָר ווּעגן דיר. אַזוי ווי איך וויל שטאַרק נישט די זאָלסט מבטל זאַן פין לערנען, איז אויב די ווילסט קען יעך דעך ציִנעמען פאַר אַ שותף צי אַ געשעפט ווּוס כ׳גיי יעצט מאַכן. נאָר וויסן זאָלסטי, אַז קאַ וואָרט ווּעיגן דעם זאָלסטי נישט זוגן נישט דאַן וואַב און נישט די שוויגער. חלילה וחלילה, חס מלהזכיר! יעך האָב פאַנט, אַז וואַבער מישן זעך אין מענערישע געשעפטן. פאַר מיר איז עס, רחמנא ליצלן, סם המות. זעיסט, תנחום, כ׳בין שוין ברוך־השם באַלד פערציק יור נוך דער חתונה, אין מאַן אידענע, דאַן שוויגער, ווייסט נישט עד היום פין ווּוס איך האָב אונגעהויבן און ווי יעך האַלט. אין אַזוי דאַרף עס זאַן. אַן עקרת־הבית דאַרף זעך נאָר

פּאַרנעמען מיט די שטיב, די העירסט, וואָס איך זוג דיר, תנחום, נאָר מיט די שטיב, מיט מעיר גורנישט.

תנחום, וועלכער האָט שוין געהאַט אַ בייז האַרץ אויף זיין ווייב, פאַר איר גרויסן זיך, פאַר דעם קוקן אויף אים פון אויבן אַראָפּ, פאַר איר גאַנץ גראָב התנהגות, פאַר איר פירעכץ מיט אים, האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז איצט איז געקומען דער ריכטיקער שעת-הכושר ער זאָל זיך אָפּנעמען פון איר פאַר דעם אַלעם, ווייזן איר ווער ער איז. „כאן מצא בעל-חוב לגבות את חובו״ — דאָ האָט דער בעל-חוב געפונען אַן אָרט אָפּצונעמען זיין חוב. ער וועט אויפמאָנען ביי איר פאַר אַלע השפלותן, פאַר אַלע דערנידעריקונ־גען מיט וועלכע זי האָט אים דערנידריקט. ער וועט מאַכן שותפות מיטן שווער, מאַכן אַ גוט געשעפט, ווערן אַ נגיד, און איר קיין וואָרט וועגן דעם נישט זאָגן, האַלטן זי פון דער ווייטנס פון אַלע זיינע ענינים. נאָר מיט דער שטוב זאָל זי זיך פאַרנעמען, אַן עקרת־הבית דאַרף זיך נאָר פאַרנעמען מיט באַלעבאַטישקייט און מער מיט גאָרנישט, האָט תנחום געטראַכט אין גרויס פאַרטראַגנקייט, נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון, אַז ער זאָגט אין געדאַנק נאָך זיין שווערס רייד.

— שווער, — האָט ער זיך אָנגערופן, — אדרבה ואדרבה, אויב דער שווער וויל מיך נאָר פאַר אַ שותף, וועל יעך קיינעם קאַ וואָרט נישט זוגן און מאַכן שותפות מיטן שווער. ס׳וועט זאַן פאַר מיר אַ גרויסער כבוד און ממש אַ גליק.

— וואָס פאַראַ שותף ביסטי, אַז די פרעגסט זעך אפילו נישט, וואָס איז דוס פאַראַ געשעפט? אין וואָס דאַרפסטי אַראַנלייגן אין שותפות אַראַן? — האָט דער שווער גערעדט צו תנחומען מיט גוטמוטיקן שפּאָט.

— יאָ, יאָ, כ׳האָט טאַקע פאַרגעסן צי פרעגן. אָבער כ׳מיין, אַז כ׳קען זעך אָפּן שווער פאַרלאָזן.

— פאַרלאָזן קענסטי זעך טאַקע, אָבער וויסן דאַרפסטי. וואָס,

די ביסט אַ יידענע די זאָלסט נישט וויסן? העיערזשע אָס, נאָר מיט קאָפּ.

— דום געשעפט איז אַ פאַבריק פין האָניק. אָבער אמתן האָניק מאַכט מען נישט אין קאַ פאַבריק, נאָר כ׳מיין שטוטשנעם, קינסט־ ל׳עכן האָניק. דום איז אַראָפּציפירן קאַ דאַטשלאַנד. די דאַטשן כאַפּן דום. זיי האָבן אַ סך זאַכן, אָבער צי פרעסן האָבן זיי קיין מול נישט געהאַט אין האָבן וואַטער נישט.

— פאַרשטייסטי דאָך, אַז באַ אַזאַ געשעפט איז טאָזנט רובל קאַ געלט נישט. ס׳איז גורניש. נאָר די האָסט דאָך נישט מער. וועט מען מיזן זיכן אַן עצה.

— שווער, — האָט תנחום זיך אָנגערופן אין גאַנצן אַן אויפ־ געקאָכטער, — זאָל דער שווער נעמען די טאָזנט ריבל, אין דער שווער וועט זיך שוין אַן עצה געבן. כ׳קען זיך אָפּן שווער פאַרלאָזן.

— יאָ, תנחום, אַז די ווילסט ווערן מאַן שותּף, דום זע יעך. אָבער צי יעך וויל ווערן דאַן שותּף, וועגן דעם דאַרף יעך נאָך זעך מיישב זאַן. אין אַ פּור טעג ארים וועל יעך דיר געבן אַ תשובה.

תנחום איז אין די טעג פון דערוואַרטונג אַרומגעגאַנגען אַ שטאַרק אויפגערוימטער, אַ געהויבענער ביי זיך. כאָטש דער שווער האָט אים געזאָגט, אַז ער מוז האָבן אַ יישוב־הדעת, האָט תנחום פון דעסטוועגן געפילט, געהאַט אַ געפיל פון זיכערקייט, אַז פון דעם שותּפות וועט יאָ ווערן. ער האָט געקענט זיין שווער און גע־ וווּסט, אַז ער רעדט נישט סתם אין דער וועלט אַריין. אויב ער האָט נאָר אָנגעהויבן מיט אים רעדן וועגן דעם געשעפט, איז עס שוין אַ זיכערע זאַך.

תנחום האָט אָנגעהויבן אַרומגיין אין שטוב מיט זיכערע טריט פון אַ בעל־הבית. אפילו די שטימע האָט זיך ביי אים געענדערט. זי איז געוואָרן הויך און קלינגעוודיק. אויף זיין ווייבס מורמלענישן האָט ער אָפּגעענטפערט זיכער און שאַרף. ער איז געוואָרן דרייסט צו איר, געמאָנט דאָס זייניקע. און ווי דאָס ווייב האָט שפּעטער

אויסגערעכנט, איז עס טאַקע געווען די צייט, אין וועלכער זי איז דאָס ערשטע מאָל פאַרגאַנגען אין טראָגן.

אין עטלעכע טעג אַרום, האָט דער שווער געזאָגט צו תנחומען, אַז ער באַשטייט אים צוצונעמען פאַר אַ שותף צו זיין ניי געשעפט. זיי זענען ביידע צוגעגאַנגען צום סוחר אויף די נאַלעוואָקעס, אָפּגע־נומען די טויזנט רובל, און תנחום איז געוואָרן אַ שותף צו זיין שווערס פאַבריק פון קינסטלעכן האָניק.

*

באַלד נאָך דעם מאַכן דאָס שותפות, האָט דער שווער אָנגע־הויבן האַלטן זיך פון תנחומען פון דער ווייטנס. ער האָט צו אים ווייניקער גערעדט ווי ביז איצט, אויסגעמיטן דאָס אַהיימגיין צו־זאַמען מיט אים פון שטיבל, און ביים טיש געזעסן אָנגעכמורעט.

תנחום האָט זיך דאָס אַלץ דווקא אויסגעטייטשט צום גוטן. אַזוי לאַנג ווי ער האָט בלויז געגעסן קעסט, האָט ער פאַר זיך אַליין מסביר געווען דעם ענין, אַזוי לאַנג ווי ער איז געווען אויף יענעמס, מילא, האָט אים דער שווער מקרב געווען. טאַקע זייער שיין געווען פון זיין זייט. אָבער איצט, ווען ער, תנחום, איז אַ שותף צום שווערס אַ געשעפט, אַ גלייכער מיט אַ גלייכן, טאָ צו וואָס דאַרף ער אים דאָס מקרב זיין? דער שווער דאַרף אים עפּעס טאָן טובות? ער איז אים עפּעס מחויב? ער פירט זיך אַזוי ווי עס ווילט זיך אים, ווי אים איז באַקוועם. וועמענס דאגה איז עס?

אָבער דער שווער האָט אויך אָנגעהויבן קרעכצן. ביים טיש, צי אין אָוונט, ווען ער איז געווען אין שטוב, האָט ער זייער שווער געקרעכצט. איצט האָט שוין נישט בלויז געקרעכצט תנחומס ווייב, די מעוברתע, נישט בלויז האָבן די אַלטע מעבלען געקרעכצט, נאָר אויך ר׳ מרדכי בער האָט געקרעכצט.

תנחומען האָט פון דעם שווערס קרעכצן אָנגעהויבן ווערן אומהיימלעך. ער האָט זיך אָנגעהויבן שרעקן... ער האָט פאַרלוירן דעם קוראַזש, געוואָרן געפאַלן ביי זיך און ווידער געלאָזט זיין ווייב נעמען איבער אים די אויבערהאַנט.

ביז איין מאָל, האָט ער דעם שווער אָפּגעוואַרט פאַר דער שטוב, און אים האַסטיק אַ פרעג געטאָן:

— שווער, ווי זעיט עפּעס אָס אינדזער געשעפט?

דער שווער האָט אים אָנגעקוקט ווי אַ ביסל אַ פאַרחידושטער, ווי ער וואָלט נישט געוווּסט וועגן וואָס ס׳גייט אים. דערנאָך האָט ער זיך ווי געכאַפּט, זיך אַ רייב געטאָן דעם שטערן ווי ער וואָלט זיך געוואָלט עפּעס דערמאָנען.

— אַ, די מיינסט די האָניק-פאַבריק? תנחום, דריי דיר נישט דעם קאָפּ, די זייַ אין לערן. זאָ נישט מבטל פון תורה. ס׳איז שוין גאַנץ געניג, אַז איך האָב אַ פאַרדרייטן קאָפּ.

מער האָט אים דער שווער גאַרנישט געזאָגט.

תנחום האָט דערפילט, אַז עפּעס איז נישט ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, אַז עפּעס טויג נישט דער ענין. וועק ווייס, צי ער איז נישט דאָ מיאוס אַריינגעפאַלן. פון דעסטוועגן, האָט ער באַלד אַ טראַכט געטאָן אויף צוריק, ווי דאָס איז דער שטייגער ביי לערנערס, וואָס פאַרטיפן זיך אין שקליא וטריאס, פון דעסטוועגן, קאָן מען זיך דעם שווערס רייד אויסטייטשן לכאן ולכאן, אהין און אהער. קאָן גאָר זיין, אַז דער שווער האָט אַ פאַרדרייטן קאָפּ, ווייל דאָס גע־שעפט איז זיך צעוואַקסן, און דער שווער האָט דאָך נישט נאָר דאָס איינע געשעפט, ווי שטייט אין פּרק „מרבה נכסים מרבה דאגה״, וועך עס מערט זיין פאַרמעגן, מערט זיינע דאגות. קאָן זיין, אַז דער שווער האָט צופיל געשעפטן און דערפאַר רעדט ער וועגן קאָפּ-דרייעניש און דערפאַר קרעכצט ער אַזוי אָפט.

תנחום האָט ווידער אַ מאָל אָפּגעוואַרט דעם שווער ביים אַרויסגיין פון שטיבל און זיך צו אים געוואַנדן בזו הלשון:

— שווער, כ׳זע, אַז דער שווער איז פאַרדאגהט. אפשר איז עס פאַרן שווער אַ צו גרויסער עול די אַלע געשעפטן. אפשר וואָלט יעך דעם שווער אַ ביסל ציגעהאָלפן אין די מסחרים?

דער שווער האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, אָנגעקוקט תנחומען פון אויבן ביז אַראָפּ, ווי ער וואָלט אים ערשט איצט

געזען דאָס ערשטע מאָל, און זייער רויִק און געלאַסן זיך אָנגערופן צו אים:

— כ'זע, תנחום, אַז צי אַלע מעלות ביסטו נאָך אַ שוטה אויך. די פאַרשטייסט נישט, אַז געשעפטן זענען אַ הימל־זאַך. אַלץ איז אין בורא־עולמס הענט. אַ מול גייען זיי גיט אין אַ מול גייען זיי שלעכט.

פון דעם וואָרט „שלעכט" איז תנחומען געוואָרן אַזוי שלעכט, שיער נישט צום חלשן. ער האָט זיך קוים אַהיימגעשלעפּט. אַרומ־געגאַנגען אין שטוב אַ צעטומלטער, געווען שטאַרק געדריקט אויפן געמיט, נישט געהערט כמעט, וואָס מען רעדט צו אים.

ווען תנחום איז געזעסן ביים אָנבייסן אַ פאַרדאַגהטער, האָט זיך דאָס ווייב זיינס אָנגערופן צו אים מיט צאָרן:

— אויב די עסט די קעסט מיט אַזאַ זאָער פּנים, וואָלסטו אפשר אַ טראַכט געטין וועגן נעמען זעך צי עפּעס? ווים מיינסטו, אַז די טיטס אַ טובה ווים די עסט קעסט? די מיינסט, אַז אויב דער טאַטשי האָט דיר ציגעזוגט דריי יור קעסט, מיזטו אים טאַקע אופּעסן די ביינער?

תנחום האָט אַ בליק געטאָן אויפן ווייב. זי האָט געקוקט אויף אים מיט אַזאַ צודרינגלעכקייט, אַז ער האָט מיט שטוינונג גיך אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ. אַזוי קוקן אויף אַ מאַנצפּערשוין, ווען אַפילו אויף אַן אייגענעם מאַן, קאָן נאָר אַ חצופה, האָט ער אַ טראַכט געטאָן. און וועלנדיק וואָס שנעלער פאַרענדיקן דעם שמועס, וואָס זי האָט אָנגעהויבן מיט אים, האָט ער איר צוגעוואָרפן מיט אַ ברוּם:

— כ'עס נישט קאַ קעסט.

— ווים דען עסטו?

— כ'עס אייגנס.

— וויִם הייסט?

— ווים הייסט? ס'הייסט אַזוי. כ'האָב אַראָנגעלייגט די טאַזנט

ריבל אין שותפות-געשעפט מיטן שווער. מיר האָבןביידע אַ פאַב־ריק פון האָניק. עס יעך מאַן אייגנס, פאַרשטייסט שוין?

אָבער תנחומס ווייב האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט וואָס אַ מאָל ווינציקער פאַרשטאַנען. זי איז געזעסן און געפינטלט מיט די אויגן, ווי זי וואָלט נישט באַנומען, וואָס ס׳איז געשען. פּלוצים האָט זי אַרויסגעגעבן פון זיך אַ קוויטש, ווי זי וואָלט מיט אַ מאָל באַ־קומען שטיך-ווייען, כאָטש זי איז ערשט געווען אין די ערשטע חדשים, דערנאָך האָט זי באַקומען אַזעלכע קראַמפן, אַז מען איז געווען זיכער אַז זי וועט מפּלען. ס׳האָט געדויערט אַ שטיק צייט ביז זי איז אַ ביסל געקומען צו זיך.

און ווען זי האָט זיך אָנגענומען צוריק מיט אַ ביסל כוחות, האָט זי געעפנט אַ מויל אויף תנחומען:

— כניאָק! לעקיש! וועלכער בר-דעת מאַכט דוס שותפותע געשעפטן מיט אַן אייגענעם שווער? אין פאַרוווּס האָסטי מיך נישט געפרעגט פריער? ווּוס? יעך לעב שוין נישט? אמת, יעצט בין יעך שוין אַן אַוועקגעקוילעטע, יעצט בין יעך שוין אַ געשטאָר־בענע, ווּרעם עני חשוב כמת, אַן אורעמאַן איז געגליכן צי אַ טויטן, זוגט די הייליקע גמרא, דוס ווייסטי פּינקט אַזוי גיט ווי יעך. אָבער אַז מען האָט נישט קאַ קאָפּ איז מען ערגער פון אַ געשטאָר־בענעם, דוס זוג יעך דיר, די זאָלסט עס וויסן!

— ווּוס, די מיינסט אַז אינדזער געלט איז, חלילה, פאַר־פאַלן? — האָט תנחום אַ דערשראָקענער געפרעגט דאָס ווייב.

— אַזוי ווי די זעיסט דאַנע אויערן, אַזוי וועסטי שוין זען אַ גראָשן!

תנחום איז געווען אויסער זיך, געוואָרן אין גאַנצן אויס מענטש.

— ווּעמען זאָל אַנפאַלן אַזאַ זאַך, — האָט ער קוים אַרויסגע־שטאַמלט, — דער שווער איז דאָך אַזאַ אָרנטלעכער און ווּילער ייד, ווי האָט מיר גור געקענט קימען אָפן געדאַנק, אַז ער וועט מיך חלילה אופנאַרן!

— מאַן טאַטע איז טאַקע זייער אַן אָרנטלעכער און וווילער ייִד — האָט זי אים געענטפערט — אָבער מיט קאָ האַניק דאַרף מען מיט אים נישט האַנדלען.

תנחום איז געוואָרן נבהל ומשתומם פון דער חוצפּה מיט וועלכער זיין ווייב רעדט וועגן איר אייגענעם טאַטן. ער האָט אין דער רגע פאַרגעסן וועגן דער עוולה, וואָס זיין שווער איז קעגן אים באַגאַנגען, ס׳איז אים אין גאַנצן אַרויס פון זינען דער ענין מיט די טויזנט רובל, זיין גאַנץ פאַרמעגן, וואָס זיין שווער האָט ביי אים צוגענומען. אַ הייליק פייער האָט זיך אין אים אָנגעצונדן קעגן זיין אייגן ווייב, וואָס האָט אַזוי פּרעך מחלל געווען דעם כבוד פון איר פאָטער, און ער האָט אַרויסגעשריגן פון זיך ווי אַ לייב: כיבוד-אב!!!

דאָס ווייב האָט אויף אים אַ קרומען בליק געטאָן און געזאָגט ווי צו זיך אַליין:

— ס׳עט שוין פון דיר קאָ לאַט נישט זאָן.

תנחום האָט אָבער נישט פאַרלוירן די האָפענונג. ער איז געווען זיכער, אַז ווען דער שווער וועט קומען אויף מיטאָג, וועט גאָלדע לאה, זיין ווייב, מאַכן איר טאַטן אַ סקאַנדאַל, זי וועט מאַכן, ווי זי קאָן, אַזאַ שוואַרץ שבת, אַז וועלטן וועלן זיך קערן. ער איז געווען זיכער, אַז זי וועט אָפּקריגן פון איר טאַטן דעם נדן. אויב נישט אין גאַנצן, איז מיט אַ היזק. אָבער אָפּקריגן וועט זי. פּטור ווערן פון איר בלא כלום, אַן גאַרנישט, וועט שוין איר טאַטע נישט.

אָבער ווי גרויס איז געווען תנחומס שטוינונג, ווי איבערראַשט איז ער געוואָרן, אַז ווען דער שווער איז אַהיימגעקומען, איז זיין טאָכטער, גאָלדע לאה, אים אַקעגנגעגאַנגען, געהאָלפן אים אויס-טאָן דעם שווערן פּאַלטן, געברענגט אים וואַסער צום וואַשן, צוגע-רוקט אים אַ שטול צום טיש, און געווען צו אים אַזוי איידל און פיין ווי אַלע מאָל, ווי ס׳וואָלט גאַרנישט געווען, ווי ס׳וואָלט גאַרנישט געשען.

ס׳איז דערגאַנגען דערצו, אַז תנחום האָט אָנגעהויבן חושד

זיין דאָס ווייב, אַז זי מיטן פֿאָטער האָבן געמאַכט אַ קנוניה אַרויס־צוגענאַרן פֿון אים דעם נדן, אַז שותפות האָט דער שווער גאָר־נישט געמאַכט מיט תנחומען, נאָר מיט זיין טאָכטער, תנחומס ווייב.

תנחום איז אַרומגעגאַנגען אין גאַנצן אַ דערשלאָגענער. דער שווער האָט לחלוטין אויפגעהערט מיט אים צו רעדן, די שוויגער האָט געקוקט אויף אים ווי אויף אַ בייז אַנשיקעניש, דאָס ווייב האָט געקרעכצט און זיך כסדר באַקלאָגט אויף די פֿאַרשיידנסטע מיחושים.

ס׳איז אים געווען ביטער. ער האָט נישט געוווּסט וואָס טוען מיט זיך. ער האָט יעדן טאָג אויסגעקוקט אויף אַ ישועה און גע־פֿרעגט שטילערהייט ביים הימל מיט יאוש און דאָך מיט בטחון: מאין יבוא עזרי — פֿון וואַנען וועט קומען מיין הילף?!

*

ס׳האָט זיך דערנענטערט דער יום־טוב פּסח. ווי נאָר תנחום פֿלעגט אַהיימקומען פֿון שטיבל האָט מען אים באַלד גענומען שיקן מיט קליינע שליחותן. דאָ אין געוועלבל אַריין עפּעס אַרויפֿצוכאַפּן, דאָ אין מקווה אַריין טובלען דאָס נייע געפֿעס און גלעזער, דאָ מיט אַ טאָפּ צו כשרן אויפֿן הויף ביי די יידן, וואָס פֿלעגן מיט קעסלען זידנדיק וואַסער גיין אין די טעג פֿאַר פּסח איבער די יידי־שע הייף און רופֿן: כלים צי כשרן! כלים צי כשרן!!

תנחום האָט זיך געפֿילט זייער שפּלדיק און אויסגעפֿירט מיט שטילשווייגן אַלץ, וואָס מען האָט אים געהייסן. די שוויגער האָט קאָמאַנדעוועט מיט איר טאָכטער, גאָלדע לאהן, און גאָלדע לאה האָט קאָמאַנדעוועט מיט איר מאַן, תנחומען.

צום סדר האָט תנחומס שווער אָנגעטאָן אַ קיטל אויף דער אַטלאַסענער זשיפּעצע, ער האָט אָנגעטאָן דאָס שיינע סקונקסענע שטריימל. געווען שטאַרק געהויבן ביי זיך, מעשה מלך. מען האָט אים צוגעגרייט אַ הסב־בעט פֿון צוויי שטילן מיט צוויי גרויסע, ווייסע קישנס. ער האָט פֿאַרן זעצן זיך צום סדר געשפּרייזט איבער

דער שטוב, געפּאַטשט פון פאַרגעניגן אין די הענט און געווען פול מיט התרוממות הנפש.

תנחום האָט נישט אָנגעטאָן קיין קיטל, ווייל ער האָט נישט געהאַט. ער האָט אויך נישט געהאַט קיין שטריימל. געגאַנגען אין אַ געווייננטלעך סאַמעטן היטל. אויף דער איינציקער שטול, וואָס מען האָט אים אַוועקגעשטעלט, האָט מען אַוועקגעלייגט איין קישן אויף סתם יוצא צו זיין.

תנחום האָט זיך געדרייט ווי אַ וואָרעם. ער וואָלט ליבערשט געגאַנגען פאַר אַן אורח צו אַ פרעמדן טיש, איידער זיין ביי דעם טיש מכלומרשט אַן אייגענער. אָבער אַ ברירה האָט ער געהאַט? דער שווער האָט געמאַכט קידוש בקול רם. דערנאָך האָט תנחום געמאַכט קידוש מיט אַ דערשלאָגן קול, אַן אַ האָר יום־טובדיקייט.

ווען דער שווער האָט אָנגעהויבן די הגדה און געזאָגט: „כהא לחמא עניא... כל דיכפין ייתי וייכול", ווער ס'איז הונגעריק זאָל קומען און עסן... איז תנחום געווען איבערצייגט, אַז דאָס מיינט מען אים. אים, דעם הונגעריקן, וואָס זיצט און עסט ביים שווערס טיש.

תנחום האָט געזאָגט די הגדה אָן ברען. טייל מאָל האָבן אים די הויכע ווערטער פון דאַנק פאַרן בורא־עולם פאַר די אַלע חסדים וואָס ער האָט געטאָן מיט די יידן אין מצרים, מיטגעריסן. די ווערטער פון הלל האָבן אים אויפגעהויבן. אָבער באַלד איז ער צוריק ביי זיך אַראָפּגעפאַלן. נישט נאָר האָט ער זיך נישט געפילט די נאַכט ווי קיין מלך, אפילו נישט ווי אַ משנה־למלך. ער האָט זיך אין דעם זמן חרותנו, אין דעם יום־טוב פון פרייהייט, גאָר נע־פילט ווי אַן עבד, ווי אַ קנעכט.

די פּסח־סעודה איז תנחומען נישט באַקומען. מען האָט דעם אפיקומן געגעסן פאַר חצות. נאָכן אפיקומן האָט מען געבענטשט און געזאָגט די צווייטע טייל הגדה, וואָס האָט געדויערט אַ סך לענגער פון דער ערשטער העלפט. דער שווער האָט געזונגען אַלע פּזמונים פון דער הגדה מיט אַ פעסטער, ריינער שטימע און מיט פאַרשידענע ניגונים, וואָס מען האָט אַ מאָל געזונגען ביי רבישע טישן.

היות תנחומס ווייב איז געווען מעוברת, האָט דער פּאָטער איר דערלויבט גיין זיך לייגן ווי נאָר מען האָט אָפּגעבענטשט נאָכן אפיקומן. תנחום איז געבליבן ביים טיש זיצן מיטן שווער און שוויגער. ער האָט געמוזט אונטערהאַלטן דעם שווער ביים זינגען — און דער שווער האָט זיך געקרומט, ווייל תנחומס שטימע איז אים נישט געפעלן געוואָרן.

נאָכן אָפּזאָגן די הגדה האָט נאָך דער שווער געזאָגט מלה במלה, וואָרט ביי וואָרט, דעם שיר השירים מיט אַ ספּעציעלן ניגון. דערנאָך האָט ער סתם געזונגען. ווען מען איז אַוועקגעגאַנגען פון טיש איז שוין געווען נאָך צוויי אַ זייגער ביינאַכט.

תנחום איז אַריין צו זיך אין שלאָף־חדר. זיין ווייב איז געלעגן מיטן פּנים צו דער וואַנט און הויך געשנאָרכט.

תנחום האָט זיך אויסגעטאָן און געלייגט אין בעט. ס׳האָט אים אונטערגעהויבן. ער האָט נישט געקאָנט איינליגן, נישט געקאָנט אַנטדרימלט ווערן, געדרייט זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער. אָבער זיין ווייב איז געשלאָפן מיט אַ טיפן שלאָף.

ווען תנחום איז ענדלעך איינגעשלאָפן, האָט זיך אים געחלומט אַ משונהדיקער חלום. ס׳האָט זיך אים געחלומט, אַז ער זיצט ביים שווער ביים טיש. ס׳איז פּסח ביי נאַכט, ביים סדר. ער וואַשט זיך ביים סדר צום כזית מצה, זאָגט אַלע ברכות, לייגט אַריין דאָס שטיקל מצה אין מויל. אָבער ער קאָן עס נישט צעקייען. ס׳איז מוראדיק האַרט. וואָס לענגער ער קייט, אַלץ האַרטער ווערט דאָס שטיקל מצה אין מויל. פּריִער איז עס האַרט ווי אַ פּאַדעשווע, דערנאָך ווערט עס האַרט ווי בלעך, און לסוף ווי אַ שטיק אייזן. אָבער ער קייט. ער וועט דאָך נישט מאַכן אַזוי פיל ברכות לבטלה. ער קייט ביז ער ברעכט זיך אויס די ציין. ער ברעכט זיך זיי אויס אַ צאָן נאָך אַ צאָן. ער האָט אַ פול מויל מיט אויסגעבראָכענע ציין, וואָס קוועלן אים, שטעכן אים, ער האָט מורא, אַז ער וועט זיי אַראָפּשלינגען און זיך דערשטיקן. ער הייבט זיי אָן אַרויסצונעמען פון מויל. איינציקווייז נעמט ער אַרויס די אויסגעבראָכענע ציין.

אָבער וויפל ער זאָל זיי נישט אַרויסנעמען, איז דאָס מויל פול מיט זיי און ער שטיקט זיך. ער פּרובירט זיי ווידער אַרויסצונעמען, אָבער דאָס זענען שוין קיין נישט קיין ציין, נאָר טשוועקעס. נאָך די טשוועקעס נעמט ער ציען פון מויל דראָט. נאָך דעם דראָט איז דאָס מויל פול מיט פּאַקולעס. ער איז שוין מיד פון שלעפּן זיי פון מויל. ער איז אין גאַנצן פאַרמאַטערט. עס וואַקסט אָן אין אים אַ שרעק, אַ פּחד, אַז דאָס מויל וועט אים בלייבן פאַרשטאָפּט און ער וועט זיך דערשטיקן. ער מאַטערט זיך אַזוי לאַנג ביז ער גיט פון זיך אַ רייס אַרויס אַ געשריי: גאָט אין הימל, העלף!

פון דעם געשריי האָט תנחום זיך אויפגעוועקט. אַ מידער און אַ דערשלאָגענער איז ער געבליבן ליגן אָן באַוועגונג.

פון צווייטן בעט זענען צו אים דערגאַנגען די ווערטער פון זיין ווייב:

— כ'האָב געמיינט, אַז ער איז נאָר אַ שלימזל, איז ער גור אַ משוגענער אָך!

תנחום איז אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען ווי אַ צעדולטער. דער חלום האָט אים מוראדיק צערודערט. ער איז געווען אין דעם יום-טוב פול מיט עצבות, פול מיט טרויער. ווען מען האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי נאַכט צום צווייטן סדר, האָט תנחום אויסגעזען ווי ער וואָלט געקומען פון בית-החיים נאָך אַ לוויה פון אַ נאָענטן, אַזאַ וויסטער טרויער איז געלעגן אויף זיין פּנים.

דער שווער האָט געמאַכט קידוש און אָנגעהויבן זאָגן די הגדה, ער האָט אָבער נישט געהערט תנחומס קול. ער האָט אויף אים אַ קוק געטאָן און דערזען תנחומס פינצטער פּנים. נישט ווענדנדיק זיך צו קיינעם, נישט קוקנדיק אויף תנחומען, האָט ער אַ געשריי געטאָן מלא כעס:

— וואָס איז האַנט באַ מאָן טיש, פּסח, צי תשעה-באב?!

תנחום האָט זיך דערשראָקן פאַרן שווערס כעס, און אַ צעוויטיקטער, אַ פולער מיט פּיין, האָט ער מיט נישט זיין קול אָנגעהויבן הויך:

— עבדים היינו... קנעכט זענען מיר געווען...

פרנסה — מלחמה...

ווען תנחום האָט זיך געגרייט אַראָפּצוגיין פון די „קעסט", איז ער געווען זיכער, אַז דער שווער זיינער וועט מיט אים פאָרט עפּעס מטיב זיין, אַז ער וועט אים דאָך צוריקגעבן כאָטש אַ טייל פון דעם נדן, וואָס ער האָט ביי אים אויסגענאַרט. אָבער אַ חוץ פּאָר צוויי חדשים דירה־געלט, וואָס תנחום האָט באַדאַרפן באַצאָלן פאַרוים פאַר דער געדונגענער דירה, האָט אים דער שווער קיין איין צעבראָכענעם גראָשן נישט געגעבן.

תנחום איז געלאָפן צו זיין פעטער, ביי וועמען ער האָט זיך דערצויגן פון קינדווייז אָן, נאָך דעם ווי ער איז געוואָרען אַ יתום פון טאַטע־מאַמע. ער איז צו אים געלאָפן מיט אַ טאָפּלטער כוונה. ראשית, האָט ער געוואָלט, אַז דער פעטער זיינער זאָל זיך גיין אָננעמען די קריוודע זיינע ביים שווער, ר' מרדכי בערן. שנית, אין זיין באַדרענגטקייט איז תנחום אויסן געווען צו דערציילן דעם פעטער די גאַנצע לאַגע זיינע, אפשר וועט דער פעטער אַליין מיט עפּעס אים אַרויסהעלפן.

ביז דעם טאָג האָט תנחום אויסבאַהאַלטן פאַרן פעטער זיין ביטערע מערכה ביים ווייב און זיין מוראַדיקן דורכפאַל מיטן נדן. ער האָט, דער עיקר, דער מומען נישט געוואָלט פאַרשאַפן קיין עגמת־נפש. ער האָט געוווסט, אַז זי וועט זיך דערפון שטאַרק מצער זיין. תנחום האָט זיך אויך געשעמט פאַר די מיידן, דעם פעטערס טעכטער, זיינע שוועסטערקינדער. זיי האָבן געחוזקט פון אים ווען ער איז געוואָרן אַ חתן. געחוזקט וואָס ער נעמט אַ מיאוס מיידל פאַר אַ כלה. פעלט מיר שוין נישט מער, נאָר זיי זאָלן איצט געוואָר ווערן, אַז זי איז אַ מרושעת אויך, האָט תנחום אַ פולער מיט ביטערניש זיך געטראַכט.

ווען תנחום איז געקומען צום פעטער און אויסגעגאָסן פאַר אים זיין שווער געמיט, האָט יענער אים אויסגעהערט א פאַרזויערטער, אַן אומגליקלעכער, א צעבראָכענער און פול מיט פאַרבאַרגענע תרעומות גאַר צו אים, צו תנחומען.

פאַר דער צייט, זינט תנחום האָט חתונה געהאַט, זענען ביי זיין פעטער די געשעפטן אוועק שלעכט. זיי האָבן פאַרשלונגען דער עלטסטער טאָכטערס צוגעגרייטן נדן, — און אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן. דער פעטער האָט געמוזט באַנקראָטירן און איז געוואָרן א יורד.

איצט, ווען זיין עלטסטע טאָכטער איז געבליבן אָן א נדן, האָט דעם פעטער שטאַרק פאַרדראָסן, פאַר וואָס ער האָט תנחומען נישט געגנוג מקרב געווען, פאַר וואָס ער האָט אים אַוועקגעלאָזט פון זיך, דערלויבט אים שבת נישט צו זיצן ביי זיין טיש, נישט באַהאַנדלט אים ווי אַן אייגן קינד, — און דער עיקר, פאַר וואָס ער האָט אים נישט גענומען פאַר אַן איידעם, א מאַן פאַר זיין עלטסטער טאָכטער.

אָבער שטאָט צו האָבן טענות צו זיך, האָט תנחומס פעטער גאַר געזען דעם שולדיקן דערין אין תנחומען. ער האָט זיך געטראַכט, אַז וואָלט דער תנחום נישט געווען אַזאַ שלימזל, זיך נישט געהאַלטן אַזוי וויַיט פון דער שטוב, נישט געווען אַזאַ איידעלער, שעמעוודיקער, נאָר דרייסטער, היימישער, זיך צוגעהערט צום רמז פונעם רבין ער זאָל נישט לאָזן דער באָרד זיינער זיך אַזוי ווילד צעוואַקסן, וואָלט ער געבליבן אַן אייגענער אין שטוב. די טאָכטער וואָלט זיך צו אים צוגעוויינט, און ער, איר טאַטע, וואָלט איצט נישט באַדאַרפן לעבן אין שרעק זי זאָל חלילה נישט פאַרזיצן.

שטאָט חרטה, שטאָט זען אין זיין ירידה אפשר גאַר אַן עונש דערפאַר, וואָס ער האָט זיין ברודערס איינציק קינד, א קיילעכיקן יתום, נישט גענוג גוט באַהאַנדלט, מזלזל געווען אין זיין כבוד, אין דעם כבוד פון א בחור א בן־תורה און נאָך דערצו פון אייגן בלוט

און פלייש, איז גאָר דער פעטער געזעסן און אויסגעהערט תנחומען מיט איינגעהאַלטענעם כעס. ענדלעך האָט ער זיך אָנגערופן:

— תנחום, איך קאָן דיר גורנישט העלפן. איך אַליין בין אין אַן עת־צרה, נאָר צו דיין שווער וועל איך גיין מיט אים איבער־רעדן.

וואָס דער פעטער האָט גערעדט מיט ר׳ מרדכי בערן, ווייסט נישט קיינער. מען ווייסט נאָר, אַז ער איז פון דאָרט צוריקגעקומען מיט ליידיקע הענט.

דעמאָלט האָט תנחום זייער פּאַרזיכטיק געפּרוּווט איבעררעדן וועגן דעם מיט זיין ווייב. זי האָט אים אָבער אַזוי אָפּגעענטפערט, אַז ער האָט שוין באַדויערט וואָס ער האָט מיט איר אָנגעהויבן.

— געטרייער מאַן מאַנער, חכם מאַנער, — האָט זי צו אים גערעדט פּאַמעלעך מיט איר באַסאָווער שטים, — אין ווי ביסטי געוועזן איידער די האָסט געגעבן דום געלט? יעצט קימסטי בא מיר זיכן אַן עצה? יעצט ווילסטי אַז יעך זאָל זאָגן אַ נוגש בא מאַן אייגענעם טאַטן, ווּוס האָט אַזוי אָך אַ געניג פּאַרדרייטן קאָפּ? תנחום, די ביסט אַ טאַטע פין קינדער, טאָ זאָ אַזוי גיט אין זאָרג פּאַר זיי אַליין.

תנחום האָט חרטה געהאַט וואָס ער האָט זיך צו איר געוואָנדן און וועגן דער גאַנצער זאַך מער קיין וואָרט מיט איר נישט גערעדט.

ס׳איז ביי תנחומען אין שטוב באַלד נישט געווען אויף קיין מזון סעודה אחת, נישט געווען ממש אויף קיין שטיקל ברויט. און קינדער האָט ער שוין דעמאָלט געהאַט דריי.

די נגידישע יונגעלייט פון שטיבל האָבן פון צייט צו צייט תנחומען אונטערגערוקט עטלעכע גילדן, מכלומרשט בתורת הלוואה, כשירחיב, ווען ער וועט האָבן, זאָל ער זיי דאָס געלט צוריקגעבן. אָבער פון דעם איז אין זיין שטוב נישט געווען אפילו אויף קיין וואַסער צו דער קאַשע.

דאָס אַלעקסאַנדער שטיבל, ווו תנחום האָט איצט, נאָכן אַראָפּ־

גיין פון די קעסט, געדאַוונט און געלערנט, האָט געוואָלט רופן זיין שווער, דעם אַסטראָווצער חסיד, צו אַ דין־תורה. אָבער קיין שום רב האָט נישט געוואָלט אָננעמען די דין־תורה, ווייל על־פּי־דין קאָן דאָס שטיבל נישט זיין קיין תובע, קאָן נישט מאָנען דעם נדן, וואָס דער שווער האָט צוגענומען ביי זיין איידעם. רופן צו אַ דין־תורה דעם שווער קאָן נאָר תנחום אַליין.

אָבער תנחום האָט בשום פּנים ואופן נישט געוואָלט קיין דין־תורה. ער האָט זיין שווער נישט געוואָלט מבייש זיין.

ס׳האָט זיך צעפלאַקערט צוליב תנחומען אַ מחלוקה צווישן דעם אַלעקסאַנדער שטיבל, וווּ ס׳האָט געדאַוונט תנחום, און דעם אַסטראָווצער שטיבל, וווּ ס׳האָט געדאַוונט זיין שווער. ס׳איז דער־גאַנגען דערצו, אַז אין איינעם אַ שבת אין דער פרי זענען עטלעכע יונגעלייט, תנחומס ידידים, געגאַנגען אָן זיין וויסן אין אַסטראָוו־צער שטיבל און מעכב געווען די קריאה, נישט געלאָזט אַרויסנעמען די ספר־תורה פון ארון־קודש צום לייענען. ס׳איז געוואָרן אַ פאַר־קאָכעניש, ס׳איז אַנטשטאַנען אַ מהומה, ס׳זענען געפלויגן פּעטש. אָבער אויפגעטאָן האָבן זיי גאָרנישט.

ווען תנחום איז געוואָר געוואָרן, וואָס די ידידים זיינע האָבן אָפּגעטאָן, איז ער געווען אויסער זיך פון עגמת־נפש. ער האָט גיך געוואָלט לויפן צום שווער און אים מפיים זיין. ער איז געווען גרייט מקבל נזיפה צו זיין פאַר אַ זאַך, אין וועלכער ער איז לגמרי נישט שולדיק געווען.

אָבער די יונגעלייט פון שטיבל, וואָס האָבן געקענט תנחומס שווער, האָבן אים מיט אַלע כוחות צוריקגעהאַלטן און אים נישט געלאָזט גיין. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז דער שווער זיינער, וואָס איז זיכער, אַז דאָס האָט תנחום אָנגערעדט די ידידים זיינע צו מאַכן די מהומה אין אַסטראָווצער שטיבל, קאָן אים נאָך מכבד זיין מיט פייערדיקע פּעטש.

ווי ס׳זאָל נישט האָבן געווען, האָט תנחום פון דער גאַנצער

בהלה קיין שום נוצן נישט געהאַט. וואָס ער האָט יאָ געהאַט, דאָס זענען געווען צרות צרורות.

ווען זיין ווייב איז געוואָר געוואָרן, אַז תנחומס ידידים האָבן מבזה געווען איר פאָטער, אַנגערירט זיין כבוד, האָט זי תנחומען באַליידיקט מיט אַזעלכע זידלערייען, זי האָט אים געמאַכט אַזוי אויס־צודרייען, אַז ער האָט נישט געוווּסט ווּ זיך אַהינצוטאָן, ווּ אַנט־רינען צו ווערן פאַר איר.

— חכם מאַנער, צעלייגער מאַנער, די ווערסט גיין מבזה זאַן מאַן טאַטן?! די ווערסט אונטין חרפות ר׳ מרדכי בערן, דעם שיינעם אָסטראָווצער חסיד? די ווערסט פאַרגיסן זאַן בליט אין אלעמס אויגן?! אַלץ איז דאָך איבער דיר! מאַן טאַטע האָט קיינ־מול נישט געמאַכט קאָ שלעכט געשעפט. נאָר דום ערשטע מול, ווען ער האָט געמאַכט שותפות מיט אַזאַ שלימזל ווי די, איז באַלד אַלץ געגאַנגען מיטן קאָפּ אַרופּ. איז לאַ די ווּם דער טאַטע האָט ציליב דיער ציגעלייגט אַ פאַרמעיגן, אַרופּ פין די נכסים, קימסטי נאָך צי עים מיט טענות, פאַרשעימסט עים אין מענטשנס אויגן? מען דאַרף דאָך הובן אַ טוטעריש האַרץ! תנחום, זעה די זאָלסט זעך נישט פאַרזינדיקן! די ווערסט נישט נאָר נישט הובן קאָ עולם הזה, נאָר ווערסט קאָ עולם הבא אויך נישט הובן!

תנחום איז געווען אויסער זיך, ער איז געווען נבהל ומשתומם. מילא ווענן זיך, האָט ער נישט געטראַכט, זיך האָט ער שוין נישט גענומען אין חשבון, אָבער ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַר וואָס איז ביי זיין ווייב בילכער איר פאָטערס כבוד, ווי דאָס לעבן פון אירע אייגענע קינדער. דאָס דאָזיקע משונהדיקע רעטעניש האָט ער גאָר נישט געקאָנט באַנעמען.

ווען ער האָט נאָך געוווינט ביים שווער און שוויגער, האָט ער געהערט פון שכנים, אַז זיין שווער איז געווען אַ שטרענגער טאַטע, נישט נאָר אַ שטרענגער, נאָר אַ בייזער. אַפילו צו זיין יינגסטער טאָכטער, צו תנחומס ווייב, איז ער געווען האַרב, גע־שריגן אויף איר און טייל מאָל דערלאַנגט אַ פּאַטש. דאָס האָט

שוין תנחומען אין גאנצן צעטומלט. ער האָט לחלוטין נישט געקאָנט תופס זיין, וואָס געשעט דאָ אַזעלכעס.

תנחום האָט זיך געפּרוּווט פאַרענטפערן פאַרן ווייב, אַז נישט ער האָט געשיקט די יונגעלייט צום שווער אין שטיבל אַריין, ער האָט אַפילו וועגן דעם נישט געהאַט די מינדסטע השגה, אַז דאָס האָבן זיי געטאָן אויף דער אייגענער דעה, נישט פרעגנדיק ביי אים.

— ווען יעך וואָלט געוויסט ווּס זיי גייען טין, וואָלט יעך דערצי נישט געווען ציגעלאָזט — האָט תנחום פאַרזיכערט זיין ווייב מיט גרוים איבערגענומענקייט.

אָבער דאָס דערציילן איר, אַז ער האָט וועגן דעם מבזה זיין איר פאָטער אַפילו נישט געוווּסט, האָט, שטאָט לינדערן איר כעס אויף תנחומען, אים גאָר פאַרשאַרפט. זי האָט געשריגן נישט מיט אירע קולות:

— ווּס! מען האָט שוין אָף דיר רחמנות?! מען טיט דיר שוין טובות אין מען פרעגט דעך אַפילו נישט צי ווילסטי די טובות? אַזוי נידריק ביסטי שוין געפאַלן?! אַזוי זע יעך שוין אָס! אַז אָך און וויי איז צי מיר אין צי מאַנע פאַרפינצטערטע יורן. תנחום, די האָסט מיך גיט גלאַכגעשטעלט, האָסט געמאַכט פין מיר דעם אמתן תכלית!

תנחומען איז געווען, רחמנא ליצלן, ביטער ווי גאַל. ער איז אַנטלאָפן פון דער שטוב און פון גרוים אויפגערודערטקייט געגאַנ־גען איבער די גאַסן. ער האָט געקוקט אויף די רוישיקע נאַלעווקעס, אויף די מענטשן, אויף די געוועלבער. געזען מענטשן גיין, לויפן, געזען זייער פאַרטועקייט, געטראַכט, אַז יעדער האָט זיך זיינע ענינים, נאָר ער אַליין האָט גאָרנישט, האָט נישט צו וואָס צו זיין צוגעהעריק, ער איז אין דרויסן פון דעם אַלעם. נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון, אַז ער איז אין גאַס, האָט ער אַ שריי אוים געטאָן: רבונו של עולם, רחם עלי, דערבאַרעם זעך אָף מיר!

ער האָט זיך באַזיניקט פון דעם אייגענעם געשריי, זיך אַרומ־געקוקט, צי מען קוקט אים נישט נאָך, און אָנגעהויבן שטעלן גיכע

טריט. ער האָט זיך דערמאָנט וואָס עס זאָגט ר׳ יוסי אין מסכתא שבת „מימי לא קראתי לאשתי אשתי אלא לאשתי ביתי״, איך האָב פון קיין מאָל נישט גערופן מיין ווייב ווייב, נאָר מיין ווייב מיין הויז. תנחום, וואָס האָט אַלע זיינע יונגע יאָרן זיך אַרומגע־וואַלגערט אין דער פרעמד און נאָר געטרוימט צו האָבן אַן אייגענע היים, אַן אייגענע שטוב, האָט איצט קלאָר געזען, אַז אַ ווייב האָט ער, אָבער קיין שטוב קיין אייגענע האָט ער נישט, און ס׳האָט אים באַהערשט אַ גרויס עצבות.

יאָ, ער האָט שוין, אָן עין־הרע, דריי קינדער. דאָס עלטסטע קינד איז אַ יינגל, אַ בכור. ווען ער וועט אונטערוואַקסן, וועט ער, תנחום, האָבן פון אים נחת. מען טאָר זיך, חלילה, נישט מיאש זיין. מען מוז האָבן בטחון. ער אַליין איז טאַקע נעבעך ביטער אַריינגע־פאַלן. „כל רעה ולא אשה רעה״, אַלע שלעכטסן, אָבער נישט קיין שלעכט ווייב, זאָגט די גמרא. אָבער די קינדער, די קינדער, פון זיי וועט ער, מיט גאָטס הילף, זיכער האָבן נחת.

טראַכטנדיק וועגן די קינדער, האָט שוין תנחום איינצייטיק אַ טראַכט געטאָן וועגן ווייב. טאַקע אַ ביטערע יידענע, אָבער אפשר איז ער פאַרט שולדיק דערין, וואָס ער האָט זי נישט גע־פרעגט, צי ער זאָל מאַכן שותפות מיטן שווער. סוף־כל־סוף האָט זי דאָך געהאַט צו דעם געלט אַ שייכות. אמת, דער שווער האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל פאַרן ווייב זיינעם קיין וואָרט וועגן דעם נישט דערציילן. אָבער איז ער דען מחויב געווען צו פאָלגן דעם שווער? וואָס איז? ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט עובר זיין אויפן כיבוד שווער? און אפשר איז זי גאָר גערעכט, ווען זי טענהט, אַז צוליב אים, ווייל ער האָט נישט קיין מזל, איז אויך דער שווער אַראָפּ פון די נכסים און געוואָרן אַ געדריקטער ייד? ווער ווייסט? אפשר טאַקע?

די כוואַליע פון כעס און פון יאוש איז פון אים אָפּגעשוואומען. ער האָט זיך באַרויִקט. ס׳האָט אָנגעהויבן צופאַלן דער פאַרנאַכט. די זון האָט זיך געזעצט נידריק. אַ גרויס געפיל פון הכנעה איז

געקומען אויף תנחומען. ער האָט זיך דערמאָנט אין אַלעקסאַנדער שטיבל און אַהין געקערעוועט זיינע טריט.

אַזוי לאַנג ווי תנחום האָט געגעסן קעסט, האָט ער געדאַוונט און געלערנט אין אָסטראָווצער שטיבל, ווו ס'האָט געדאַוונט זיין שווער. אַזוי איז געווען דער נישט געשריבענער דין, אַז אַן איידעם מוז דאַווענען און לערנען אין שטיבל פון זיין שווער. נאָר צום רבין מעג ער פאָרן צו דעם זעלבן, צו וועלכן ער איז געפאָרן פאַר דער חתונה.

ווען דער שווער איז מיט אים ברוגז געוואָרן, איז תנחום אין איינעם אַ טאָג געגאַנגען דאַווענען און לערנען אין אַלעקסאַנדער שטיבל.

אָבער באַלד צו מאָרגנס גאָר פרי זענען געקומען צוויי יונגעלייט פון אָסטראָווצער שטיבל און מיטגענומען תנחומען צוריק אין שטיבל, ווו ס'האָט געדאַוונט זיין שווער.

איצט, נאָכן אַראָפּגיין פון די קעסט, האָט תנחום געדאַוונט אין אַלעקסאַנדער שטיבל. דאָס איז פאַר אים געווען אַ הצלה פּורתא, אַ קליינע רעטונג אין זיין טיפער באַדרענגטקייט. דאָ, אין דער וואַרעמקייט פון שטיבל און די חסידים, האָט ער געקאָנט אויף אַ מינוט פאַרגעסן אין די צרות פון זיין מכלומרשטער היים. די אייגנטלעכע היים איז פאַר אים געוואָרן דאָס שטיבל.

*

די אַלעקסאַנדער חסידים פונעם שטיבל האָבן אָנגעהויבן זוכן אַ תכלית פאַר אים. מען האָט תנחומען נאָראַיעט אַ שטיקל מסחר מיט הייוון. דאָס האָט געזאָלט באַשטיין אין דעם, אַז עטלעכע געוועלבלעך אויף דער שמאָלער מילע זאָלן נעמען הייוון ביי אים. תנחום האָט דאָס הייוון-מיסחר, וואָס האָט אַריינגעבראַכט בסך-הכל עטלעכע געציילטע גילדן אַ וואָך, איבערגעגעבן זיין ווייב, און אַליין האָט ער גענומען חלומען וועגן גרויסע געשעפטן.

אין שטיבל האָט מען תנחומען צוגעזאָגט, אַז ווי נאָר ער וועט

געפינען אַ פּאַסיקן מסחר, וועט מען זען שאַפן אים אַ ביסל געלט, ער זאָל קאָנען די זאַך מוציא זיין מן הכוח אל הפועל. תנחום האָט לאַנג געטראַכט און אויסגעטראַכט, אַז ער וויל ווערן אַ שדכן.

אַ יונגערמאַן — אַ שדכן, איז נישט געווען קיין אָנגענומענע זאַך. אַ שדכן האָט באַדאַרפן זיין אַ ייד מיט אַ גרויער באָרד, אַ ייד מיט נסיון, מיט לעבנס־דערפאַרונג, וואָס פאַרשטייט אַן עסק, וואָס נעמט אַרום אַן ענין פון אַלע זייטן, וואָס ווייסט ווי מען קאָן פאַר־בייגן, אויף וואָס מען דאַרף אַוועקקוקן, אַ מענטש אַ מיושבער, אַן איבערגעלייגטער, וואָס קאָן גוט אויסהערן אַ צווייטן, האָט אַ סך געדולד, רעדט פּאַמעלעך און ענטפערט על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון.

תנחום איז געווען דער היפּוך פון דעם אַלעם. קודם איז ער געווען יונג. נאָך קיין דרייסיק יאָר נישט אַלט. געקענט ווייניק דאָס לעבן. דער דורכפאַל מיט זיין אייגן ווייב האָט אים פאַרבי־טערט, פאַרטונקלט זיין געמיט. האָט ער אַרויסגעגעבן איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַ פּסק אויפן ווייבערישן מין, וואָס ער האָט נישט געוואָלט ענדערן, פון וועלכן ער האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן. ער איז געווען אַ פּזיז, אַ גיכער, אַ היציקער, שטענדיק באַלד גרייט געווען אַרויסצוטראָגן זיין פּסק.

אמת, ער האָט געהאַט אַ גרויסע מעלה, ער האָט געקאָנט שיין פאַרגיבן, ווען מען האָט געזינדיקט קעגן אים, און חרטה האָבן, מפייס זיין, אַפילו עמעצן, לגבי וועלכן ער איז אין גאַנצן נישט שולדיק געווען. זיינע נאָענטע פריינד, זיינע חברים פון שטיבל, האָבן אים פאַרשטאַנען, געקענט. תנחום האָט געהאַט זייער אַ גוטן כאַראַקטער, אַ וואַרעם האַרץ, גרייט געווען זיך מוסר־נפש צו זיין פאַר אַנדערע. אָבער אַזוינער איז ער שוין געווען, געהאַט אַ טבע גיך אָפּצופּסקנען, און פון גרוים נישט זיכערקייט, געווען איינגעגלויבט אין זיך. אָבער נאָר אויף אַ רגע.

ווען די יונגעלייט אין שטיבל האָבן געהערט, אַז תנחום וויל ווערן אַ שדכן, האָבן זיי נישט איינגעטענהט מיט אים, נישט פּרו־

בירט אים אָפּרעדן דערפון, נאָר קורץ, מיט עטלעכע ווערטער, זיך אָפּגעשאָקלט דערפון:

— תנחום, ס׳איז עפּעס נישט פאַר דיר.

אָבער תנחום איז געווען אַ ייד אַן עקשן. ווען ער איז נאָך געווען אַ בחור, האָט זיין פעטער זיך באַקלאָגט פאַרן רבין אויף תנחומס עקשנות. אויף דעם האָט אים דער רבי געענטפערט: — ני, ני, דערפאַר האָט ער אַ מעלה, ער איז אַך אַן עקשן אין יידישקייט.

האָט זיך תנחום איינגעשפּאַרט, אַז ער וויל ווערן אַ שדכן. פאַר וואָס עפּעס דווקא אַ שדכן?

קאָן זיין, אַז דערפאַר וואָס ער אַליין איז אַזוי מיאוס אריינגעפאַל, מיטן ווייב, האָבן די אַלע בחורים, וואָס דרייען זיך אַרום פרייליידיקע, געוועקט אין אים נקמה-געפילן. ער האָט זיי שוין וואָס גיכער געוואָלט זען חתונה געהאַטע, ווי זיי טראָגן די מילשטיינער אויף זייערע העלדזער.

קאָן אויך זיין, אַז תנחומס נישט אויסגעלעבטע מענערישקייט, האָט געזוכט אַן אויפלייזונג. דאָס רעדן שידוכים, דאָס ווערן מזווג זיין זיווגים, דאָס באַמיִען זיך, אַז יינגלעך מיט מיידלעך זאָלן חתונה האָבן, מען זאָל זיי באַציטנס פירן צו דער חופה, דאָס סודן זיך מיטן מיידלס און יינגלס עלטערן, דאָס רעדן מיט רמזים, דאָס אַלץ איז געווען אַן אויפלייזונג פאַר תנחומס באַדרענגטער מענערישקייט. זיין פאַנטאַזיע האָט זיך צעשפּילט. ער האָט זיך געזען ווי אַ לאַנדס-שדכן, וואָס פאָרט איבער שטעט, פירט צונויף די אָנגעזעענסטע און רייכסטע משפחות און פאַרבינדט זיי דורך שידוכים. ער האָט געזען זיך פאָרן מיט ווייט-שטרעקעדיקע באַנען קיין אויסלאַנד, קיין בעלגיע און האָלאַנד, ווו די דאָרטיקע פרומע, רייכע יידן האָבן געוואָלט, אַז זייערע קינדער זאָלן חתונה האָבן קיין פוילן, זיך פאַרבינדן מיט פרומע, רייכע יידישע משפחות פון וואַרשע, צי פון לאָדזש.

*

ווען תנחום האָט אָנגעהויבן קומען מיט שידוכים אין חסידיש־נגידישע הייזער, האָט זיין יונג פּנים, די פרישע, געל־רויטע קאָליר פון זיין באָרד, נישט אַרויסגערופן דעם מינדסטן רושם פון ערנסט־קייט. פאַרקערט, מען האָט זיך באַצויגן צו אים און צו זיינע רייד מיט גרינגשעצונג, מיט אָפענעם זלזול, אין בעסטן פאַל מיט גוט־מוטיקן חוזק.

תנחום האָט געזען, אַז מען באַציט זיך צו אים נישט ווי ס׳באַ־דאַרף צו זיין, נישט ווי ער האָט זיך דאָס פאָרגעשטעלט. ער האָט גערעדט מיטן גאַנצן ערנסט, מיט ברען, מיט פייער, ווי זיין שטיי־גער איז געווען, און געהערט האָט מען אים מיטן לינקן אויער. מען האָט געשטעלט פאַר אים כיבוד, מען האָט אים געגעבן אַ פאָר גילדן אין קעשענע אַריין, אָבער צום עיקר, צום שידוך וואָס ער האָט אָנגעשלאָגן, האָט מען זיך כמעט נישט צוגעהערט. טייל האָבן אים גאָר נישט צווידייטיק געגעבן אָנצוהערן, אַז אַ יונגער־מאַן דאַרף זיך נישט פאַרנעמען מיט אַזעלכע זאַכן.

תנחום האָט געפילט, אַז ס׳טויג נישט. ער איז געווען שטאַרק געקרענקט פון דעם, וואָס מען הערט זיך נישט צו צו אים און צו זיינע רייד. ער האָט געבעטן גאָט, אַז ס׳זאָל געשען מיט אים אַזאַ נס, וואָס איז געשען מיט רבי אליעזר בן עזריה. ווען ר׳ אליעזר בן עזריה איז געוואָרן אַ נשיא, איז ער נאָך געווען גאָר אַ יונגער־מאַן. ביז דעמאָלט האָבן זיך די חכמים נישט שטאַרק צוגעהערט צו זיינע רייד. האָט גאָט געטאָן אַ נס און ווען ער איז געוואָרן נשיא, איז איבער דער נאַכט די באָרד זיינע אים געוואָרן גרוי.

אָבער מיט תנחומען איז דער נס נישט געשען. פאַרקערט, זיין באָרד האָט דעמאָלט געברענט מיט אַזאַ פייערדיקער רויטקייט, ווי אַ הבדלה, ווען זי צעפלאַקערט זיך אין אַ פינצטערער אָן־לבנה־דיקער נאַכט.

פון דעסטוועגן, האָט מען זיך מיט דער צייט צוגעוווינט צו דעם געדאַנק, אַז תנחום איז אַ שדכן. תנחום, דער עקשן, האָט

אויסגעפּירט דאָס זייניקע. מען האָט זיך אָנגעהויבן צוהערן צו זיינע רייד, מען האָט אָנגעהויבן נעמען אים ערנסט, און אַלץ וואָלט אפשר געווען גוט און שיין, ווען נישט דאָס, וואָס תנחום האָט זיך נישט באַגנוגנט בלויז מיט זיין אַ שדכן.

ווען ער פלעגט אָנשלאָגן אַ שידוך, איז שטאָט לאָזן די צדדים געוואָר ווערן איינער וועגן אַנדערן, און פּרוּוון פאַרגלעטן דאָרט, וווּ ס׳איז געווען נישט אַזוי ווי ער האָט פאַרגעשטעלט, פלעגט ער גאָר אַליין לויפן, שנאָפּן, זיך דערוויסן, אַרויסקריגן פון אונטער דער ערד וואָס און ווען. ווי נאָר ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכטן, אַז עפּעס איז נישט אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין, למשל, אַז דאָס מיידל איז נישט אַזוי שטאַרק פרום, צי דער בחור איז געכאַפּט אַ ביסל אויף דער מעשה, לייענט אַ ביכל, צי פּוצט זיך אַ ביסל צו דאָס בערדל, איז שטאָט זיך מאַכן נישט וויסנדיק וועגן דעם, צי פּרוּוון אויפקלערן, אַז היינטיקע צייטן קאָן מען נישט צו פיל פאַרלאַנגען פון יונגע מענטשן, האָט ער, תנחום, גאָר גענומען דאָס פאַרקערטע.

ער פלעגט לויפן און וואָרענען, אַז מען זאָל דעם שידוך נישט טאָן. ער האָט געזאָגט, אַז ער ווייסט גענוי, אַז דאָס מיידל איז נישט פאַר דעם בחור, אָדער דער בחור איז נישט פאַר דעם מיידל. ער פלעגט פאַרמינערן די מעלות פון דעם שידוך און מגזם זיין מיט די חסרונות. ער האָט צוגעוווּנקען, מרמז געווען, אַז וואָס דאָס איז אַ נישט-געפּאַסטער שידוך זאָל מען אים פרעגן... אין חכם כבעל נסיון, נישטאָ אַזאַ קלוגער ווי דער, וואָס איז אַליין געפּרוּווט געוואָרן. ער פלעגט דערביי אַראָפּלאָזן די אויגן און גלאָצט דעם טרויער זיך צעלייגן אויף זיין פּנים.

געווען פאַלן, ווען די מחותנים האָבן דווקא יאָ געוואָלט דעם שידוך, ווייל ער איז זיי גראָד געפעלן געוואָרן, און נישט געזען חלילה קיין אומגליק דערין, אויב דאָס מיידל איז נישט אַזוי שטאַרק פרום, צי אין דעם, וואָס דער בחור קוקט אַ מאָל אַריין אין אַ ביכל.

דעמאָלט איז ר׳ תנחום אַריינגעפאַלן אין אַ ווילדן כעס. ער האָט געשריגן אויפן מחותן, אַז ער איז אַ קל, אַז ער וויל מיט די

אייגענע הענט אומגליקלעך מאַכן זיין אייגן קינד און, חלילה, אומברענגען דאָס גאַנצע יידישקייט. ר׳ תנחום האָט זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, אַז פון דעם שידוך זאָל נישט ווערן.

אין געלט־זאַכן איז דווקא ר׳ תנחום געווען אַ מקיל. טאָמער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איין צד האָט נישט צו סילוקן דעם גאַנצן נדן, אַזוי ווי ער האָט צוגעזאָגט, האָט ר׳ תנחום געלייגט וועלטן, אַז פון שידוך זאָל יאָ ווערן, אַז צוליב געלט זאָל קיין שידוך נישט אָפּגיין. ער איז גרייט געווען זיך אָפּצוזאָגן פון שדכנות־געלט, מען זאָל עס צולייגן צום נדן, אַבי ס׳זאָל ווערן פון שידוך. „נדן־געלט האָט סיי ווי קיין האַפט נישט" פלעגט ער איינטענהן. ווידער האָט ער געבראַכט אַ ראיה פון זיך און ווידער האָט זיך איבער זיין פּנים צעלייגט אַן עצבות.

אָבער ס׳זענען גראָד דעמאָלט געווען אַזעלכע צייטן, אַז דער עולם האָט גיכער געוואָלט מקיל זיין אין יידישקייט, ווי אין געלט־זאַכן...

פאַרשטייט זיך שוין אַליין, אַז ר׳ תנחום האָט פּאָר אַ שדכן נישט געטויגט. ער האָט זיך און אַנדערע געמאַטערט עטלעכע יאָר, און כמעט קיין איין שידוך נישט אויסגעפירט.

ווען תנחומס ווייב איז געוואָר געוואָרן, אַז ער האָט זיך גענומען צו שדכנות, האָט זי געשיט אויף אים פּעך און שוועבל. זי האָט פון אים געחוזקט און געשפּאָט, געטריבן אים פון דער שטוב, נישט געלאָזט אויף די אויגן. זי האָט אים מבזה געווען מיט כל מיני בזיונות.

געוואָר געוואָרן איז זי דאָס פון אַ זייטיקן מענטש. תנחום אַליין האָט איר קיין איין וואָרט וועגן דעם נישט געזאָגט. ווען זי איז דאָס מאָל אַריינגעקומען אין געוועלבל אַריין און געוואָלט נעמען אַ ביסל שפּייז אויף באָרג, האָט דער געוועלבער זי גע־פרעגט: — זאָגט אַזוי גיט, זוגטס מער, אייער מאַן האָט זעך שוין

נישט געקאָנט אָפּשדכנען קאַ בעסערע פּרנסה? קאַ שדכנים געב יעך נישט אָפּ באָרג.

דעם אָוונט איז תנחום שפּעט אַהיימגעקומען. דאָס ווייב זיינס האָט געהאַט איינגעשלעפּט די קינדער און אַליין אויך פון גרויס פאַרלוירנקייט געלייגט זיך שלאָפן. ווען תנחום איז אַריין אין שלאָף-חדר, זיך אויסגעטאָן און געוואָלט אַרונטער אונטער דער פּערענע, האָט ער, אין שוואַכן ליכט פון דעם קליינעם נאַפט-לעמפּל, באַמערקט איינגעבעט אין זיין געלעגער אַ שוואַרצן שטעקן מיט אַ רויטער פּאַטשיילע, די סימבאָלן פון דער שדכנישער פּראָפעסיע. תנחום האָט פאַרביסן די ציין און אַרויסגעסיקעט דאָס איינציקע וואָרט: חצופה!

זי איז נישט געשלאָפן. זי האָט געוואַרט אויף זיין קומען. פּלוצים האָט זי זיך געגעבן אַ קער אום און אים געפרעגט שטיל, מיט אַ גזלנישער רויִקייט:

— ווער איז באַ דיר אַ חצופה? זוג, ווער? שוין זאָלסטו זוגן? העיערסטו?! — און דאָ האָט זי אַ הויכן געשריי געטאָן: ליידיקגייער! טויגעניש! ביסט שוין געוואָרן אַ שותּף צום רבונו של עולם באַ מזווג זיין זיווגים? די ווילסט שוין איבערפירן דעם רבונו של עולמס געשעפטן, ווי די האָסט איבערגעפירט מאַן טאַטנס געשעפטן? די ווילסט, אַז די מיידן זאָלן ציליב דיר, שלימזל, פאַר-זיצן ביזן גרויען צאָפּ אַראָן? אין ווי איז געהערט געוואָרן אין דער וועלט, אַז אַ יינגערמאַן, סך-הכל עטלעכע יור נאָך דער חתונה, זאָל גור ווערן אַ שדכן? ס׳פעלן שוין מסחרים אָפּ דער וועלט?

תנחום איז געזעסן אויפן בעט און זיין געבויגענע פּלייצע האָט אויסגעזען ווי אַ דרייפּאַכיקער הויקער. ער איז געזעסן און געשוויגן. מיט אַ מאָל האָט ער אַרויסגעלאָזט פון זיך אַ הויכן קרעכץ און באַלד דערנאָך געזאָגט ווי צו זיך אַליין:

— ס׳זאָל מיר זיין פּאַר אַן אָפּקימעניש, טאַטע אין הימל.

— וועיער זאָל וועמען זאַן פּאַר אַן אָפּקימעניש, איך דיר, צי די מיר! וויניק חרפּות און בושות האָב יעך געהאַט פין דיר?

האָט מיר נאָך געפעלט דוס, מען זאָל אָף מיר טאַטלען מיט די פינגער און מיך ריפן „די שדכנטע”. אַז אָך און ווײ איז צו מיר!

תנחום איז געזעסן אויפן בעט און זיך נישט באַוועגט. ער האָט איר נישט געענטפערט קיין איין וואָרט. אויף דער ווײס־געמאָלענער וואַנט, וואָס האָט איצט אויסגעזען ברודיק־גרוי, האָט דער שאָטן פון זײן געבויגענער פּלײצע זיך געצײכנט ווי אַ גרויסער האָרב פון אַ מדבר־קעמל. גאָלדע לאה האָט זיך אײנגעקוקט אין דעם משונהדיקן שאָטן, און נישט זײן פאַרוויײטיקט פּנים, נאָר די אײנגעהויקערטע פּלײצע זײנע האָט פּלוצים דערוועקט אין איר רחמנות. זי האָט זיך אָנגערופן:

— אין שענקל ליגט ברויט מיט הערינג. גײ, עס עפּעס אויף. לײג זעך נישט שלופן הינגעריק.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין זײער לעבן צוזאַמען, ווען תנחום האָט געהערט פון זײן ווײב אַ מענטשלעך וואָרט, זאָרג וועגן אים. ער האָט זיך אָנגערופן תמימותדיק:

— זאָרג נישט, כ׳בין נישט הינגעריק.

— פאַרוואָס ביסטו נישט הינגעריק? וווּ? האָסט געגעסן אַ סעודה, געווען אָף תנאים, אָף אַ חתונה? האָסט אָפּגעפירט אַ שידוך?

— נישט אָפּגעפירט קאַ שום שידוך, געווען אָף אַן אָרט און דאָרט אופגעגעסן.

— ווּס, די עסט שוין אוף? די גײסט שוין אָרום אין פרעמדע שטיבן אופעסן? ווײ, ווײ צו מיר! ווײ צו מאַנע פינצטערע יורן!

זי האָט זיך געוואָרפן אויפן קישן און אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

תנחום איז אַרײן אין בעט און מיט דער פּערינע זיך איבער־געדעקט איבערן קאָפּ. איר געוויין איז אים געווען אַ דערווידער אַ צעבראָכן אים דאָס האַרץ. ער איז זי חושד געווען, אַז זי האָט אַ חלק אין זײן אומגליק, און דאָך געפילט, אַז ער איז אַ שולדיקער אין איר אומגליק...

ער איז געלעגן אַ פּאַרקלעמטער. דערנאָך האָט ער אַרויסגע־שטעקט דעם קאָפּ פון אונטער דער פּערינע, געוואָלט הערן צי זי וויינט נאָך. איצט האָט געוויינט דאָס קליינע קינד, וואָס איז געלעגן אין וויגל לעבן זיין ווייבס בעט. גאָלדע לאה איז אַרויס פון בעט, אַריינגעדרייט דאָס קליינע לעמפּעלע, וואָס איז געהאָנגען אויף אַ טשוואָק אין ווינקל, ביז אַ דין רעדעלע פייער, ווי אַ ברענענדיקער קיילעכדיקער פּאָדעם, איז געבליבן הענגען אין דער געדיכטער פינצטערניש פון דער שטוב. זי האָט זיך צוריקגעלייגט אין בעט אַריין, געלעגן אויף אַ זייט און מיט דער רעכטער האַנט געוויגט דאָס שטרויענע וויגל אויף פּאַרזשאַווערטע רעסאָרן. פון דעם מאָנאָ־טאָנעם זשאַווערדיקן סקריפּען פון דעם וויגל, איז תנחום איינגע־שלאָפן פריִער פאַרן קינד.

די צייט איז געגאַנגען איר וועג. תנחום האָט זיך צוגעוווינט צו זיין אין פרעמדע הייזער, זיך צוזעצן צו פרעמדע טישן, ער האָט אויך אָנגעהויבן פאָדערן געלט ביי די, וועמען ער האָט אָנגעשלאָגן שידוכים. ער האָט גענומען געלט אויף הוצאות, דער עיקר אויף דאַראַזשקעס, ווען די מחותנים האָבן געוווינט ווייט פון זיך. ס׳איז שוין אַלע מאָל אַזוי אויסגעקומען, אַז איין מחותן האָט געוווינט ווייט פון דעם צווייטן, און פאַרשטייט זיך, אַז תנחום האָט גענומען געלט אויף דאַראַזשקעס, אָבער געגאַנגען איז ער צו פוס.

אין שטוב ביי תנחומען האָט זיך אָנגעהויבן אָפּטער צו ווייזן אַ פרייער גילדן. ביי זיין ווייב, וואָס האָט נישט אויפגעהערט אים טרייבן, ער זאָל זיך נעמען צו אַ לייטישער פּרנסה, האָט זיך אַ ביסל געשטילט דער כעס צוליב דעם, וואָס אין דער שטוב איז כאָטש קיין הונגער נישט געווען.

דורך דער צייט זענען ביי זיי געבוירן געוואָרן נאָך צוויי קינדער, אַ יינגל מיט אַ מיידל. איצט האָבן זיי שוין געהאַט אָן עין־הרע פינף קינדער. אָבער דווקא דעמאָלט, ווען ביי תנחומען האָט זיך גיכער געפונען אַ גילדן אין קעשענע, ווען אין דער שטוב מיט די פינף קינדער איז געוואָרן אַ ביסל גרינגער, האָט זיך

תנחום געכאַפּט, אַז ער האָט פאַר די פּאָר יאָר נישט אויסגעפירט כמעט קיין איין שידוך — און פעסט באַשלאָסן ביי זיך אַ סוף צו מאַכן צו זיין שדכנות.

*

ביי תנחומען איז געווען באו מים עד נפש. ס׳איז נישט געווען אויף קיין כיכר לחם אחת, נישט געווען אויף אַ שטיקל ברויט. זיין ווייב, גאָלדע לאה, האָט געליגט וועלטן. אין שטוב, ווען תנחום איז אַהיימגעקומען, האָבן זיך אירע קולות געטראָגן עד לב השמים.

ס׳איז דערגאַנגען דערצו, אַז גאָלדע לאה האָט געברענגט איר טאַטע-מאַמע, תנחומס שווער און שוויגער, זיי זאָלן פועלן ביי תנחומען ער זאָל זיך נעמען צו עפּעס אַ מסחר, ער זאָל נישט אַרומגיין ליידיק, זעען עפּעס זאָרגן פאַר זיין ווייב און קינדער.

די שוויגער האָט געפייערט אויף תנחומען:

— גן-עדן מאַנער, אויף דעם דאַרף מען זאָן אַ בן-תורה מען זאָל לאָזן, חלילה, אָסגיין אַ וואַב מיט פינעף קינדער? ווּוס מיינסטע, ס׳וועט דיר געשוויגן ווערן?! ווּוס מיינסטע, ס׳איז הפקר-וועלט?!

דער שווער האָט געשוויגן. ווען די שוויגער האָט איבערגע-ריסן איר געשריי, האָט ער זיך אָנגערופן:

— תנחום, אַז מען וועט דאַרפן, וועט מען געבן פעטש, הער זעך גיט צי ווּוס יעך זוג דיר.

— שווער מיר קריקגעבן דעם נדן, וועל יעך מעך נעמען צים מסחר.

— אין אַז די האָסט געמאַכט אַ שלעכט געשעפט איז שוין, איז שוין עק וועלט, איז שוין כלו כל הקיצים? נדן-געלט ברענגט קיין מול נישט קיין מזל. אַזאַ געלט האָט נישט קאַ קראַפט. איך האָב זעך אָפגעמיטשעט אַ שיינע פור יור ביז כ׳בין פטור געוואָרן פין דעם נדן ווּוס כ׳האָב געקריגן פין מיין שווער. ערשט דעמולט האָב איך זעך גענימען מיט דער גאַנצער פאַרע צים מסחר אין כ׳האָב ב״ה מצליח געווען. די האָסט געהאַט אַ לייכטערן וועג. די האָסט גרינג געפּטרט דעם נדן, אין וואָלסטי געווען אַ מענטש,

וואָלסטי זעך שוין לאַנג דערשלוגן צו אַ לייטישן מעמד. נאָר די ווילסט נישט, תנחום, די ווילסט נישט!

— טאַטישי, טאַטישי, ער וויל נישט! ער איז אַ ליידיקגייער. ער וויל זאַן אַ שדכן. ער וויל גיין אין האָזער שמועסן, טרינקען, עסן, דוס וויל ער, מער נישט. מער גייט עים גורנישט און! — האָט געשריגן תנחומס ווייב מיט איר באַסאָווער שטימע.

— יעך וויל יאָ. פאַרקערט. יעך האָב זעך געוואָלט נעמען צים מסחר ווען כ׳בין נאָך געווען אויף קעסט. נאָר יעך האָב נישט מיט ווּוס. מיט ליידיקע הענט קען מען גורנישט אויפטין.

— תנחום — האָט דער שווער זיינער געשטורעמט, — אַז מען וויל — קאָן מען. אַז מען האָט אַ שטאַרקן רצון אין בטחון, העלפט דער רבונו-של-עולם. „מאין יבוא עזרי״, האָט אַ גיטער ייד געטאַטשט: מאין, פין גורנישט וועט קימען מאַן הילף. דער אַלטער ווּרקער רבי, זכרונו לברכה, האָט געזוגט: ווען יצחק אבינו איז געקימען צו אבימלכן אין לאַנד פין די פלשתים, שטייט אין דער תורה „ויזרע יצחק בארץ ההוא וימצא בשנה ההוא מאה שערים ויברכהו ה׳״ (אין יצחק האָט געזייט אין יענעם לאַנד און אַראָפּגעקריגן אין יענעם יור הינדערט מול אַזוי פיל אין גאָט האָט אים געדאַנקט). וואָרעם מען מיז דאָך פאַרשטיין: נאָך ווּוס האָט יצחק אבינו זיך באַדאַרפט אַוועקשטעלן אין לאַנד פין פלשתים זייען? ווּוס? ער האָט מורא געהאַט, אַז אים, פין וועלכן ס׳דאַרף אַראָפּקימען דוס גאַנצע יידישע פאָלק, וועט דער בורא-עולם לאָזן, חלילה, אָפּגיין פין הונגער? פין דעסטוועגן האָט יצחק זעך נישט פאַרלאָזט אָף קאַ ניסים אין געזייט. דערפאַר שטייט „ויברכהו ה׳״, איז דער טאַטש: גאָט האָט אים געדאַנקט. גאָט ברוך הוא האָט יצחקן געדאַנקט דערפאַר, ווּוס צוליב אים האָט ער נישט באַדאַרפן משנה זיין, נישט באַדאַרפן ענדערן דעם דרך הטבע.

— שווער! — האָט תנחום אויסגעשריגן, — איך וואָלט גע־אַקערט גאַנצע טעג אין נעכט אַבי צו געבן מאַן וואַב אין קינדער פרנסה, ווען כ׳וואָל געהאַט ווי.

— תנחום, זאָט יידן זענען אין גלות — איז מסחר זייער ערד, אַף דער ערד דאַרפן זיי אַקערן און זייען.

— מיט וואָס, שווער?

— מיט וואָס, פרעגסטו, מיט דער נוז. פאַרשטייסט? מען דאַרף שמעקן, לויפן, טשעקן, טיען — אין דער אייבערשטער העלפט.

— שווער, יעך בין דאָס עפּעס נישט תופס.

— מענטשן, ער האָט דאָך אין גאַנצן נישט קאַ סמיקאַלקע צים מסחר! טאַכטער מאַנע, ביסט געבעך מיאוס אַראַנגעפאַלן. תנחום, באַזיניק זעך! די טרוגסט אַף זעך די אחריות פאַר זעקס נפשות, — זיי זאָלן ציליב דיר, חלילה, נישט גיין פין דער וועלט.

שווער און שוויגער זענען אַוועקגעגאַנגען. תנחומס ווייב איז געזעסן און געוויינט. תנחום אַליין האָט זיך געדרייט אַהין און צוריק איבער דער שטוב אין גאַנצן אַן אויפגעברויזטער. דעם שווערס רייד, אַז ער טראָגט די אחריות פאַר זעקס נפשות, זיי זאָלן חלילה נישט קומען פון דער וועלט צוליב אים, האָבן אים אין גאַנצן צערודערט. ער ווייסט וויל, אַז אויב ס׳איז אויבן, אין הימל, אויף עמעצן נגזר געוואָרן ער זאָל זיין אַן אָרעמאַן, וועט גאָרנישט העלפן, קיין שום חכמות און אויפטועכצן. אָבער זיצן מיט פאַר־לייגטע הענט טאָר מען נישט.

— פרנסה איז מלחמה, — האָט תנחום גערעדט צו זיך אַליין. „קשין מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף“, שווער קימט און דעם מענטש זיין שפייז ווי דאָס שפּאַלטן דעם ים־סוף, זוגט די גמרא. מען דאַרף שפּאַלטן ימען, מען דאַרף רייסן וועלטן פאַרן ביסל שפּייז, על אחת כמה וכמה, ווען מען דאַרף שפּייזן אַ וואָב מיט פינף קינדער. און דאָס איז נישט נאָר אַ געבאָט, דאָס איז אויך אַ גרויסע מצווה. אויף „עושה צדקה בכל עת“, ער טיט צדקה אין יעדער צייט, זוגט די גמרא אין כתובות, זה הזן בניו ובנותיו כשהן קטנים, דאָס איז דער וואָס שפּייזט זאַנע זין און טעכטער ווען זיי זענען קליין.

—רבונו דעלמא כולא! — האָט תנחום אויסגעשריגן אויפן קול, — ווי אַזוי קימט מען דערצי!

תנחום האָט געהאַט אַ באַגרינדעטן השד, אַז שטילערהייט, ער זאָל נישט וויסן דערפון, שטיצט דער שווער אונטער זיין שטוב, זיין ווייב און קינדער. אָבער, ווען דאָס זאָל אפילו האָבן געווען אמת, איז עס נישט געווען איצט בכוח לייכטער צו מאַכן תנחומס שווער געמיט.

*

דעם זעלבן טאָג, פאַרנאַכט צו, איז תנחום געקומען אין שטיבל אַריין און געמאַכט אַ טאַראַראַם וועגן זיך. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען תנחום האָט פאַר אַלע אָפן גערעדט וועגן זיין נויט.

אין שטיבל האָט מען געטראַכט און אויסגעטראַכט, אַז תנחום זאָל צום נייעם זמן ווערן אַ מלמד. עטלעכע נגידישע יידן פון שטיבל האָבן אים צוגעזאָגט אנצודינגען ביי אים זייערע יינגלעך, ער זאָל מיט זיי לערנען.

תנחומען איז דער ענין געפעלן געוואָרן. להיפוך צו ר' זלמנען, האָט ער גערן געהאַט ווען יינגלעך זענען געקומען צו אים עפּעס איבערפרעגן אין לערנען. ער פלעגט זיי מסביר זיין אַ שטיקל גמרא, צי אַ שווערן תוספות. ער האָט דאָס נישט נאָר גערן געטאָן, נאָר אַפילו הנאה געהאַט דערפון, כאָטש ס'האָט נישט זעלטן גע־טראָפן, אַז גראַד דעמאָלט ווען יינגלעך זענען אים געקומען עפּעס פרעגן, איז ער אַליין געווען פאַרטיפט אין אַ האַרבער סוגיא.

ווען תנחומס ווייב האָט געהערט, אַז ער האָט באַשלאָסן צו ווערן אַ מלמד, האָט זי ווידער גענומען אויף אים שרייען: „שדכן, מלמד, שיינע פּרנסות האָסטו זעך אָסגעקליבן! מאַן טאַטשי, זאָל געזינט זאַן, אַז ער איז אַלט געווען אַכצן יור, האָט שוין די גאַנצע וועלט געקאָכט מיט זאַן סוחרישקייט. אַז ר' מרדכי בערן זאָל טרעפן אַזאַ אומגליק מיט אַ שלימזלדיקן איידעם, דוס וואָלט קיינער אין דער וועלט נישט געגלייבט!

פון דעסטוועגן איז זי געווען צופרידענער פון זיין מלמדות, ווי פון זיין שדכנות. דאָ האָט זי כאָטש געוווּסט, אַז זי וועט האָבן יעדן חודש כך וכך. אמת, אויף אַ קאַרג לעבן, אויף אַן אָרעם לעבן, דערפאַר סטאַלע, יעדן חודש, און נישט זיין אויסגעשטעלט אויף לעבן פון ניסים. אָבער אויף איר מאַן, אויף תנחומען, האָט זי געקוקט מיט ביטול, מיט חוזק. זי האָט שוין איצט קלאָר געזען, אַז קיין סוחר וועט ער שוין קיין מאָל נישט זיין, אַז זי האָט פאַרשפּילט איר לעבן, אַז איר וועט שוין אויסקומען אירע אַלע יאָרן אָפּצו־פּינצטערן אין אָרעמקייט, חלילה.

ווען תנחום האָט דערזען די יינגלעך מיט גמרות אונטער די הענט, וואָס זענען געקומען צו אים לערנען, איז ער פון דעם אַליין, פון דעם, אַז ער, תנחום, וועט מיט זיי לערנען, מרביץ תורה זיין, אַריינגעפאַלן אין אַזאַ התלהבות, ער האָט באַקומען דערפון אַזאַ התרוממות הנפש, אַז ער איז ממש אַרויס פון די כלים. ער האָט געקוקט אויף די יינגלעך ווי אויף מלאכים פון הימל און זיך צעגאַנגען אין אַזאַ התלהבותדיק לערנען, אַז ער האָט גאָרנישט באַמערקט, ווי די מלאכים שפּילן אונטערן טיש אין קנעפּלעך, אין סטאַלקעס, צי גאָר אין קוויטלעך. ער האָט זיך נישט געכאַפּט, אַז זיי זינגען מיט אים מיט דעם גמרא־ניגון, אָבער זיי זאָגן נישט קיין איין וואָרט פון דעם שיעור, וועלכן ער לערנט מיט זיי, אַז זיי הערן אפילו נישט, וואָס ער רעדט צו זיי, וואָס ער גיט זיי צו פאַרשטיין.

ערשט דאַנערשטיק, ווען ער האָט זיך גענומען פאַרהערן יעדעס יינגל באַזונדער, דעמאָלט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די יינגלעך האָבן נישט די מינדסטע ידיעה אין דעם שיעור, וועלכן ער האָט געלערנט מיט זיי אַ גאַנצע וואָך. תנחום איז אַריינגעפאַלן אין אַ ווילדן כעס, זיך גענומען שמייסן די תלמידים זיינע. געשמיסן האָט ער טאַקע, אָבער קיין צייט, אַז זיי זאָלן ביז שבת זיך אויס־לערנען דעם שיעור, איז שוין נישט געווען.

ווען די טאַטעס האָבן שבת פאַרהערט זייערע יינגלעך און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי קענען נישט דעם שיעור, האָבן

סיי די טאַטעס און סיי די ייִנגלעך געהאַט אַ פאַרשטערטן שבת. די טאַטעס זענען געווען פול מיט טענות דווקא צום מלמד, צו תנחומען.

אָבער ווען די ייִנגלעך זענען זונטיק ווידער געקומען צו אים לערנען, איז תנחום ווידער אַריינגעפאַלן אין התפעלות. ער האָט געלערנט מיט התמדה, מיט אַ ברען, און נישט געזען ווי פונקט מיט אַזאַ ברען שפּילן די ייִנגלעך אונטערן טיש אין קוויטלעך.

ס'איז געקומען שבת און די תלמידים האָבן ווידער נישט געקענט דעם שיעור. די טאַטעס זענען אַרומגעגאַנגען אָנגעברוגזטע אויף תנחומען, זיי האָבן שוין אַפילו קיין טענות צו אים נישט געהאַט.

מער ווי איין זמן איז תנחום קיין מלמד נישט געווען.

צוויי זאַכן זענען געשען אין דעם איינציקן זמן, אין וועלכן תנחום איז געווען מלמד. זיין געל־רויטע באָרד האָט פאַרלוירן איר פלאַם־פייערדיקן בליאַסק און געוואָרן אין גאַנצן מאַט. און נאָך עפּעס. די ייִנגלעך, כאָטש פון לערנען האָבן זיי זיך אַרויסגעדרייט, האָבן אים גערופן „רבי" און די זייטיקע יידן, וואָס פלעגן אַריינקומען אין שטיבל אַריין אָפּדאַווענען, האָבן אים אָנגעהויבן רופן „ר' תנחום".

*

נאָך דעם ווי ר' תנחום איז געוואָרן אוים מלמד, האָט ער זיך גענומען צו אַריינגייערײַ.

ר' תנחום איז געוואָרן אַן איינגייער אין עטלעכע פאַרמעגלעכע הייזער. מען האָט אים דאָרט, ווי נאָר ס'האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט, צוגעשאַרט אַ פאַרדינסטל. מען האָט אים גענוצט צו פאַרשידענע שליחותן. דאָ האָט מען באַדאַרפן פאַרהערן אַ חתן, האָט מען אים געשיקט. דאָרט ווידער האָט מען באַדאַרפט צופאָרן אין אַ שטעטל, נעמען אַן אויסקונפט אויף אַ שידוך, איז ער געפאָרן. טייל מאָל איז ער געווען אַן עדות ביי אַ שטילן גט. מען האָט אים גענוצט ווי אַ בורר ביי קליינע דין־תורהס. מען פלעגט אים

מיטשיקן ווי אַ מבין מיט ווייבער וואָס זענען געפאָרן איינקויפן סחורות אויף חתונה־אויסשטייערן, און ער פלעגט דערביי כאַפּן ביים סוחר אַ פּאָר פּראָצענט. שפּעטער, אין אַ סך יאָרן אַרום, ווען זיינע אייגענע הצטרכותן האָבן זיך שטאַרק מצמצם געווען, האָט ר׳ תנחום זיך געווידמעט נאָר אונדזער הויז, געוואָרן ביי אונדז „אויסערן־מיניסטער״.

פאַרשטייט זיך, אַז פון דעם איינגייעריי, פון די אַלע צוגע־שאַרטע פאַרדינסטלעך, איז ביי ר׳ תנחומען אין שטוב קיין מאָל קיין פרנסה נישט געווען. ער אַליין האָט דווקא פון דעם איינגייע־ריי שטאַרק הנאה געהאַט. עפּעס האָט ער געפילט, אַז זיין וואָרט איז אַ וואָרט, זיין מבינות — אַ מבינות, זיין דעה איז אַ דעה, גאָרנישט ווי ביי אים אין שטוב, ווו ער האָט נישט געהאַט ביי זיין ווייב דעם מינדסטן אָנזען. פאַרקערט, זי האָט אים געזידלט כאחד הריקים. זי האָט געמאַכט פון אים אויסצודרייען. געשוואָרצט אים דאָס פּנים אין די שכנימס אויגן, געשריגן, אַז איינגייעריי איז שלעפּעריי, אַז ער איז זיך דערמיט משפּיל, דערנידריקט זיך דער־מיט ביז צו דער ערד, גאָר אַ היפּוך צו דעם געפיל, וואָס ר׳ תנחום האָט פון זיין איינגייעריי געהאַט.

האָבנדיק אַ שלעכט ווייב, וואָס האָט אים געטריבן פון דער היים, האָט ר׳ תנחום ליב באַקומען צו זיין אַ בן־בית אין פרעמדע הייזער, זיצן ביי פרעמדע טישן, ווינטער זיך וואַרעמען ביי פרעמ־דע אויוונס. ס׳איז אים געווען ליב די אומבאַשטימטע פרנסה. ווען ער איז אין דער פרי אַרויסגעגאַנגען פון שטוב און נישט געוווּסט וווּהין ער וועט ווענדן זיינע טריט, האָט ער זיך געפילט ווי אַ פויגל, וואָס פליט אַרום אין דער וועלט זוכן זיין שפּייז.

נישט האָבנדיק די מינדסטע אחיזה, דעם מינדסטן אָנשפּאַר אין דער ווירקלעכקייט, האָט תנחום געחלומט וועגן פּלוצימדיקן רייך ווערן. אַז נישט ווייסנדיק פון וואַנען און פון וואָס, וועט ער מיט איין מאָל באַגליקט ווערן. ער האָט נישט געחשבונט, ווייל ער האָט נישט געהאַט אויף וואָס אויסצורעכענען, נאָר פאַרבונדן אַלע זיינע מחשבות מיטן כוח הדמיון.

*

סוף זומער 1914 איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט-מלחמה. אַלטע, געגרונדפעסטיקטע הייזער זענען אַראָפּ פון דער מדרגה. נגידים זענען געוואָרן יורדים. ווידער טייל געדריקטע מענטשן זענען גאָר געוואָרן אויפגעריכט, געהאַט פרנסה בשפע.

קיין וואַרשע האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען וועגענער מיט היימלאָזע יידן, וועלכע מען האָט אַרויסגעטריבן פון זייערע ביז איצטיקע היימען.

די יידן מיט זייערע ווייבער און קינדער און אָפּגעראַטעוועטן ביסל אָרעם האָב, זענען געזעסן אויף די וועגענער פאַראומערטע, הילפסלאָזע, מיט פאַרווייטיקטע אויגן, פולע מיט דורותדיקן עצבות.

ס'איז אויף דער וועלט געקומען אַ צעמישונג. אין דעם תוהו ובוהו האָט זיך ר' תנחום אַרויסגעגליטשט פון זיין ווייבס הענט. ער איז געוואָרן זיכערער ביי זיך. דווקא אין די מלחמה-יאָרן, ווען קיין נאָרמאַלע געשעפטן האָט מען נישט געמאַכט, האָט ר' תנחום געהאַט פולע הענט מיט טועכץ, מיט פאַרשידענע שליחותן, פול געווען מיט סודות. אין די מלחמה-יאָרן, ווען אַ סך אָרעמע משפחות ווי זיינע, זענען פון הונגער און נויט אויסגעגאַנגען, איז ביי ר' תנחומען איז שטוב געווען ברויט צו דער זעט.

ס'איז געשטאָרבן ר' מרדכי בער, ר' תנחומס שווער, היות ער האָט נישט געהאַט קיין זין, נאָר בלויז טעכטער, און היות ר' תנחום איז געווען אַ קיילעכיקער יתום, האָט ער געזאָגט נאָך זיין שווער אַ גאַנץ יאָר קדיש.

נאָך זיין שווערס טויט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז נישט געבליבן נאָך אים קיין צעבראָכענער גראָשן. דאָס ווייב זיינס, ר' תנחומס שוויגער, וועלכע איז שוין געווען אַ זקנה, האָט באַדאַרפן גיין וווינען צו איינער פון אירע טעכטער. זי האָט אָבער נאָר געוואָלט גיין צו גאָלדע לאהן, איר יינגסטער טאָכטער, ר' תנחומס ווייב.

ר׳ תנחום

ר׳ תנחום האָט גענומען די שוויגער צו זיך, און מיט איר זיך נוהג בכבוד געווען. ער האָט זי אויסערגעוויינטלעך גוט באַהאַנדלט.

דורך די יאָרן פון דער מלחמה זענען ביי ר׳ תנחומען און זיין ווייב געבוירן געוואָרן נאָך צוויי קינדער. איצט האָבן זיי שוין געהאַט, אָן עין־הרע, זיבן קינדער.

ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, און דאָס לעבן האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן ווערן נאָרמאַל, האָט זיך אויף ר׳ תנחומס קאָפּ אַ שיט געטאָן אַ פרישער באַרג מיט צרות...

צער גידול בנים...

האָט שוין ר׳ תנחום געהאַט אַ ווייב מיט זיבן קינדער, פיר זין און דריי טעכטער. אַזוי לאַנג ווי די יינגלעך זיינע זענען געווען קליין, האָט ער זיי געהאַלטן אין וואַרשעווער תלמוד־תורהס, ווו זיי זענען געזעסן און געלערנט.

דעם אמת געזאָגט, האָבן זיינע יינגלעך קיין מאָל נישט אַרויסגעוויזן קיין איבעריקן חשק צו לערנען. די מלמדים האָבן זיך געקלאָגט, אַז די יינגלעך ליגן נישט צו די קעפּ צו דער גמרא. אָבער ר׳ תנחום האָט מיט פאַרשידענע אופנים, מיט גוטן און מיט בייזן, מיט שיינע מעשיות וועגן גרויסע לומדים, אָדער גאָר מיט קלעפּ און מיט שמיץ, אַדורכגעפירט דאָס זייניקע. די יינגלעך האָבן געלערנט אין תלמוד־תורהס און אין ישיבות.

אָבער ווי נאָר דאָס עלטסטע יינגל זיינס, דער בכור, איז אונטערגעוואַקסן, באַלד נאָך דעם ווי ער איז געוואָרן בר־מצווה, האָט ער קלאָר און אָפן געזאָגט דעם טאַטן, אַז מער אין דער ישיבה וועט ער נישט גיין, נאָר ער וויל זיך לערנען אַ מלאכה, שניידעריי.

ביי ר׳ תנחומען איז פון דעם יינגלס רייד ווי אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון. ער איז געוואָרן משונהדיק רויט, כמעט בלוי, פון כעס, און אָן אַ וואָרט אויסצורעדן האָט ער אַראָפּגענומען דעם פּאַסעק פון די הויזן — און זיך פאַרמאָסטן אויפן יינגל.

אָבער אין דער רגע איז צווישן זיי פּלוצים אויסגעוואַקסן זיין ווייב, און מיט אַ בייז, פאַרביסן פּנים, מיט אַ פאַרשפּיצטער נאָז און פולע מיט באַסט אויגן, האָט זי מיט צוויי אויפגעהויבענע, פאַרקראַמפּטע פויסטן זיך אַ וואָרף געטאָן מיט אַ געשריי צו ר׳ תנחומען:

— אכזר! רוצח! זאָלסט זעך נישט דערוועגן אָנצורירן דום קינד! ר׳ תנחום, אַ טאַטע ווּס קאָן נישט געבן זאַן קינד עסן צי דער זעט אין אַ מלבוש אָף ווינטער, איז נישט קאַ זאַ וואַזשנע דעה-זוגער. די מיש זעך נישט אַראָן צים קינד. זאָל זאַן וואַב נישט דאַרפן באַ אים אופּפינצטערן איר לעבן ווי יעך פינצטער אופּ באַ דיער! — און זי האָט געקוקט אויף איר מאַן מיט גאַליקן שפּאָט.

פון גרוים שטוינונג, פון אויסערזיכקייט, זענען ביי ר׳ תנחומען די אויגן געוואָרן אַזוי בולט, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אַרויסשפּרינגען פון פּנים אַרוים. אַז דאָס אייגענע ווייב זאָל אים אַזוי מבזה זיין אין די דערוואַקסענע קינדערס אויגן, דאָס האָט ער גאָרנישט גע־קאָנט באַנעמען. ער האָט איר געוואָלט עפּעס ענטפערן, אָבער נישט געקאָנט. ער האָט געהאַלטן אָפן דאָס מויל, ווי ס׳וואָלט אים פאַרפעלט אָטעם, און נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען פון זיך קיין קלאַנג. מילא, אויף זיין כבוד האָט ער שוין לאַנג געהאַט מוחל געווען, אָבער אויף דעם כבוד פון דער תורה האָט ער נישט געקאָנט מוחל זיין. און אַ פאַרווייטיקטער, פול מיט צער און בושה, האָט ער קוים פון זיך אַרויסגעקריגן דאָס איין-און-איינציקע וואָרט: — תורה!!!

אָבער צו אַלע צרות איז ר׳ תנחומס ווייב נאָך געווען אַ יידענע אַ מלומדת און זי האָט אים תיכף, מניה וביה, אָפּגעענטפערט:

— ר׳ תנחום! אם אין קמח אין תורה. אויב ס׳איז נישטו קיין מעל איז נישטו קיין תורה, שטייט אין פרק.

ר׳ תנחום איז געבליבן אין גאַנצן אַ צעמישטער. ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבער דער אייגענער שטוב מיט אַ ווייטן, פרעמדן בליק, ווי ער וואָלט דאָ געווען דאָס ערשטע מאָל. אַלץ איז אים מיט איין מאָל געוואָרן פרעמד, דאָס ווייב, די קינדער, די שטוב. ער האָט געכאַפּט דעם פּאַלטן, אים אין דער גיך אָנגע־טאָן, אַרויפגעשטעלט זיך דעם קאָלנער, און מיט אַ קנאַל אין דער טיר — אַנטלאָפן.

ער איז געלאָפן צו אונדז. ווען ער איז אַ פּאַרסאָפּעטער צו אונדז אַריינגעקומען, האָב איך זיך געשפּילט אין גרויסן עסצימער מיט מיין פערד. ר׳ תנחום האָט אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר רוצחישע אויגן און געשריגן:

— ווּם שפּילסטי זעך עפּעם מיט אַ פערד?! פאַר ווּם נעמסטי גישט דעים סידור אין די האַנט אַראָן?! ני, ני, כ׳וועל דיר שוין האַנט צישטעלן אַ בענקעלע פאַרן טאַטישי, — און מיט זיין שפּיציקן ווייז־פינגער מיר געפאָכעט פאַר די אויגן.

איך בין אַרויסגעלאָפן פון דער שטוב און אַריין צו דער מאַמען מיט אַ גרוים געוויין.

— כ׳וויים נישט ווּם תנחום וויל פון מיר, — האָב איך קוים אַרויסגעהעשעט — ער לאָזט מיך נישט שפּילן מיטן פערד.

די מאַמע האָט מיך באַרויִקט. זי האָט מיר געגלעט דעם קאָפּ און דאָס פּנים מיט אירע איידעלע הענט און גערעדט צו מיר צאַרט און שטיל:

— ר׳ תנחום איז זייער אַ ווױלער ייד, נאָר ער איז האַנט געקימען אַ בייזער. ס׳וועט אים איבערגיין.

זי איז אַריין אין עסצימער, גענומען פון דאָרט מיין ברוין פערד מיטן ווייסן עק, אַריינגעבראַכט עס אין סאַלאָן: — נאַ, נעם, שפּיל זיך דו.

*

די מאַמע האָט געהייסן דערלאַנגען ר׳ תנחומען אַ גלאָז טיי. ער איז געזעסן ביים טיש, געגרויכערט אַ פּאַפּיראָס, זיך טיף פאַרצויגן און פאַרטראַכט געמישט דעם האַרטן צוקער אין דעם גלאָז.

די גרויסע כוואַליע כעס איז שוין געהאַט ביי אים אָפּגעשוואוּמען. איצט האָט ער דאָס פאַרלאָפענע געוואָלט באַנעמען מיטן שכל. אַז זיינס, תנחומס, אַ זון וויל ווערן אַ בעל־מלאכה, דאָס האָט ער נאָך איצט נישט געקאָנט תופס זיין, ווען דעם האָט ער נישט געקאָנט און נישט געוואָלט טראַכטן. ער האָט איצט נאָר געטראַכט ווען איר, ווען זיין ווייב, ווען זיין עזר כנגדו, וואָס איז

אים קיין מאָל נישט געווען קיין עזר, קיין מאָל נישט געווען אים קיין הילף, דערפאַר שטענדיק געווען אַ כנגדו, שטענדיק געווען קעגן אים.

ער איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און מיט טרויער געטראַכט וועגן זיין לעבן, וועגן זיינע אָפּגעפּינצטערטע יאָרן מיט זיין ווייב, גאָלדע לאהן.

ער האָט טאַקע געהאַט מיט איר זיבן קינדער. אָבער יעדעס קינד איז אים אָנגעקומען, רחמנא ליצלן, מיט דער גרינער גאַל. ווען זי איז דאָס ערשטע מאָל פאַרגאַנגען אין טראָגן, באַלד נאָך דער חתונה, האָט זי אויף אים געקוקט מיט אַזוי פיל כעס, מיט אַזאַ פאַרצאָרנט פנים, ווי ער וואָלט אין איר אָפּגעטאָן אַ מעשה מגונה, חס וחלילה.

ר׳ תנחום האָט נישט פאַרשטאַנען פון וואַנען אַזאַ שנאה צו אים. פאַר וואָס? פאַר ווען? פאַרקערט, ביי די אַנדערע חסידישע יונגעלייטלעך נאָך דער חתונה, ווען זייערע ווייבער ווערן מעוברת, לעבן זיי גאָר אויף, זיי בליִען אויף. די פּנימער ווערן ביי זיי קלאָר, די אויגן אויסגעלייטערט און שפּילעוודיק, די מחשבות ריין און דורכזיכטיק, זייער פּירעכץ לינדער און זייער לערנען שאַרפער. ס׳פילט זיך אין זיי אַ פאַרבאָרגענע פרייד. זיי קאָנען זיך טאַקע דעמאָלט פאַרגינען אַן איבעריק מאָל צו גענענען צו זייערע פרויען. די ווייבערישע ריינקייט אין צייט פון טראָגן, בינדט זיי אויף. דאָס ברענגט זיי אַריין אין אַ יום־טובדיקער שטימונג. זיי פילן זיך געהויבן און פול מיט מענערישער חשיבות.

אויך די פרומע חסידישע ווייבלעך זייערע ווערן דעמאָלט צו זיי מער צוגעלאָזן. אפשר דערפאַר וואָס דער סוד פון זייער מאַן־ווייב־פאַרבינדונג ווערט באַוווּסט פאַר אַלע, באַפרייט דאָס זיי פון איבעריקער געצוימטקייט. זייערע צניעותדיקע געפילן פאַר־טיפן זיך. זיי קוקן אויף זייערע מענער מיט ליבלעכע בליקן, באַ־האַלטן פאַר זיי אויס די קוועלן און אומאָנגענעמלעכקייטן וואָס זענען מיט זייער צושטאַנד פאַרבונדן. זיי לאָזן עפּטער צו די מענער

צו זיך, און נישט זעלטן זוכן זיי אַפילו, פאַרבאָרגן און איידל, זייערע מענערם נאָענטקייט. ס'שפּילט זיך דעמאָלט אויס אַ שטילע, צניעותדיקע ליבע צווישן חסידישן מאַן און ווייב, וואָס פאַרבינדט זיי שפּעטער אויף אַ גאַנץ לעבן.

תנחום האָט וועגן דעם אַלעם נישט געוווּסט, ער האָט וועגן דעם נישט געטראַכט, נאָר זיין אינסטינקט פון אַ געזונטן מאַנצ־פּערשוין האָט אים אונטערגעזאָגט, געמאַכט אים פילן, אַז אַזוי דאַרף דאָס זיין, אַז אַזוי איז טאַקע ביי אַנדערע.

ביי אים — פאַרקערט. פאַר אים איז זיין ווייבס טראָגן־ווערן געווען ממש אַ קאַטאַסטראָפע, אַ וואָלקן־ברוך. זי, דאָס ווייב זיינס, האָט אים די גאַנצע צייט פון דער שוואַנגערשאַפט נישט צוגעלאָזט צו זיך, געיאָגט אים פון זיך ווי אַ נישט־גוטן. דאַקעגן אַלע אירע קוועלן און אומאַנגענעמלעכקייטן, וואָס זענען מיט דעם צושטאַנד פאַרבונדן, האָט זי נישט נאָר פאַר אים נישט אויסבאַהאַלטן, נאָר פאַרקערט, אין זיין אָנוועזנהייט האָט זי זיך נישט אויפגעהערט צו באַקלאָגן, איבערטרייבנדיק אירע ליידן אויף אַ גוזמאדיקן אופן. ס'האָט אויסגעזען, ווי נישט די שוואַנגערשאַפט וואָלט געווען דער גורם פון די קוועלן אירע, נאָר זיין, תנחומס, אָנוועזנהייט וואָלט געווען די סיבה פון איר שלעכט פילן זיך.

אַז ער איז געווען אין שטוב איז איר שטענדיק געווען נישט גוט. זי פלעגט ביים עסן באַקומען איבל, און נישט אַוועקגעגאַנגען פון דעם טיש, נאָר תנחומען פאַרמיאוסט דאָס עסן אַזוי ווייט, אַז ער האָט נישט געקאָנט נעמען דעם לעפל צום מויל. ביי נאַכט פלעגט זי אים וועקן, ער זאָל איר דערלאַנגען אַ שיסל, ווייל ס'איבלט זי. זי האָט געקרעכצט, אַז דער קרייץ טוט איר ווי — און אים נישט געלאָזט צוטאָן קיין אויג.

תנחום איז שטאַרק אַראָפּ פון פּנים. אונטער די אויגן צוויי גרויסע שוואַרצע רעדער, און די נאָז פאַרשפּיצט. ער איז געווען פול מיט עצבות, פול מיט מרה־שחורה. די, ווי ער, נאָר וואָס התונה געהאַטע יונגעלייטלעך, אויפגערוימטע, פריילעכע, נאָך אין

די כמעט נייע קאַפּאָטעס פון דער וויפּראַווע, האָבן געקוקט אויף אים מיט שטוינונג, און טייל מאָל מיט רחמנות. זיי האָבן נישט געוווּסט, וואָס איז דאָס געוואָרן פון דעם אַלע מאָל פריילעכן תנחומען. אָבער קיינער האָט אים נישט געוואָגט צו פרעגן, צו רעדן מיט אים וועגן דעם.

אין דער פרי, נאָך שחרית, ווען די יונגעלייטלעך פלעגן מיט פלושענע טליתים-זעקלעך אונטער די אָרעמס אויפגעלייגטע גיין אַהיים עסן די געשמאַקע אָנבייסנס, וואָס זייערע ווייבער האָבן זיי צוגעגרייט, איז תנחום געשטאַנען אַ פאַרדאַגהטער. ער האָט זיך געפונען אין אַ גרויס פאַרלעגנהייט. ער האָט געטראַכט, אַז ס׳וואָלט אפשר גלייכער געווען אַרויסצונעמען זיך אַ פּערטל ברויט מיט עטלעכע שטיקלעך הערינג, אָפּעסן דאָ, אין שטיבל, און פאַרשפּאָרן גיין אַהיים.

ער האָט זיך אָבער געשעמט פאַר די אַנדערע יונגעלייט און אַ פאַרטרויערטער, מיט פאַמעלעכע טריט, געגאַנגען צום ווייב עסן נהמא דכסיפא, עסן פאַרשעמט ברויט.

תנחום האָט נאָך דעמאָלט געגעסן קעסט. עס זאָגט זיך אַזוי — געגעסן קעסט. אָבער אין דער אמתן האָבן די קעסט אים געגעסן. זינט דער שווער זיינער האָט ביי אים אויסגענאַרט דעם נדן, האָט ער אויפגעהערט מיט תנחומען צו רעדן, ער איז גאָר ברוגז געוואָרן מיט אים. די שוויגער האָט געקוקט אויף איר איידעם, ווי אויף אַ בייז אָנשיקעניש. ווען זי האָט געקוקט אויף אים, זענען אירע אויגן געווען פול מיט באָסט, מיט פאַרווירטן כעס, אָבער ווען זי האָט איבערגעטראָגן דעם בליק אויף איר טאָכטער, זענען אירע אויגן געוואָרן פול מיט רחמנות. אַזוי האָט זי געהאַלטן אין איין איבערטראָגן איר בליק, וועלכער האָט זיך כסדר געטוישט, פון איידעם אויף דער טאָכטער און פון דער טאָכטער אויפן איידעם, און דערביי אַרויסגעגעבן פון זיך משונהדיקע קרעכצן, אָפּט באַגלייט מיט אַ שלוקעכץ.

תנחום האָט געוואָלט פאַרלאָזן די שטוב און בלייבן אויף

שטענדיק וווינען אין שטיבל, אָבער פון גרויס בושה האָט ער נישט געקאָנט דאָס ביי זיך פועלן.

ווען ער איז מיט אַלע אַנדערע יונגעלייט געפאָרן אויף די ימים־נוראים צום רבין, האָט ער געקלערט דאָרט שוין צו פאַר־בלייבן, יעדנפאַלס בלייבן אַ לענגערע צייט. אָבער באַלד צו מאָרגנס נאָך יום־כיפור, האָט דער רבי אַלע יונגעלייט, וואָס האָבן אין דעם יאָר חתונה געהאַט, געשיקט אַהיים „נקי יהיה לביתו שנה אחת וישמח את אשתו אשר לקח" (פריי זאָל ער זיין פאַר זיין היים איין יאָר, און דערפרייען זיין ווייב וואָס ער האָט גענומען), האָט דער רבי זיי דערמאָנט דעם דין פון דער תורה.

בעת תנחום איז געשטאַנען ביים רבינס טיש צום געזעגענען, האָט ער זיך דאָרט פאַרהאַלטן איבעריקע עטלעכע מינוט. דער רבי האָט אַ בליק געטאָן אויף זיין פנים און קיין שמחה אין עס נישט געזען. אָבער ווען ער האָט איבערגעלייענט תנחומס קוויטל, און ווען ער איז מזכיר דאָס ווייב, וואָס איז מעוברת, האָט דער רבי אויף גיך געזאָגט צו אים: — פור געזינטערהייט, — און אים שנעל אָפּגעזעגנט.

ס'איז געווען, ווי געזאָגט, למחרת יום־הכיפורים, ווען ס'איז אין הימל באַשטימט געוואָרן דער גורל פון יעדן מענטש לחיים און חלילה למוות, צו לעבן אָדער, חס וחלילה, צו טויט, און תנחום האָט נישט געפונען אין זיך גענוג דרייסטקייט אין אַזאַ צייט אויסצוגיסן פאַרן רבין זיין האַרץ אין די ענינים, וואָס האָבן אים אַזוי שטאַרק געקוועלט.

תנחום איז אַוועקגעפאָרן פון רבין אין גאַנצן אַ צעבראָכענער. אין דער היים איז אים געווען ללא נשוא, נישט צו פאַרטראָגן. ביי טאָג האָט ער געבעטן ס'זאָל שוין זיין נאַכט, און ביי נאַכט האָט ער געבעטן ס'זאָל שוין זיין טאָג. די ערגסטע קללה פון דער תוכחה האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זיין קאָפּ.

*

און אַז ס'האָט זיך דערנענטערט די צייט פון געווינען, ווען

תנחומס ווייב האָט זיך געריכט אין קימפּעט אריין, האָט זי געפּאָ־דערט מען זאָל באַשטעלן איינע פון די בעסטע און טייערסטע וואָר־שעווער אַקושערקעס. נישט געקוקט וואָס זי איז געווען ביי די עלטערן אין שטוב, און די מוטער איז געווען מיט איר, האָט זי געפּאָדערט, אַז זי וויל האָבן אויף דער צייט פון דער קימפּעט אַ ספּעציעלע וואָרטאָרין.

נישט פון אירע עלטערן האָט זי דאָס געפּאָדערט, כאָטש זי איז געווען אויף קעסט און אַלע הוצאות פון איר קימפּעט האָבן געוויינלעך באַדאַרפן טראָגן איר טאַטע־מאַמע. זי האָט דאָס אַלץ געפּאָדערט פון איר מאַן, תנחומען. זי האָט גוט געוווּסט, אַז ער האָט נישט קיין געלט, אַז דעם נדן, וואָס ער האָט באַקומען, האָט איר פאָטער ביי תנחומען אויסגענאַרט. אָבער דאָס האָט איר נישט געשטערט צו שטעלן איר מאַן פאָדערונגען, וואָס נאָר נגידישע טעכטער האָט מען אַזעלכע נאָכגעגעבן. און אפשר דערפאַר, וואָס ז׳ האָט געוווּסט, אַז ער האָט נישט, האָט זי דווקא דאָס אַלץ געפּאָ־דערט. זי האָט אים געוואָלט נאָך מער דערנידעריקן, דערדריקן, געוואָלט, אַז ער זאָל זיך פילן שולדיק לגבי איר.

זי האָט געקלאָגט און געוויינט, אַז זי האָט שלעכטע חלומות, אַז זי האָט מורא, אַז זי האָט אַ פאָרגעפיל, אַז דאָס האָבן וועט זיין אַ שווערס, אַז זי וועט שטאַרבן אין דער קימפּעט.

איר מאַמע האָט אַ סך מאָל אויסגעשפּיגן, אָנגעשריגן אויף איר, אַז אַ יידישע טאָכטער טאָר נישט ברענגען פאַרן מויל אַזעלכע ווערטער, און אויסגעבייטלט אירע חלומות אויף אַלע ווישטע פעלדער — און דערביי געשפּיזט דעם איידעם אירן מיט בייזע, פולע מיט כעס אויגן.

תנחום האָט זיך פאַרחובט, פאַרשולדיקט איבערן קאָפּ און נאָכגעגעבן זיין ווייב אַלץ, וואָס זי האָט געוואָלט. ער האָט געמיינט אַזוי אַרום ווייכער צו מאַכן איר האַרץ, אַרויסבאַקומען פון איר אַ ביסל לייטזעליקייט פאַר זיך, אָבער ס׳איז געשען פונקט דאָס פאַרקערטע. זי האָט געזען אין זיין נאָכגיביקייט אַן אויסדרוק פון

שלימזלדיקייט, פון מענלעכער געפאַלנקייט, פון אָפּהענגיקייט. דאָס האָט זי נאָך מער צערייצט און זי האָט, אַחוץ מיט כעס און צאָרן, איצט געקוקט אויף אים אויך מיט חוזק.

תנחומס ווייב איז מיט מזל געלעגן געוואָרן, און אַ האָבן האָט זי דווקא געהאַט זייער אַ לייכטס. סך־הכל זעקס שעה נאָך די ערשטע ווייען איז דאָס קינד מיט אַ געשריי און אַ ליאַרעם געפאַלן אויף דער וועלט.

ס'איז געווען אַ בן זכר.

תנחום האָט איבערגעלעבט אַ געהויבענע מינוט, ווען ער איז געקומען פון שטיבל און געוואויר געוואָרן די בשורה. אָבער ווען ער האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין דער טיר פון דער שטוב, ווו ס'איז געלעגן די קימפּעטאָרין, און איר געזאָגט: מזל־טוב, האָט זי אים אָפּגעענטפערט מיט אַ בייזן ברום, ווי פון אַ גערייצטער חיה.

ביים שלום־זכר, ברית און שפּעטער ביים פּדיון־הבן, האָט זיך תנחומס שווער אויפגעפירט, ווי ער וואָלט דאָס געווען דער גאַנצער בעל־שמחה, און תנחום וואָלט געווען סתם עפּעס אַ צוטשעפּעניש, אַ פינפטער ראָד אין וואָגן.

תנחום האָט זיך געפילט אומגליקלעך. די יונגעלייט פון שטיבל וואָס זענען געווען אויף די שמחות, האָבן אויסגעפילט ביי אים אַ קוועל, געוואָלט אים משמח זיין, אָבער נישט געקאָנט ביי אים אַרויסבאַקומען אַפילו אַ ניצוץ, אַפילו אַ פונק פון פרייד.

ווען זיין ווייב איז געווען אַ מינקת, ווען זי האָט געזייגט דאָס קינד, האָט זי אים ווידער נישט צוגעלאָזט צו זיך, מחמת מורא, זי זאָל ווידער נישט פאַרגיין אין טראָגן. און אַ מזל האָט ער שוין געהאַט דער תנחום, אַז ווען זיין ווייב איז שוין אַ מאָל יאָ געווען לייטזעליק צו אים, האָט זי באַלד, נאָך עטלעכע מאָל גענענען צו איר, ווידער פאַרשוואַנגערט.

תנחום האָט טאַקע געהאַט זיבן קינדער, אָבער אָן מענערישער שמחה. אמת, אַ פרומער ייד דאַרף נישט און טאָר נישט אַריינלייגן

אין ענינים שבינו לבינה קיין תאווה, אָבער שמחה? שמחה איז אַ בפירושע מצווה.

תנחום האָט זיך שוין אין די יונגע יאָרן געפילט ווי אַ זקן. ס׳האָט אים געשווינדלט אין קאָפּ, און טייל מאָל פלעגט אים פינצ־טער ווערן פאַר די אויגן. זיינע מחשבות זענען אים מבולבל געוואָרן. זיין לערנען האָט קיין טעם נישט געהאַט. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ האַלב-פאַרווירטער, און ביי נאַכט מורא געהאַט ער זאָל נישט זיין, חלילה, קיין מוצא זרע לבטלה.

אַזוי האָט תנחום אָפּגעפינצטערט זיינע מענערישע יאָרן. פון דעסטוועגן, ווען ער איז אַראָפּ פון די קעסט, איז כאָטש קיין פרנסה איז אין שטוב נישט געווען, האָט ער דאָך געלאָזט פילן זיין האַנט. מיט די מיידלעך זיינע האָט ער זיך נישט אינטערעסירט, אָבער די יינגלעך האָט ער געהאַלטן פעסט אין די הענט. ווען זיי זענען אַ ביסל אונטערגעוואַקסן, האָט ער זיי אָפּגעגעבן אין תלמוד־תורהס, אַכטונג געגעבן זיי זאָלן דאַווענען אין דער צייט, מקפּיד געווען אויף ברכות, געגאַנגען מיט זיי צום שערער און געהיטן מען זאָל זיי נישט אָנרירן די פיאות, ערב שבת זיי מיטגענומען אין מקווה אַריין, און אַריינגעצימבלט אין די געזעסלעך, ווען ער האָט געהאַלטן, אַז עס קומט זיי.

די יינגלעך האָבן געלערנט. אמת, אָן גרויסער התמדה, אָבער געלערנט. דער בכור זיינער איז געגאַנגען אין אַ ישיבה, געזאָגט אויף דער בר־מצווה אַ גאַנץ שיין פשטל, און פּלוצים אַזאַ אומ־גליק — עולם חשך בעדי, די וועלט איז פינצטער געוואָרן פאַר מיר — האָט ר׳ תנחום אַריינגעשעפּטשעט אין זיך...

*

איצט איז ר׳ תנחום געזעסן, געררייכערט אין פּאַפּיראָס נאָכן צווייטן און געטראַכט האָט ער, אַז דאָס וואָס איז געשען מיט זיין בכור איז אַן עונש דערפאַר, וואָס ער האָט זיינע יינגלעך קיין מאָל נישט מיטגענומען מיט זיך צום רבין.

אמת, ער האָט דאָס נישט געטאָן פון גוטן ווילן. פאַרקערט,

געוואָלט האָט ער שטאַרק, אַז זיינע יינגלעך, כאָטש בלויז די אַ ביסל דערוואַקסענערע, זאָלן מיט אים מיטפאָרן. אים וואָלט נישט געאַרט ווען זיי וואָלטן אַ ביסל פאַרשוואַרצט געוואָרן, זיך געוואָל־גערט אין די איבערפולטע אכסניות. אָבער ער האָט זיי נישט געקאָנט מיטנעמען, ווייל ער האָט זיך דאָס נישט געקאָנט דער־לויבן, ער האָט פשוט נישט געהאַט אויף די הוצאות פאַר זיי.

אַליין פלעגט ר׳ תנחום אויך נישט פאָרן אויף אייגענע הוצאות. ס׳האָט זיך שוין אַלע מאָל געפונען עמעצער פון די נגידישע חסידים, וואָס האָט אים מיט זיך מיטגענומען. אָבער ער זאָל נאָך אויף יענעמס חשבון מיטנעמען די קינדער, דאָס האָט אַפילו ר׳ תנחום, וואָס איז נישט געווען קיין בישן און גערן הנאה געהאַט פון יענעמס, נישט געקאָנט ביי זיך פועלן.

אַזוי איז אויסגעקומען, אַז אפילו זיין בכור איז קיין מאָל נישט געווען ביים רבין, אין אַלעקסאַנדער. ווען דער רבי איז אַ מאָל גע־קומען קיין וואַרשע, דעמאָלט פלעגט ר׳ תנחום אַרויספירן זיינע יינגלעך צום רבין. אָבער דער עיקר אין חסידות איז דאָך די נסיעה צום רבין, די הכנות צו דער נסיעה, דאָס אַוועקפאָרן פון דער היים, זיין אין גאַנצן מיט לייב און לעבן אין דער סביבה פון חסידים, אין דער מחיצה פון רבין, פון זיין בית-המדרש, פון זיין שטוב. דאָס איז דער עיקר, און דאָס האָבן זיינע יינגלעך קיין מאָל נישט געהאַט.

ר׳ תנחום האָט זיך דערמאָנט, ווי אַ מאָל איז ער געווען חנוכה ביים רבין אין אַלעקסאַנדער. ער איז דעמאָלט פאַרבליבן אַ ביסל לענגער. ס׳איז געגאַנגען די פרשה ויגש. דער רבי איז פרייטיק־צונאַכטס אַריינגעקומען צום טיש, זיך אַרומגעקוקט, און געזען אַרום זיך ס׳רוב עלטערע יידן און אַ ביסל יונגעלייט, קיין בחורים האָט ער נישט געזען, האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ צעבראָכן קול זיין תורה: יהודה האָט געזאָגט צו יוספן „כי איך אעלה אל אבי והנער איננו אתי״, ווי וועל איך אַרויפגיין צו מיין פוטער, אַז דום יינגל איז נישט מיט מיר? און דאָ האָט דער רבי אויסגעשריגן ווי

אַ פאַרווונדעטער, אַ צעווייטיקטער — ווי אַזוי וועל איך אַראָפּגיין אָפּגעבן אַ דין־וחשבון מאַן פֿוטער אין הימל, אַז די יוגנט איז נישט מיט מיר! — און דער רבי האָט זיך צעוויינט.

ביי דער דערמאָנונג האָט ר׳ תנחום דערפילט, גענוי ווי דעמאָלט, ווען ער האָט די תורה געהערט, ווי מוראַשקעס וואָלטן אים געגאַנגען איבערן לייב פון גרויס פחד וואָס איז אויף אים געפאַלן פון דעם רבינס ווערטער און פון זיין געוויין.

ר׳ תנחום האָט זיך געגומען באַשולדיקן, אַז עס איז געווען גאווה פון זיין זייט, וואָס ער האָט נישט מיטגענומען די יינגלעך זיינע צום רבין. „פאַרוואָס האָב איך זיך געהאַט צי שעמען? בעטלען האָב איך באַדאַרפן גיין, קלאַבן נדבות, אַבי מיטנעמען די יינגלעך צים רבין. אַ דל גאה, אַן אָרעמאַן, וואָס האַלט זיך גרויס בין איך געווען. אין גאָט האָט דום פאַנט״ — האָט זיך ר׳ תנחום אַליין געשטראָפט.

*

מען האָט געגרייט דעם טיש. דער טאַטע איז געקומען פון געשעפט. ר׳ תנחומען האָט מען פאַרבעטן צום מיטאָג.

אַ מיטאָג מיט ר׳ תנחומען איז פאַר מיר געווען אַן אָפּקומעניש. כ׳האָב פון פאָרויס געוווסט, אַז ער וועט האָבן מיט מיר צו טאָן, אַז ער וועט זיך שוין פאַר עפּעס צו מיר טשעפּען, אַז ער וועט מיך פאַרמסרן פאַר מיין טאַטן, ער וועט שוין געפינען אויף מיר אַ חטא.

ר׳ תנחום האָט זיך געוואַשן, ברייט זיך געזעצט צום טיש, געגעסן די געפּרעגלטע לעבערלעך מיט גרויס הנאה. פּלוצים האָט ער אַרויסגעלאָזט פון זיך אַ הויכן קרעכץ און באַלד אַרויס מיט אַ טענה צו מיין טאַטן:

— איטשע מאיר, זאָלסט דאָן בן־יחיד למען־השם מיטנעמען, ווען די פורסט צים רבין. ציטער נישט אַזוי, אַז ער וועט דאַרפן זעך אַ ביסל קוועלן. ס׳וועט אים גורנישט זאַן. זעי נאָר אין וואָס־פאַראַ הולך ער גייט אונגעטין. פאַרוואָס געסטי עים נישט אָפּציניייען אַ קאַפּעטע מיט לאַנגע הויזן? זעי נאָר ווי ער זעיט אָס! — האָט

ער געטייטלט מיטן ווייז-פינגער אויף מיר. ער האָט געקוקט אויף מיין ברייטן פּיקענעם קאָלנער און גרויסן זיידענעם שלייף, מיט אַזוי פיל שרעק אין די אויגן, ווי ער וואָלט פּלוצים דערבליקט, חלילה, אויף מיין האַלדז אַ צלם.

דער טאַטע האָט געשמייכלט. אים איז דווקא געפעלן געוואָרן וואָס איך בין אַזוי שיין אָנגעטאָן. ער האָט ר׳ תנחומס רייד גע־האַלטן פאַר איינעם פון זיינע משונהדיקע אויסברוכן — און זיי נישט גענומען ערנסט.

מיין טאַטנס גלייכגילטיקייט צו זיינע ווערטער האָט ר׳ תנחו־מען אין גאַנצן אַרויסגעפירט פון די כלים. ער האָט זיך אויפגעריסן פון טיש און געשריגן:

— וווּ מיינסטו? אין אַז דאָן זין וועט נישט זאָן קאַ שנאַדער נאָר אַ דאָקטער, וועסטו עים שוין הובן פאַרזאָרגט מיט תורה אין יראת-שמים?! זעי, אַז די זאָלסט חלילה נישט זאַן עתיד ליתן את הדין, ווי יעך בין עס!

ר׳ תנחום האָט זיך אַ צעטרייסלטער צוריקגעזעצט צום טיש. דער טאַטע האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז עפּעס איז שוין געשען, אַז ר׳ תנחומס רייד זענען נישט סתם אַזוי, בלויז אויסצולאָדענען זיין ביטער געמיט.

— תנחום, וואָס איז געשעען? זוג מיר, וואָס איז מיט דיר?

דאָ האָט ר׳ תנחום דערציילט פּאָדראָבנע דעם גאַנצן ענין מיט זיין בכור. ער האָט גערעדט שטיל, מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ און מיט אַזוי פיל צעבראָכנקייט, אַז דער טאַטע און די מאַמע זענען געזעסן און אויסגעהערט מיט גרויס ערנסט אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט. זייערע פּנימער זענען געווען געשפּאַנט און פאַר־זאָרגט.

דער טאַטע האָט געפּרוווט ר׳ תנחומען טרייסטן. ער האָט צו אים גערעדט האַרציק און מיט איבערגענומענקייט. ער האָט צו אים געטענהט:

— זוגט דאָך רבן גמליאל אין אבות: יפה תורה עם דרך־

ארץ, ס׳איז גיט תורה מיט אַרבעט. מילא, ווייניק שנאַדער זענען געווען יראים ושלמים, ווייניק שנאַדער זענען געווען יידן בני־תורה?

אָבער ר׳ תנחום איז געווען נישט געטרייסט. ער האָט אויף אַ רגע פאַרגלאָצט די אויגן, אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן פנים און געענטפערט מיין טאַטן:

— יאָ, רבן גמליאל איז טאַקע געווען רבן גמליאל אין אַ זין פון רבי יהודה הנשיא, אין דום ווּס ער האָט געזוגט איז זייער שיין, אָבער צי דוד המלכם „ובתורתו יהגה יומם ולילה" — און אין זיין תורה טראַכט ער טאָג און נאַכט — קימט עס פאַרט נישט. צווייטנס, כ׳האָב שטאַרק מורא, אַז מאַן זין מיינט נאָר די מלאכה אין שוין גורנישט קאָ תורה.

*

פון דעם טאָג אָן האָט ר׳ תנחום אָנגעהויבן זייער ווייניק זיין ביי זיך אין דער היים, דאַקעגן האָט ער כמעט גאַנצע טעג פאַר־בראַכט ביי אונדז.

פאַר מיר איז דאָס געווען אויסערגעוויינלעך שווער. ער האָט כסדר געהאַט מיט מיר צו טאָן, זיך געטשעפּעט צו מיר פאַר בילע־וואָס. כ׳האָב צוליב אים אָפט געוויינט. מיין טאַטע פלעגט זיך ביי אים בעטן ער זאָל מיך לאָזן צו רו. אָבער אים האָט דאָס קנאַפּ געאַרט און ער האָט מיך ממש פאַרפאָלגט.

צום גליק האָב איך דעמאָלט אָנגעהויבן גיין אין חדר. כ׳בין נעגאַנגען צו ערשט נישט מער ווי אַ האַלבן טאָג. אָבער דאָס איז שוין געווען פאַר מיר אַ גרויסע ישועה. כ׳בין כאָטש אויף אַ האַלבן טאָג פטור געוואָרן פון ר׳ תנחומס אפּוטרופּסות. ווען כ׳האָב אָנגע־הויבן לערנען חומש מיט רש״י, האָב איך פאַר ר׳ תנחומען שוין ווייניקער מורא געהאַט. וואָס מער און וואָס בעסער איך האָב געלערנט, אַלץ קלענער איז געוואָרן מיין מורא פאַר אים, און אַלץ ווייניקער האָב איך געלייגט אַכט אויף דעם, וואָס ער זאָגט וועגן מיר.

*

וואָס שייך זיין זון, דעם בכור, איז ר׳ תנחום געווען גערעכט. „לב יודע מרת נפשו", דאָס האַרץ פון אַ טאַטן האָט אים אונטער־געזאָגט, אַז אַזוי וועט דאָס נעבעך זיין, ווי ער פילט, און נישט אַנדערש. ר׳ תנחומס עלטסטער זון האָט זיך געלערנט שניידעריי און אין גאַנצן פאַרלאָזט דאָס לערנען. אַפילו אום שבת האָט ער קיין יידיש ספר נישט גענומען אין האַנט אַריין.

ר׳ תנחום האָט אויפגעהערט רעדן מיט זיין זון. ער האָט זיך מיט אים לגמרי נישט אינטערעסירט. ער האָט נאָר געקוקט מיט אַ בייזן שפּיזיקן בליק אויף זיין קאַפּאָטע, וואָס ווערט פון טאָג צו טאָג קירצער. ער האָט געוואָרפן שפּאָטישע בליקן אויף זיין יידיש היטל, וואָס איז געווען עפּעס אַזוי אומנאַטירלעך קליין און ער האָט עס געטראָגן זייטיק „נאָ באַקיער". ר׳ תנחום האָט זיך אפשר נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון דערפון, אַז טאַקע זיין בייזער בליק האָלט דאָס אָפּ זיין זון פון אין גאַנצן אויסטאָן די קאַפּאָטע און זיך אָנטאָן דייטש.

מיין טאַטע איז געווען קעגן ר׳ תנחומס פירונג מיט זיין זון.

— אויב דו וועסט זעך דערוואַטערן פין עים אָף איין אייל — האָט ער מיט אים איינגעטענהט — וועט ער זעך דערוואַטערן פין דיער אָף נאָן איילן. ס׳איז נישט קאָ דרך, תנחום, פאַרקערט, זאָ אים מקרב. ראַטעווע אופּ דום ווּס לאָזט זעך נאָך ראַטעווען.

אָבער ר׳ תנחום האָט נישט געהאַלטן פון אָפּגעראַטעוועטן יידישקייט. ער איז געווען פון די, וואָס האָבן געוואָלט אַלץ, און אויב נישט אַלץ, איז אים שוין גאָרנישט אָנגעגאַנגען. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — און וועגן זיין זון מער נישט געוואָלט רעדן.

ווען מיט צוויי יאָר שפּעטער איז זיין יינגערער זון געוואָרן בר־מצווה און מען האָט אים אויפגערופן צו דער תורה, האָט ר׳ תנחום מיט גרוים פרייד געזאָגט דעם „ברוך שפטרני". ער האָט געדאַנקט גאָט, וואָס ער טראָגט שוין מער נישט די אחריות פאַר

זיין יינגלם מעשים, אָבער ער האָט גאָר נישט געטאָן דערצו, אַז זיין יינגל זאָל זאָגן אַ פּשטל. ער האָט געטיילט דעם עולם לעקעך מיט בראָנפן — און דאָס איז עס געווען.

זיין שמחה איז נאָר געווען פון דעם, וואָס ער וועט מער נישט געשטראָפט ווערן פאַר זיין זונס עבירות, אָבער נישט פון דעם, וואָס זיין זון, דער באַשאַף פון זיינע לענדן, וועט זיין אַ שומר־מצוות, וועט אָפּהיטן און מקיים זיין די מצוות, וואָס אַ יידישער ייד מוז מקיים זיין, אויב ער וויל, אַז זיין לעבן זאָל האָבן אַ זין און אַ תכלית. פון דעם האָט ער זיך שוין געהאַט מייאש געווען.

ר׳ תנחומס ייִנגערער זון, ווי זיין ברודער דער בכור, האָט אויך באַלד נאָך דער בר־מצווה פאַרלאָזט אין גאַנצן דאָס לערנען און געגאַנגען אַרבעטן צו אַ טריקאָטאַזשניק. כאָטש ר׳ תנחום האָט דאָס פאַרוויסגעפּילט און פאַרשטאַנען, אַז אַזוי וועט דאָס זיין, איז ער אָבער, ווען ער איז געוואָיר געוואָרן דערפון, אַרומגעגאַנגען אבל וחפוי ראש, אַ טרויעריקער און אַ צעטומלטער.

אין שטיבל האָט מען געזאָגט בדרך הלצה, אַז ר׳ תנחום האָט צער גידול בנים, ער האָט צער פון דעם, וואָס זיינע קינדער ווערן גרויס. וואָרעם אַזוי לאַנג ווי זיינע קינדער זענען געווען קליין, האָט ער נאָך געהאַט פון זיי אַ ביסל נחת, איצט, ווען זיי ווערן גרויס, האָט ער פון זיי בלויז צער.

אָבער ווען ס׳איז געווען צו הלצות און ווען ס׳האָט גערונען בלוט פון האַרץ...

*

פאַר איין זאַך האָט ר׳ תנחום גאָר שטאַרק מורא געהאַט, וואָס האָט אים אָנגעפּילט מיט אַ טיפער שרעק. ער האָט מורא געהאַט, אַז זיינע זין זאָלן, חלילה, נישט געהערן צו קיין פאַראיין.

ווען ר׳ תנחום פלעגט קומען צו אונדז פון גאַס, האָט ער שטענדיק געהאַט צו דערציילן פאַרשידענע מעשיות וועגן פאַר־איינען.

— אָף דער דזשיקע גאַס, זוגט מען, האָט זעך געמאַכט עפּעס אַ פאַראיין פין ציוניסטן, אַן ערבוביה, רחמנא ליצלן, יינגען מיט מיידן, — האָט ער דערציילט, און דערביי פלעגט ער אַזוי משונה־דיק פאַרקרימען דאָס פּנים, פאַרקוועטשן די אויגן, ווי ער וואָלט פאַר זיך דערזען אַ שרעקלעך מיאוסע זאַך.

אָדער: אָף דער קאַרמעליצקע גאַס, זוגט מען, איז גורנישט אַדאַרכציגיין. די ציציליסטן האָבן זעך דאָרט געמאַכט אַן אופליוג. וואָס הייסט? אין יעדן האָז אַ פאַראיין, מיט יינגען אין מיט מיידן. מע זינגט אין מע טאַנצט, מע עסט טרפות! — האָט זיך ר׳ תנחום צעשריגן מיט אַ ווילד געשריי.

אָבער דער עיקר פאַראיין האָט ר׳ תנחום געמיינט די, מיט די חברה שטרייקערס. אין דער מעגלעכער צוגעהעריקייט פון זיינס אַ זון צו אַזאַ פאַראיין, האָט ער געזען אַ גוואַלדיקע דערנידערונג. ער האָט געזען דערין, אַז זיינע זין האָבן איין מאָל פאַר אַלע מאָל איבערגעריסן מיט זייער ביז איצטיקן מעמד און זיך אַראָפּגעלאָזט צום מעמד פון פּראָסטע אַרבעטער.

ס׳איז דערגאַנגען דערצו, אַז ר׳ תנחום איז געוואָיר געוואָרן, ווו ס׳אַרבעטן זיינע זין. ער איז פריִער געגאַנגען צום עלטערן זונס באַלעבאָס און אים געבעטן:

— ר׳ ייד, האָט רחמנות אויף מיר אין אָף מאַן קינד. טאָקע אַ שלעכט קינד, אָבער פאָרט אַ קינד. כ׳בעט אַך למען־השם, אַז אין די רגע ווי איר וועט גיוווּר ווערן אַז מאַן זין געהער צי אַ פאַראיין, זאָלט איר אים תיכף ומיד, די אותו רגע, אַראָפּוואַרפן פין דער אַרבעט.

דאָס זעלבע האָט ער אויך געבעטן דעם יינגערן זונס באַלע־באָס. אָבער סיי דער באַלעבאָס פון עלטערן זון און סיי דער פון יינגערן, האָבן ביידע געענטפערט איינס און דאָס זעלבע:

— ר׳ ייד, אויב איר זענט אַזאַ הייסער טאַטע, טאָ זעט אַז אייער זון זאָל באַלד נישט אַריין אין פאַראיין. וואָרעם טאָמער

וועט ער שוין זיין אין פאראיין, וועט מען עים שוין נישט קאָנען אראָפּוואַרפן פון דער אַרבעט.

פון דעסטוועגן, כאָטש ר׳ תנחום האָט פאַר די פאַראיינען אַזוי מורא געהאַט, האָט ער דאָך געהאַט דאָס געפיל, אַ געפיל פון זיכערקייט, אַז צו קיין פאַראיין וועלן זיינע זין נישט געהערן. עפּעס האָט ער זיך אין דעם פאַל סומך געווען, זיך אָנגעשפאַרט, אויף זיין זכות און אויף דעם זכות פון זיינע שיינע אָבות.

אָבער נישט זיין זכות און נישט דער זכות פון זיינע אבות זענען אים נישט בייגעשטאַנען... האָבן נישט געהאָלפן...

*

ס׳איז געווען דער ערשטער מאַי. מיר האָבן דעמאָלט געוווינט אויף דער מוראַנאָווסקע גאַס. דער טאָג איז געווען אַ זונטיקדיקער. די געשעפטן זענען געווען געשלאָסן און מיין טאַטע איז געבליבן אין דער היים.

מען האָט געזאָגט, אַז דורך דער גאַס וועט מען גיין מיט רויטע פענער. האָט מען מיך דעריבער דעם טאָג נישט געלאָזט גיין אין חדר, מורא געהאַט מיך אַרויסצולאָזן פון שטוב.

ס׳איז געווען אַ פרילינגדיקער טאָג, אַ וואַרעמער, אַ זוניקער. מיין טאַטע איז געזעסן אין סאַלאָן, די ברייטע באַלקאָן־טיר אויף דער גאַס אַרוים איז געווען אָפן, ס׳האָט אַריינגעשיינט די זון — און עפּעס האָט זיך געפילט אין גאַס אַ יום־טובדיקייט, אַ דערוואַרטונג אויף עפּעס.

פון באַלד אין דער פרי איז געווען ביי אונדז ר׳ תנחום און געזעסן מיט מיין טאַטן אין סאַלאָן. איך האָב זייער געוואָלט זען דאָס גיין מיט די רויטע פענער. כ׳בין אָבער נישט געווען זיכער, אַז מען וועט מיך אַרויסלאָזן אויפן באַלקאָן. האָב איך זיך דעריבער אָפּט געדרייט אַריין און אַרוים פון דעם סאַלאָן — צוליב וואָס כ׳האָב געצויגן אויף זיך ר׳ תנחומס צאָרן.

דער טאַטע איז אויך געווען צו מיר אומגעדולדיק:

— חיליש, וווּס דרייסט די זעך אַהין און אַהער, ווי אַ וויאַט־

ראק — האָט ער זיך אויף מיר געבייזערט — ווילסט דו בלאָבן, טאָ זעץ זעך אוועק אָף דער קאַנאַפּע. נאָר זײַ נישט ליידיק, לערן עפּעס, לייען עפּעס.

איך האָב גענומען אַ חומש אין האַנט און זיך אוועקגעזעצט אויף אַ האַלב-קיילעכדיקער, קליינער קאַנאַפּע. כ׳האָב געקוקט אין חומש אַריין, אָבער מיין קאָפּ און דער עיקר מיינע אויערן, זענען געווען אָנגעשפּיצט צו דעם, וואָס ס׳הערט זיך פון דרויסן.

אין דעם האָט זיך דערטראָגן פון דער גאַס עפּעס אַ געדיכט זשומעריי, ס׳האָט זיך דערהערט אַ ווייטער, שטילער געזאַנג.

מיין טאַטע, וואָס איז געווען זייער אַ נייגעריקער, האָט זיך אויפגעשטעלט און אַ בליק אַרויס געטאָן אויפן באַלקאָן. באַלד האָט ער זיך אָנגערופן צו מיר: — חיליש, ריף אַראָן די מאַמעשי.

איך בין גיך אַריין אין עסצימער און אַ רוף געטאָן: — מאַמשי, דער טאַטשי ריפט! — און שוין בין איך געווען צוריק אין סאַלאָן.

די מאַמע איז אַריינגעקומען און דער טאַטע האָט זיך צו איר אָנגערופן: — קים וועסטי זען ווּס ס׳טיט זעך.

מיין מאַמע איז אַרויס אויפן באַלקאָן, דערנאָך איז דער טאַטע אויך אַרויס און זיך פאַרהאַלטן האַלב-וועגס, צווישן דער טיר פון באַלקאָן און דער אייזערנער באַלוסטראַדע. איך האָב זיך פלינק געגעבן אַ שאַר אַרויס און זיך באַהאַלטן צווישן דער מאַמען און דעם זייטיקן ווינקל פון באַלקאָן.

ווען כ׳האָב אַ בליק געטאָן אויף רעכטס, האָב איך געזען ווי ר׳ תנחום, וואָס איז אויך געווען נישט ווייניק נייגעריק, שטייט לעבן מיין טאַטן און באַהאַלט זיין קאָפּ הינטער מיין טאַטנס פּלייצעס.

ס׳האָבן זיך דערנענטערט די מאַרשירנדיקע. ס׳האָט זיך דערהערט דאָס שפּילן פון אַ בלאָז-אָרקעסטער. פאָרויס זענען, אין דער גאַנצער ברייט פון גאַס, יונגעלייט אין בלויע העמדער מיט רויטע קראַוואַטן, פּאַמעלעך, טריט ביי טריט, געפאָרן אויף ראַ־

ווערן. די רעדער זענען געווען ביי די שפּריכעס אַדורכגענומען מיט רויט, בלוי און ווייס קרעפּ-פּאַפּיר. די רעדער האָבן זיך געדרייט פּאַמעלעך און די פּאַרנדיקע, וועלנדיק איינהאַלטן דעם גלייכגע-וויכט, האָבן מיט זיי באַוויגן אויף רעכטס און לינקס, ווי זיי וואָלטן מיט זיי אויסגעפירט אַ ריטמישן טאַנץ.

ביי די זייטן זענען געגאַנגען יונגע מענטשן אין די בלויזע קעפּ מיט הויכע טשופּרינעס. זיי האָבן אויך געטראָגן בלויע העמ-דער און רויטע קראַוואַטן. זיי זענען געגאַנגען אויף ביידע זייטן פונעם צוג, מיט די פּנימער צו די מאַרשירנדיקע, געהאַלטן איינער דעם צווייטן אונטער די אָרעמס און געשאַפן אַ לעבעדיקע, באַוועג-לעכע קייט לענג-אויס דעם צוג.

ס׳איז געגאַנגען דער אָרקעסטער, וועלכער האָט כסדר גע-שפּילט. נאָכן אָרקעסטער האָט איינער געטראָגן אויף אַ הויכן, רויט-פּאָלירטן שטעקן, אַ פאָן פון רויטן זייד. די פאָן איז געהאַנ-גען אין דער לענג אויף אַ קליינעם שטעקן, וואָס האָט געהאַט צוויי גאָלקעס ביי די זייטן, און געווען באַהאָפטן צום גרויסן שטעקן מיט אַ פון גאָלד-קאָליר געפלאָכטענער שטריק.

אויף דער זיידענער פאָן איז מיט גרויסע גאָלדענע אותיות געווען אויסגעהאָפטן: פּועלי-ציון. אַ ביסל אָפּגערוקט פון דער פאָן זענען געגאַנגען עטלעכע רייען מענטשן, עלטערע און אין די מיטעלע יאָרן. זיי זענען געווען יום-טובדיק געקליידט און געטראָגן אין די לינקע לאַצן שלייפן פון רויטן זייד.

צווישן דער ערשטער ריי פון די מענטשן האָט זיך אָנגעזען איינער אַ הויכער, אַ ברייטער, אַ שטאַלטנער. ער איז געגאַנגען פעסט און זיכער, דעם קאָפּ מיט די געדיכטע האָר אויפגעהויבן. ער האָט געהאַט אַ פול פּנים און אַ שיינע, שוואַרצע באָרד.

אויף מיין טאַטן האָט אָפּנים דער ייד מיט דער באָרד אין בלויזן קאָפּ געמאַכט אַ מאָדנעם איינדרוק. וואָרעם ער האָט זיך אָנגערופן צו דער מאַמען:

— די זעיסט, אידעס, דעים ייד מיט דער בורד? פאַר אַזאַ ייד

מיט אַזאַ שיינער בורד וואָלט גיכער געפּאַסט אַ שטראַמל ווי די רויטע פאָן.

נאָך די ערשטע רייען מענטשן זענען געגאַנגען גרופּעס אַנ־דערע, צו זעקס אין דערברייט, ס׳זענען געגאַנגען מענער און פרויען, יונגע און עלטערע, טייל קורץ געקליידטע און אין בלויזע קעפּ און טייל אין קאַפּאָטעס און אין יידישע היטלען. אַלע האָבן געהאַט רויטע שלייפלעך אין די לאַצן. מען האָט געטראָגן פענער און טראַנספּאַרענטן מיט אויפשריפטן: זאָל לעבן דאָס אַרבעטנדיקע ארץ־ישראל! זאָל לעבן דער פּראָלעטאַריאַט! פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער — פאַראייניקט אייך! און אַ סך אַנדערע. עס האָבן געשפּילט יוגנט־אָרקעסטערס, מען האָט געפּייקלט אין פּייקלעך, מען האָט געמאַכט אויסרופן און עס האָבן זיך געהערט הילכיקע ענטפערס: זאָל לעבן! און: נידער! מען האָט געזונגען לידער און דער צוג איז אַלץ געגאַנגען און געגאַנגען און ס׳האָבן זיך גערוקט אין איינעם מיט אים די צוויי שערענגעס געאָרעמטע יונגעליים, וועלכע האָבן אים אָפּגעטיילט פון דעם המון, וואָס איז געשטאַנען אויף די טראָטואַרן.

ווען אַ פרישע גרופּע דעמאָנסטראַנטן האָט זיך דערנענטערט צו אונדזער הויז, האָט זיך פון איר אָפּגעטיילט איינער, אַ יונגער בחור אין אַ קורץ־געהאַקטער קאַפּאָטע, אין אַ קליין יידיש היטעלע, אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ לענגלעך איידל פּנים. ער האָט זיך פאַרהאַלטן געגנוי אַנטקעגן אונדזער באַלקאָן, אויפגעהויבן די רעכטע האַנט, פאַרביילט אַ פויסט און אויסגעשריגן הויך, דירעקט צו אונדז:

— נידער מיט דער בורזשואַזיע!!!

דאָס איז געווען ר׳ תנחומס עלטסטער זון.

ר׳ תנחום האָט זיין זון נישט געזען. ער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אַ פאַרבאָרגענער הינטער מיין טאַטנס פּלייצעס, נישט געקוקט אויף די רויטע פענער, אויף דער טומאה, ווי ער האָט זיך

אויסגעדריקט. ער האָט נאָר דערהערט זיין זונס קול און אויסגע־שריגן:

— ווייִ צי מיר! ס׳איז מאַן יאָסל!!!

ער איז אַריין אין שטוב, נאָך אים מיין טאַטע, די מאַמע, און צום סוף, זייער נישט גערן, איך.

דער טאַטע האָט פאַרמאַכט די באַלקאָן־טיר, פאַררוקט די גאַרדינען. פּלוצים האָט ער מיך דערבליקט, געקוקט אויף מיר, ווי ער וואָלט נישט געוווּסט, אַז איך בין געווען די גאַנצע צייט אויפן באַלקאָן, און אויסגעשריגן מיט כעס: — וואָס טיסטו דו! און מיט דער רעכטער האַנט זיך פאַרמאָסטן אויף מיין געזעסל. איך האָב זיך פלינק געגעבן אַ קער אָפּ — און אויסגעמיטן דעם קלאַפּ.

ר׳ תנחום האָט זיך געוואָלט רייסן קריעה און זעצן שבעה. אָבער דער טאַטע מיינער האָט אים מיט אַלע כוחות צוריקגעהאַלטן דערפון.

— ער האָט זעך דאָך, חלילה, נישט געשמדט — האָט דער טאַטע עטלעכע מאָל איבערגעחזרט אָן אויפגעברויזטער, קוקנדיק ר׳ תנחומען גלייך אין די אויגן אַריין. ר׳ תנחום האָט נאָר אַרויס־געזאָגט איין וואָרט מיט אַ שוואַך קול פון אַ שווער פאַרוווּנדעטן:

— ערגער, ערגער.

אַ גאַנצן טאָג איז דער טאַטע געזעסן מיט ר׳ תנחומען אין סאַלאָן און מיט אים איינגעטענהט. די טיי, וואָס מען האָט אים דערלאַנגט און די שטאַרקע אַראָמאַטישע פּאַפּיראָסן, מיט וועלכע דער טאַטע האָט אים מכבד געווען, האָבן אים נישט געשמעקט. ער האָט אָן חשק געגעסן דאָס געשמאַקע מיטאָג מיט דער פאַרשפּייז און צוויי פליישן, און קוים עפּעס טועם געווען פון דעם נאַכטמאָל.

אַלע ביי אונדז, מיינע שוועסטער און איך, זענען מיר אַרומגע־גאַנגען מיט שטילע טריט, ווי אין שטוב וואָלט, חלילה, געווען אַ חולה מסוכן. אויך אונדזער דינסט, גענענדל, וועלכע האָט נישט איין מאָל זיך געבייזערט אויף ר׳ תנחומען, פאַר זיין נישט געגוג

אָפּרייבן די שטיוול פאַר דער טיר, אָדער פאַר אוועקשטעלן די קאַלאָשן אויף אַ נישט געהעריק אָרט, איז היינט געווען צו אים פול מיט אויפמערקזאַמקייט און אים דערלאַנגט דאָס עסן און די טיי, ווי מען דערלאַנגט גאָר אַ חשובן גאַסט.

די נאַכט איז ר׳ תנחום געבליבן ביי אונדז נעכטיקן.

ס׳איז געווען דאָס ערשטע מאָל זינט איך האָב געדענקט, אַז אַ פרעמדער מענטש זאָל נעכטיקן ביי אונדז אין הויז. די שטוב ביי אונדז איז געווען אָן אָפּענע, מיט אורחים און געסט, מען האָט געגעבן יעדן צו עסן און צו טרינקען, אָבער נעכטיקן — דאָס נישט. מיין טאַטע, דער עיקר, האָט אין דעם שטאַרק מקפּיד געווען. אַפילו משפּחה האָבן ביי אונדז נישט גענעכטיקט, סיידן זייער אַ נאָענטע, וועלכע איז געקומען אויף אַ ספּעציעלער איינלאַדונג.

שוין דאָס אַליין האָט אונדז, קינדער, געגעבן צו פילן, אַז עפּעס גאָר וויכטיקס איז געשען. מיינע שוועסטערן האָבן צווישן זיך גערעדט זייער שטיל, און מיך נישט צוגעלאָזט הערן וואָס זיי רעדן. די מאַמע האָט פון צייט צו צייט אַ טיפן קרעכץ געטאָן. אַזעלכע קרעכצן האָבן מיר ביי איר זייער זעלטן געהערט, כיבע אין אַן עת־צרה, ווען אַ קינד איז שטאַרק קראַנק געווען. דער טאַטע, וואָס פלעגט טראָגן די ציצית אין די הויזן, האָט זיי דעם טאָג געטראָגן פון אויבן.

דאָס אַליץ האָט אויף מיר אָנגעוואָרפן אַ פּחד. ס׳האָט מיך דערמאָנט אין עבירה און שטראָף. כ׳האָב מורא געהאַט פאַרן גיהנום און איך האָב דריי מאָל געקושט די מזוזה פאַרן לייגן זיך שלאָפן...

ר׳ תנחום איז זיך פורש פון ווייב

איין מאָל איז געשען, אַז ר׳ תנחום האָט זיך אין דער פרי נישט געקאָנט אויפהייבן פון בעט. ער האָט זיך געפילט שטאַרק נישט מיט אַלעמען, געווען אין גאַנצן נישט בקו־הבריאות.

געוויינלעך פלעגט ער זיך יעדן טאָג פעדערן און אויפשטיין פאַר טאָג, נאָך איידער די זין זיינע האָבן זיך אויפגעהויבן און געמאַכט זיך גרייט צו דער אַרבעט.

ס׳פלעגט ר׳ תנחומען פון פאַר טאָג אָן יאָגן פון דער שטוב. ער האָט נישט געוואָלט זיין דערביי און צוקוקן ווי זיינע זין מור־מלען אָפּ דאָס דאַווענען אויף גיך, אַבי פּטור צו ווערן דערפון. ער האָט אפילו נישט געקאָנט סובל זיין ווען עמעצער האָט אויף גיך פאַרבונדן די רצועות פון די תפילין. ווער שמועסט נאָך ווען דאָס טוען אייגענע קינדער... דאָס, אַז זיינע זין קאָנען אַ מאָל אין גאַנצן נישט לייגן קיין תפילין, דאָס איז אים אַפילו אויפן געדאַנק נישט געקומען, אַזעלכעס איז אים גאָרנישט איינגעפאַלן.

אָבער דעם פאַרטאָג האָט ר׳ תנחום בשום אופן נישט געקאָנט אַרויס פון בעט. ער האָט זיך אויפגעוועקט געננוי צו דער רגע ווי אַלע טאָג, אָבער די אויגן־לעפלעך זענען אים צוריקגעפאַלן, זיי האָבן זיך קענגן זיין ווילן אַליין צוריק פאַרשלאָסן.

מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט ר׳ תנחום אַראָפּגעשטעלט די פיס פון בעט. ער האָט זיך אָפּגעגאָסן די נעגל, פאַרריכט דאָס קאַפּל אויפן קאָפּ, געזאָגט „מודה אני״, אָבער געפילט, אַז אַנטאָן קאָן ער זיך נישט. האָט ער צוריק אַריינגענומען די פיס אין בעט און טיף, פון גרויס פאַרצווייפלונג, אָפּגעקרעכצט.

אין דעם האָט ער דערזען ווי ס׳עפנט זיך די טיר פון שלאָף־חדר און ס׳קומט אַריין זיין עלטסטער זון, יאָסל. אין איין האַנט

האַלט ער אַ גלאָז באָווארקע, וואַסער מיט מילך, און אין דער צווייטער אַ טעלערל מיט אַ שפּאָר שטיקל האָניק-לעקעך. ער האָט אָוועקגעשטעלט דאָס גלאָז באָווארקע און דאָס טעלערל מיטן לעקעך אויף אַ שטול לעבן זיין מאַמעס בעט. פון דער פּאָדלאָגע האָט ער אויפגעהויבן אַ שיסל מיט אַ שעפּ וואַסער און דערלאַנגט דער מוטער זיך אָפּצוגיסן די נעגל. באַלד האָט ער ביי איר צוגענומען די שיסל און דערלאַנגט איר די באָווארקע מיטן לעקעך.

ר׳ תנחום האָט זיך אַ דריי אוים געטאָן מיטן פּנים צום ווייבס בעט, וואָס איז געשטאַנען אין צווייטן ווינקל פון שלאָף-חדר. ער האָט געזען ווי זי איז אָנגעשפּארט, האַלב ליגנדיק און האַלב זיצנדיק, אויף צוויי גרויסע, ווייסע שטייפע קישנס, און איר לאַנג פּנים, מיט אַ ווייסער נאַכט-קופּקע אויפן קאָפּ, איז זייער ערנסט. מיט גרוים חשיבות צו זיך זיפּט זי די באָווארקע און לייגט זיך אין מויל אַריין מיט אַ סך הנאה קליינע, גאָלדענע שטיקעלעך האָניק-לעקעך.

אין ר׳ תנחומען איז אויפגעגאַנגען אַ שאַרפע פאַרביטערונג אויף זיין ווייב, וואָס האָט אַזוי אונטערטעניק געמאַכט זייער עלטסטן זון. ער האָט זי איצט חושד געווען, אַז דאָס האָט זי אים צוגערעדט ער זאָל ווערן אַ בעל-מלאכה, כדי זי זאָל קאָנען געניסן פון זיינע פאַרדינסטן, אַז דאָס האָט זי אים אָוועקגעריסן פונעם לערנען, ער זאָל קאָנען פאַרדינען געלט. פאַר איר טובת-הנאה וועגן, האָט זי אים, תנחומען, צעשטערט דאָס לעבן, חרוב געמאַכט זיין וועלט.

ער האָט נישט געהאַט קיין כוח זיך צו כעסן, האָט זיך זיין פאַרביטערונג אין אים נאָך מער פאַרטיפט, זי האָט אים אַזש פאַרשטעלט די אויגן אויף דער גרויסער מצווה פון כיבוד אם.

אין זיין פאַרצווייפלונג האָט ר׳ תנחום נישט געזען אין זיין זונס האַנדלונג קיין כיבוד אם, נאָר דאָס מכניע זיין זיך אונטערן ר׳צון פון אַן אישה.

ווען יאָסל איז אַרוים פון שלאָף-חדר, האָבן זיך זיינע אויגן

געטראָפן מיטן פּאַטערס בליק, וועלכער איז געווען פול מיט ביטול.

ר׳ תנחום האָט זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט. עס איז אין אים אויפגעגאַנגען אַ גרויס רחמנות צו זיך אַליין. אים האָט מוראדיק פאַרדראָסן וואָס דער זון, ווייסנדיק אַז דער פּאַטער הייבט זיך אויף אַלע מאָל פאַרטאָג, און איצט ליגט ער נאָך אין בעט, האָט אים נישט געפרעגט, וואָס איז מיט אים, צי פילט ער זיך נישט מיט אַלעמען, און צו מאָל נישט געווען פאַרוווּנדערט פון דעם, וואָס דער פּאַטער ליגט. ר׳ תנחום האָט געטראַכט, אַז ווען אַפילו זיין באַדינען די מוטער זאָל זיין צוליב כיבוד אם, איז דאָך כיבוד אב פריִער, ווייל סיי דאָס קינד און סיי די מוטער זענען מחויב אָפּצוגעבן כבוד זייער פּאַטער און מאַן. אָבער גיי זוך כבוד ביי אַ ווייב, וואָס טוט אים אָן נאָר חרפּות און בושות.

אמת, ר׳ תנחום האָט שוין מיט זיין יאָסלען נישט גערעדט יאָרן לאַנג, ווי נאָר יענער האָט אויפגעהערט לערנען און געוואָרן אַ בעל־מלאכה. מיט די אַנדערע קינדער זיינע, וואָס זענען אויך געוואָרן בעל־מלאכות, פלעגט ער טייל מאָל יאָ רעדן, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז שולדיק איז ער, דער בכור, דער עלטסטער, וואָס האָט די יינגערע קינדער געוויזן דעם וועג.

זינט ער האָט געהערט יאָסלם אויסגעשריי אויף דער ערשטער מאַי־דעמאָנסטראַציע פון די „פּועלי־ציון״, האָט זיך ר׳ תנחום אויף זיין זון מער נישט אומגעקוקט. אָבער איצט האָט זיך ר׳ תנחום געפילט אַזוי אומגליקלעך, אַז אַפילו דאָס האָט מיט גאָרנישט פאַרמינערט זיין ביטערניש און זיין טענה צו זיין עלטסטן זון.

יאָסל האָט שווער געליטן דערפון, וואָס דער פּאַטער קוקט זיך אויף אים נישט אום. ער האָט געטראַכט, אַז ווען דער טאַטע בייזערט זיך אויף אים, ווען ער שרייט אָן אויף אים, ווען ער דערלאַנגט אים אַפילו פּעטש, וואָלט עס אים נישט אַזוי ווי גע־טאָן, ווי זיין נישט רעדן מיט אים, ווי זיין אויסמיידן אים, דאָס נישט באַמערקן אים, ווי ער וואָלט גאָר אויף דער וועלט נישט געווען.

פון גרויס געקרענקטקייט צוליב זיין פאַטערס אויפפירונג לגבי אים, האָט יאָסלם גאַנצע אויפמערקזאַמקייט זיך געוואַנדן אויף דער מוטער. ווי פאַרהאַרעוועט ער איז נישט געווען, האָט ער פון דעסטוועגן געפונען צייט צו גיין מיט איר קויפן שיך, גע־דבאַיעט זי זאָל זיך אויפנייען אַ קלייד אויף יום-טוב. אין די פרי־מאָרגנס האָט ער איר נישט געלאָזט אויפשטיין ביז ער האָט איר נישט דערלאַנגט אין בעט אריין אַ גלאָז טיי מיט לעקעך, און ער אַליין האָט געגעבן אָנבייסן די קינדער, וואָס טייל פון זיי זענען נאָך געגאַנגען אין חדר און טייל זיך געלערנט אַ מלאכה.

די מוטער האָט זיך מיט דער צייט אַזוי צוגעוווינט, אַז יאָסל זאָל זי באַדינען, אַז דאָס מינדסטע פאַרזען פון זיין זייט האָט אַרויסגערופן איר צאָרן. זי פלעגט אויף אים שרייען און נישט זעלטן זיך פאַרמעסטן אים צו דערלאַנגען אַ פּאַטש. יאָסל האָט דאָס אַלץ אויפגענומען מיט גרויס הכנעה און מיט טיפער ליב־שאַפט צו איר.

זינט דער דעמאָנסטראַציע, האָט ר׳ תנחום כמעט אין גאַנצן אויסגעמיטן זיין אייגענע שטוב. אפילו שבת און יום-טוב האָט ער געגעסן ביי פרעמדע טישן. אָבער איצט, ווען ער האָט זיך דאָס ערשטע מאָל אין לעבן דערפילט קראַנק, האָט דאָס אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, בכדי אַלע מרחק צו זיין פון זיך, מיט גאָר נישט פאַרמינערט זיין געפיל פון באַעוולטקייט. ער האָט געטראַכט, אַז אין אַלעם איז שולדיק זי, זיין ווייב.

ער האָט זיך ווידער איבערגעדרייט אין בעט און געזען זיין ווייב נאָך אַלץ זיצן מיטן גלאָז אין דער האַנט. זי האָט געטרונקען דאָס לעצטע ביסל באַוואַרקע פון גלאָז און צונויפגענומען פון טעלערל די קרישקעס האָניק-לעקעך און זיך זיי געלייגט אין מויל אַריין. די לאַנגע אויערן פון אונטער דער קופּקע אָפּער האָבן זיך ביי איר געשאָקלט און די גרויסע, פליישיקע נאָז האָט מיט הנאה זיך באַוועגט אַרויף און אַראָפּ.

תנחום האָט ערשט איצט, קנאַפּע צוואַנציק יאָר נאָך דער

חתונה, דערזען, אַז זיין ווייב איז אַ מיאוסע. ער האָט געוווּסט, אַז זי איז נישט קיין יפת־תואר, מען האָט נאָך פאַר זיין חתונה גערעדט דערפון. די מיידן, דעם פעטערס טעכטער, האָבן אים געפרעגט מיט חוזק: „תנחום, די האָסט שוין געזען די כלה?״ אָבער איצט, אין זיין גרויס געקווּעלטקייט און פאַרלוירנקייט, ווען ער האָט זי געזען זיצן אין בעט אַ פאַרטראָגענע ביים עסן, האָט ער ערשט דערזען איר גאַנצע מיאוסקייט.

ער איז האַסטיק אַרויס פון בעט, פאַרוואָרפן אויף זיך דעם סיצענעם שלאָפראָק, אַ כאַפּ געטאָן דאָס קישן מיט דער קאָלדרע, אַ געשריי געטאָן צום ווייב: מכוערת! און אַרויס פון שלאָף־חדר.

נישט ר׳ תנחומס אַנטלויפן פון שלאָף־חדר, נישט דאָס כאַפּן אונטער די אָרעמס די קאָלדרע מיטן קישן, אַפילו נישט זיין כעס, נאָר דאָס וואָרט „מכוערת״ איז געווען פאַר איר ווי אַ קלאַפּ מיט אַ האַמער איבערן קאָפּ. דאָס האָט זי זיך פון איר מאַן נישט געריכט צו הערן. אין מויל פון אַ פרומען ייד, אַ חסיד, האָט דאָס וואָרט געקלונגען משונהדיק אויסטערליש.

גאָלדע לאה איז געבליבן ליגן אין בעט אַן איינגעפאַלענע אין זיך, אַ פאַרלוירענע, און געפינטלט מיט די אויגן, ווי ס׳וואָלט פלוצים אין דער שטוב געוואָרן פינצטער.

זי איז געבליבן ליגן אין בעט און נישט געקאָנט זיך אויפ־הייבן. געפילט זיך דערנידעריקט און פאַרשעמט. זי האָט זיך פלוצים דערשראָקן פאַר דעם וואָס איז געשען. ערשט איצט האָט זי אַ טראַכט געטאָן, וואָס קאָן זיין די סיבה, וואָס ער איז היינט נישט געגאַנגען פאַר טאָג דאַווענען, נאָר פאַרבליבן אין בעט.

זי האָט זיך גיך אָנגעטאָן און אַריין אין צווייטן צימער. תנחום איז געלעגן אין זיין יינגערן זונס בעט און זיין פּנים איז געווען רויט, ווי באַלויכטן פון אַ גרויס פייער.

גאָלדע לאה האָט זיך דערשראָקן פון זיין אויסזען.

— תנחום, ס׳איז דיר, חלילה, עפּעס? — האָט זי אים שטיל געפרעגט.

ר׳ תנחום האָט נישט געענטפערט.

גאָלדע לאה האָט געשיקט אירם אַ קינד אין שטיבל אַריין אויף זאַמענהאָף, און געבעטן, אַז עמעצער זאָל קומען, אַז מיט תנחומען איז עפּעס געשען.

אין שטיבל איז שוין קיינער נישט געווען, אַחוץ ר׳ זלמן און הערש חיים, דער משמש. זיי זענען באַלד געקומען צו לויפן. ר׳ תנחום האָט אין גאַנצן געברענט פון היץ.

זיי האָבן דעם קראַנקן געוואָלט אַריבערפירן אין שלאָף־חדר, ווו ס׳וואָלט אים געווען באַקוועמער צו ליגן, אָבער ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט.

פּאַר נאַכט זענען אויך געקומען איטשעלע קובאַץ, ר׳ שלמה גבאי און אַנדערע חסידים פון שטיבל. איטשעלע קובאַץ איז גע־לאָפן נאָכן פעלדשער קראַקאָווסקי. דער פעלדשער האָט פעסט־געשטעלט ביי ר׳ תנחומען אַ לונגען־אָנצינדונג.

מען האָט ר׳ תנחומען געשטעלט געהאַקטע באַנקעס, מען האָט אים געלייגט קאָמפּרעסן צו די פּלייצעס, געמאַכט איינשפּרי־צונגען. זיין ווייב האָט זיך געריסן אים צו באַדינען, אָבער נישט איר און נישט די קינדער האָט ער צו זיך נישט צוגעלאָזט. באַדינט האָבן אים יידן פון שטיבל, דער עיקר ר׳ זלמן און איטשעלע קובאַץ. דורך די נעכט האָבן ביי אים געוואַכט יידן פון „לינת־הצדק״.

ר׳ תנחום איז געזונט געוואָרן. ער האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן קומען צו זיך. מיטאָגן האָט מען אים געמוזט ברענגען פון דרויסן. איטשעלע קובאַץ האָט יעדן טאָג אים באַזאָרגט פון אַן אַנדערן חסיד פון שטיבל אַ מיטאָג מיט פלייש און מיט יויך. פון דעם וואָס מען האָט געקאָכט אין שטוב, האָט ר׳ תנחום נישט געוואָלט טועם זיין. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט נישט קיין צוטרוי צו דעם כשרות פון זיין שטוב.

גאָלדע לאה האָט געקלאָגט און געוויינט, וואָס ער איז זי אַזוי מבזה פּאַר אַלע אין די אויגן, וואָס ער איז איר חושד אין אַזעלכע

מוראדיקע עבירות. זי פלעגט צוליב דעם טייל מאָל אַריינפאַלן אין אַזאַ יאוש, אַז זי האָט זיך מיט די פויסטן געקלאַפּט אין קאָפּ אַריין, געקלאָגט ווי אויף חורבן ירושלים.

די חסידים פון שטיבל האָבן זיך געפּרוּווט אַריינלייגן אין דעם ענין, אויסרעדן ר׳ תנחומען זיינע חשדים.

— ווּס הייסט, ווי פּאַלט דיר אָן אַזאַ זאַך? ווּס ביסטו מוציא לעז אָף אַ יידישע טאָכטער?

אָבער ר׳ תנחום האָט זיך נישט געלאָזט איבעררעדן. ער האָט זיך געהאַלטן ביי ס׳זייניקע. היות ער איז געווען נאָך אַ קרענק, און דורכוּים באַדאַרפן פּילנאָשטש, באַדאַרפן פלעגע, האָבן די חסידים געבעטן זיין ווייב, אַז דערווייל זאָל זי מאַכן אַ שוויג. ווען ער וועט זיך שטעלן אויף די פיס, וועלן זיי שוין מאַכן די אמתע טענה מיט אים. זיי האָבן איר פאַרזיכערט, אַז קיינעם פּאַלט, חלילה, נישט איין צו נעמען ערנסט וואָס ער רעדט, אפילו נישט כי הו־זה, דאָס מינדסטע נישט, אַפילו נישט קיין שמץ פון זיינע רייד.

אָבער ר׳ תנחום האָט שוין מער קיין מאָל נישט געגעסן קיין פליישיקס ביי זיך אין שטוב. ער איז אויך שוין קיין מאָל נישט צוריקגעגאַנגען שלאָפן אין שלאָף־חדר.

ר׳ תנחום האָט זיך אין גאַנצן פורש געווען פון ווייב.

*

אייגנטלעך איז ר׳ תנחום שוין פון אַ צייט געווען אַ פּרוש, נאָר עס איז געווען על כרחו, קעגן זיין ווילן. זיין ווייב איז געווען אַזוי נישט וויליק צו אים, זי האָט אים אַזוי שטאַרק געגעבן צו פילן איר נישט־גערנקייט, אַז דאָס האָט אין גאַנצן צוגענומען ביי אים די מאַנצבילישע תשוקה, זיין מענלעכן באַגער. ר׳ תנחום האָט געפילט און געזען, אַז זי האָט אים פיינט. ער איז געווען זייער אַן אָפּגעהיטענער ייד, שטאַרק מקפיד געווען אויפן דין, און דער דין איז, אַז מען טאָר נישט גענענען צו אַ ווייב קעגן איר ווילן, און אוודאי נישט אויב זי האָט דעם מאַן פיינט.

פון דעסטוועגן, אויב ביז דער קרענק זיינער, האָט ער נאָך טייל מאָל באמיט זיך צו איר צו גענענען, איז עס געווען ביי אים א ווילן צו באפרייען זיך פון נסיונות, אז זיין מוח זאָל נישט זיין אויסגעשטעלט אויף מחשבות זרות, אויף שלעכטע געדאנקען, חלילה. ער האָט געוואָלט אָפּהיטן זיין מחשבה, זי זאָל זיין אין גאנצן, א ריינע. דאָס איז עס געווען — און גאָרנישט מער.

איצט האָט ער זיך פורש געווען, פורש געווען מרצונו, פון זיין אייגענעם ווילן. ער האָט אָפּגעמאכט ביי זיך מער קיין מאָל צו איר נישט גענענען, האַלטן זיך פון איר אין גאנצן פון דער ווייטנס. דאָס האָט אים געמאכט שטאָלץ, ער האָט זיך דערפילט דערהויבן ביי זיך, געלעגן און געברומט א ניגון. ער האָט זיך געפילט ווי א מענטש וועלכן מען האָט ארויסגעלאָזט אויף דער פריי, נאָך א לאנגער צייט האַלטן פארשפּאַרט אין א תפיסה.

וואָס אָן אמת איז עס גאָרנישט געווען פון די פשוטע זאכן פאַר ר׳ תנחומען זיך אין גאנצן אָפּצוזאָגן פון א ווייב. נישט געקוקט אויף זיין שטאַרק געבויגענער פּלייצע, איז ער געווען א געזונטער ייד אין די בעסטע יאָרן, א קרעפּטיקער, א פולבלוטיקער, מיט שטאַרקע הענט און פיס, אָנגעגאָסן מיט קראַפט און מיט כוח־גברא.

אזוי לאנג ווי ער האָט זיך נישט פורש געווען, האָט ער נאָך פון דעסטוועגן געהאַט א ברירה, ער איז פאַרט געווען איר מאַן און זי זיין ווייב. און „אין דומה מי שיש לו פת בסלו למי שאין לו״, ס׳איז נישט גלייך דער וואָס האָט ברויט אין זיין קויש צו דעם, וואָס האָט נישט. אין ערגסטן פאַל האָט ער זי געקאָנט רופן צו א דין־תורה ווי א מורדת, און דראָען איר מיט א גט אָן א כתובה.

אָבער גאָלדע לאה, זיין ווייב, האָט אים מבלבל געווען דעם מוח דערמיט, וואָס גראָד דעמאָלט, ווען זיין כעס אויף איר איז דערגאנגען ביז דעם העכסטן גראַד, ווען ער איז שוין געהאַט איבערגעגאנגען אַלע גרענעצן, האָט זי דווקא דעמאָלט ארויסגעוויזן איר לייטזעליקייט צו אים.

ווען ר׳ תנחום איז געלעגן אין בעט אָן אָפּגעשוואכטער, שוין

נאָך דעם ווי ער איז אין דער קרענק דורכגעגאַנגען דעם קריזיס, האָט ער זיך פאַרטראַכט וועגן זיין ביז איצטיק לעבן. ער האָט געזען, אַז זיין לעבן איז קיין לעבן נישט. אַ חוץ פון אייגענעם נסיון, האָט ער זיך נאָך געבראַכט דערצו אַ ראיה פון דער גמרא „ביצה״, וואָס זאָגט: ג׳ חייהן אינו חיים, ומי שאשתו מושלת בו, דריי זענען פאַראן וואָס זייער לעבן איז קיין לעבן נישט, און דער וואָס זיין ווייב געוועלטיקט איבער אים. ערשט איצט האָט ער גוט אַדורכגעזען זיין ווייבס תחבולותן. ער האָט אין איר קיין מאָל נישט געפילט די פרום-יידישע, ווייבערישע תמימות, אַפילו נישט כי־הוא־זה, דאָס מינדסטע נישט דערפון. אויך מיט איר לייטזעליקייט צו אים אַ מאָל, האָט ער זיך געטראַכט, האָט זי אויך נאָר געוואָלט אים משפיל זיין, געוועלטיקן איבער אים, אונטערטעניק מאַכן אונטער זיך. ער האָט דאָס אַלץ איצט געזען קלאָר, בתכלית הקלאָרקייט.

ר׳ תנחום, וואָס איז זייער פרי געוואָרן אַ יתום פון טאַטע־מאַמע, און האָט נישט געהאַט קיין אייגענע היים, האָט ביי זיין מאַמען נישט געקאָנט זען די תמימותדיקייט פון אַ פרום-יידישער פרוי. ער האָט עס נישט געהאַט ווען צו זען. אין דעם פעטערס הויז ווידער, ווו ער האָט זיך אויפגעצויגן, האָט ער דאָס אויך נישט געזען. זיין מומע איז געווען זייער אַ גוטע און אַ פרומע, זי האָט אָבער ביי איר מאַן נישט געהאַט די מינדסטע דעה. ער איז געווען אַלץ אין שטוב, דער באַפעלער און הערשער. די מומע האָט זיך אין גאַנצן מכניע געווען אונטערן רצון פון איר מאַן. נאָר מאַנכעס מאָל פלעגט זי אויסברעכן קעגן דער באַצווינגערישקייט פון איר מאַן, פשוט פאַרלירן ס׳געדולד צו אים, און דווקא דעמאָלט, ווען זי איז נישט געווען גערעכט. און תנחום האָט זי געזען ווי אַ ווייב אַ נישט-גערעכטע.

ר׳ תנחום האָט טייל מאָל זיך געטראַכט, אַז אפשר דאַרף עס אַזוי זיין, אפשר איז ביי יעדן אַזוי. אָדער דער מאַן הערשט איבערן ווייב, אָדער דאָס ווייב איבערן מאַן. נאָר קיינער טראַכט נישט וועגן דעם, מען איז משלים מיטן גורל. יעדנפאַלס האָט זיך דער

מאַן זיין וועלט פון תורה און חסידות, אין וועלכער דאָס ווייב האָט נישט קיין דריסת-הרגל.

אָבער ר׳ תנחום, ווייל ער איז געווען פון קינדווייז אויף אַ קיילעכדיקער יתום, האָט ער געטראָגן אין זיך אַ טיפע בענקשאַפט נאָך אַן אייגענער, ווארעמער, גוטער היים. און אָן אַ גוט ווייב, האָט ער געפילט, קאָן קיין גוטע היים נישט זיין, קאָן בכלל קיין היים נישט זיין, ווייל „ביתו זו אשתו״, די היים, דאָס הויז — דאָס איז דאָס ווייב.

ר׳ תנחומען איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז דער קידער-ווידער, וואָס איז פאַראַנען צווישן יעדן מאַן און ווייב, וואָס איז אין קיין שום פאַל נישט אויסצומיידן, איז אַ חלק פון דער שטראָף, וואָס איז געקומען אויפן מענטש מיטן חטא-הקדמון.

ווען ר׳ תנחום איז איצט געלעגן אין בעט אַן אָפּגעשוואַכטער, אַן אויסגעבלייכטער פון דער גרויסער היץ, וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער דערפילט, אַז ס׳מוז נישט זיין אַזוי, ווי ער האָט ביז אַהער געמיינט, אַז ס׳איז נישט אַזוי. ער איז געווען אַן איינגייער אין חסידישע הייזער. ער האָט אָפּט געזען, געווען אַן עדות, אַז ווען מען האָט געדאַרפט עפּעס באַשליסן, אָדער בלויז אַרויסזאָגן אַ מיינונג, האָט דאָס ווייב קיין מאָל אין דער אַנוועזנהייט פון איר מאַן זיך נישט אַרויסגעזאָגט, כיבע ווען זי איז געווען בדעה אחת מיט אים, ווען זי איז געווען מיט אים איינשטימיק, געהאַט זיך מיט אים פריִער פאַרשטענדיקט. אויך דער מאַן פלעגט נישט זאָגן זיין לעצט וואָרט, זיין פּסק, ביז ער האָט זיך נישט שואל עצה געווען מיטן ווייב. ער פלעגט אָפּלייגן די ענדגילטיקע תשובה ביז ער האָט זיך מיט איר נישט אָדורכגערעדט.

אַזוי האָט ר׳ תנחום גאַנץ אָפט געזען אַ צניעותדיקע, האַרציקע התקרבות צווישן חסידישע מאַן און ווייב. אַ זאַך, צו וועלכער ער אַליין איז גאָר נישט געוווינט געווען. כל זמן ער איז געווען געזונט, האָט ער מסיח-דעת געווען דערפון. נישט געוואָלט דערפון קלערן. אָבער איצט, ווען ער איז געלעגן אין בעט, אַ שוואַכער,

אַ בלייכער, אַן אומבאַהאָלפענער, אָפּהענגיק פון מענטשנס גוטן ווילן, האָט ער דערפילט די גרויסע עוולה, וואָס איז אים, צוליב זיין ווייב, געשען.

ער האָט זיך געזאָגט, אַז גוט אַזוי, וואָס ער האָט בעת דער קרענק נישט צוגעלאָזט צו זיך דאָס ווייב און די קינדער. זאָלן זיי זען ווי פרעמדע מענטשן באַדינען אים! טייל מאָל האָט ער אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז ווען ער וועט אויפשטיין פון בעט, וועט ער רופן זיין ווייב צו אַ דין־תורה, אַז זי זאָל זיין פּאַר אים אַ ווייב, ווי אַלע יידישע טעכטער זענען דאָס צו זייערע מענער. אָבער באַלד איז דער געדאַנק פון אים אָפּגעפאַלן ווי אַן איבעריקע, פרעמדע זאַך. ער האָט דאָס נישט געטאָן ווען ער איז געווען יונג, באַלד נאָך דער חתונה, וועט ער דאָס איצט אַוודאי נישט טאָן, איצט, ווען ער האָט מיט איר זיבן קינדער און די עלטסטע זענען שוין דערוואַקסענע. ער האָט קיין מאָל נישט געקאָנט פועלן ביי זיך אַרויסצוברענגען אויסער דער שטוב די ענינים שבינו לבינה, אפילו נישט פאַרן רבין, וועט ער דאָס איצט אַוודאי נישט טאָן. ער וועט נישט פאַרשעמען זיין ווייב. כּל־זמן זי איז זיין ווייב. די גמרא זאָגט אין כתובות: „אין אדם רוצה שתתבזה אשתו בב״ד״, קיין מאַן וויל נישט, אַז זיין ווייב זאָל פאַרשעמט ווערן פאַר אַ בית־דין. וואָלט ער זיך געהאַלטן ביי גטן מיט איר, איז עפּעס אַנדערש. אָבער גטן האָט ער זיך נישט געהאַט בדעה. ווען ער גט זיך, וואָלט מען זיכער צוגעשטאַנען צו אים ער זאָל נאָך אַ מאָל חתונה האָבן. וואָרעם די גמרא זאָגט: „כל יהודי שאין לו אשה אינו אדם״, אַ ייד וואָס האָט נישט קיין ווייב איז נישט קיין מענטש. אָבער אים, תנחומען, האָט גראָד דאָס ווייב געמאַכט אויס מענטש און אים אָנגעפילט מיט ווידערווילן צום גאַנצן ווייבערישן מין.

איין מאָל, ווען ער איז נאָך געווען זייער קראַנק, ס׳איז שוין געווען שפּעט ביי נאַכט און די חסידים פון שטיבל, וואָס האָבן אים באַדינט, זענען שוין געהאַט אַוועקגעגאַנגען, האָט ער געטראַכט, וואָס קאָן דאָס פאַרט זיין די סיבה, וואָס גראָד אים איז

באַשערט געווען אַזאַ שלעכטע ווייב, אפשר איז ער גאָר אַליין דער שולדיקער דערין? אפשר איז עס צוליב זיינס אַ חטא? אפשר האָט ער זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט? ווייל „אין מזווגים לו אדם אשה אלא לפי מעשיו", מען פּאָרט נישט צו אַ מאַן אַ ווייב, נאָר לויט זיינע, דעם מאַנס, מעשים, קאָן דאָך זיין, אַז דאָס איז גאָר זיין שולד, וואָס דאָס ווייב איז אַזוי שלעכט צו אים?

אויפן געדאַנק איז אים אויפגעשווומען אַ דערמאָנונג, וואָס איז געלעגן טיף פאַרבאָרגן אויפן דנאָ פון זיין נשמה, וועגן וועלכער ער האָט קיין מאָל נישט געטראַכט. אַ מאָל האָט ער נאָר געהאַט אַ ווייטע אָנונג דערפון.

געווען איז עס לאַנג, לאַנג צוריק, אָבער איצט האָט עס זיך אַנטפּלעקט פאַר אים מיט דער גאַנצער קלאָרקייט. ס'געשעט, אַז ביי אַ מענטש וואָס ווערט שווער קראַנק, ווען זיין לעבן שטייט אין סכנה, ווען ער איז נישט ביי זיך אין די הענט, ווען זיין גאַנץ ביז איצטיק לעבן פאַלט זיך איין, ווען ס'פּלאַצן די רייפן, וואָס האָבן ביז איצט געהאַלטן דעם מענטש צונויפגענומען, דעמאָלט קומען אויף די פאַרבאָרגנסטע געפילן און באַווייזן זיך אין זייער גאַנצער בולטקייט, מיט אַלע איינצלהייטן, מיט די גענויסטע פּרטים.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ווען דער פעטער האָט אים גענומען צו זיך אין הויז אַ פינף-יאָריק קינד, פלעגט ער זיך שפּילן מיט זיינע שוועסטערקינדער, די מיידלעך פונעם פעטער. זיי זענען געווען כמעט אין איין עלטער מיט אים. שפּעטער, ווען ער איז אַ ביסל אונטערגעוואַקסן, געלערנט אין תלמוד-תורה, פלעגט ער שמועסן מיט זיי. ער האָט דער עיקר גערן געהאַט צו רעדן מיטן עלטסטן מיידל, מיט חנה-פייגען. ער האָט נישט געזען, אַז זי האָט ראָזע באַקן מיט חן-גריבעלעך, טונקעלע אויגן מיט לאַנגע וויִעם פאַרוויקלטע אַרויף, ווי זיי וואָלטן געווען קאַרבירט. תנחום האָט דאָס נישט געזען, אָבער ער האָט געפילט, אַז זי איז אַ שיינע און גערן געהאַט מיט איר צו רעדן. דערנאָך, ווען ער איז שוין געוואָרן

א בר־מצווה־בחור, פלעגט ער זיך רויטלען, ווען חנה־פייגע איז צו אים נאָענט צוגעגאַנגען, און אַפילו ווען זי האָט זיך נאָר געוואָנדן צו אים. זי האָט דאָס באַמערקט און, ווי אויף צו להכעיס, אָפט זיך געפּונען לעבן אים, באַמיט זיך פאַרפירן מיט אים שמועסן, וועלכע ער האָט געוואָלט וואָס שנעלער איבעררייסן און איר געענטפערט מיט א „ניין״, אָדער א „יאָ״. זי פלעגט שמייכלען ווען ער האָט זיך גערויטלט, זי האָט אויף אים געקוקט און פאַרפאָלגט מיט איר בליק, אין וועלכן ס׳איז געווען פריילעכער חוזק.

נאָך שפּעטער, ווען ביידע זענען זיי שוין געווען דערוואַקסענע, האָט חנה־פייגע צוגעהאָלפן דער מאַמען אין דער באַלעבאַטישקייט. זי פלעגט דערלאַנגען צום טיש דאָס עסן, וואָס די מאַמע האָט צע־טיילט אין קיך אויף טעלערס. אָבער צו תנחומען איז זי מיטן טעלער שטענדיק צוגעגאַנגען צו נאָענט. ער פלעגט דערפילן איר נאָענטקייט און ס׳פלעגט דעמאָלט מיט אים געשען עפּעס אַזוינס, מיט וואָס ער האָט זיך שטאַרק געשעמט און דערפאַר מורא געהאַט, וואָס פלעגט אים אָנפילן מיט א משונהדיק געפיל, א געמיש פון הנאה און פחד. דאָס דאָזיקע געפיל האָט אים זייער געקוועלט און אים אַריינגעבראַכט אין עצבות.

תנחום פלעגט דעמאָלט אויסמיידן, אויף וויפל ער האָט נאָר געקאָנט, זיין פעטערס שטוב. אייגנטלעך איז דאָס זי, חנה־פייגע, געווען די סיבה, פאַר וואָס ער פלעגט אין די פרייטיק־צונאַכטסן נישט וועלן עסן ביים פעטערס טיש.

תנחום האָט געוווּסט, אַז ס׳איז נישט קיין עבירה, אויב דעם פעטערס מיידל איז אים געפעלן געוואָרן. אָבער דאָס וואָס ער האָט געוווּסט, אַז ער דאַרף זי אויסמיידן, שוין דאָס האָט אים גע־קאָנט ברענגען צו הירהורי עבירה, און „הירהורי עבירה קשין מעבירה״, דאָס טראַכטן וועגן זינד איז ערגער פון זינד אַליין.

איצט האָט ר׳ תנחום געזען אין דעם, וואָס ער האָט אַזוי נישט מצליח געווען מיטן ווייב, א שטראָף דערפאַר, וואָס ער האָט דעמאָלט, אין שוואַכע מינוטן, געלאָזט געוועלטיקן איבער זיך דעם ווילקיר פון זיין האַרץ.

ער האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך זיך פּורש צו זיין פון ווייב. אין אָנהייב האָט ער געוואָלט אין גאַנצן פאַרלאָזן די שטוב. ער האָט אָבער נישט געהאַט וווּהין צו גיין. ער וואָלט געוועז געבליבן וווינען אין שטיבל, אָבער דאָרט האָט שוין ר' זלמן געהאַט קונה שביתה געווען, ער איז שוין געהאַט געוואָרן דער סטאָלער איינ־וווינער פון אַלעקסאַנדער שטיבל. און כאָטש ר' זלמן און ר' תנחום פלעגן זיך טאָן קעגנזייטיקע טובות און אין אַן עת־צרה, חלילה, געווען גרייט איינער פאַרן אַנדערן זיך מוסר נפש צו זיין, זענען זיי אָבער בדרך־כלל זייער נישט אויסגעקומען צווישן זיך.

*

נאָך דעם ווי ר' תנחום האָט זיך אויפגעהויבן פון דער קרענק, איז שוין זיין שטענדיק געלעגער געווען אין דער שטוב, ווו ס'זענען געשלאָפן זיינע יינגלעך. דאָרט האָט ער זיך אריינגעשטעלט אַן אויסלייג־בעטל, דאָרט זענען געלעגן זיין קישן און קאָלדרע, און דאָרט איז ער געשלאָפן.

פאַר טאָג, ווען אַלע זענען געווען פאַרזונקען אין שלאָף, פלעגט ער אַרויס פון שטוב, סיי דאָס איז געווען זומער, סיי ווינטער אין די גרויסע פרעסט. ביי טאָג, ווען ער פלעגט אַ מאָל זיין אין שטוב, האָט ער מקפיד געווען נישט צו בלייבן מיט זיין ווייב ביחידות.

אָבער אין דער היים איז ער געבליבן שלאָפן נישט נאָר דער־פאַר, ווייל ר' זלמן האָט שוין געהאַט געמאַכט זיין וווינאָרט אין שטיבל. ער האָט עס געטאָן קודם־כל דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ הצנע־לכת. ער איז נישט נאָר געווען צניעותדיק מיט זיין ווייב, ווען זיי זענען געווען מאַן און ווייב, נאָר אויך צניעותדיק אין זיין פּרישות. ער האָט נישט געוואָלט אַז עמעצער פון דרויסן זאָל, חלילה, עפּעס וויסן דערפון. ער האָט געהאַלטן, אַז נאָר דורך צניעותדיקער פּרישות קאָן מען דערגיין צו דער מדרגה פון אַ פּרוש.

מיט אַלע זיינע חושים, מיט לייב און לעבן, מיט האַרץ און מוח,

האָט ער זיך אַריינגעלאָזט אין לערנען. ער האָט זיך אויסגעזוכט די שווערסטע סוגיות, געזוכט פאַרענטפערונג פאַר די האַרבסטע שאלות, אַ לייזונג פאַר די פאַרפלאָנטערטסטע סתירות. ער האָט געפונען אַ סיפּוק. אַ באַפרידיקונג אין שאַרפע פּשטלעך, ליב באַקומען איבערצוזאָגן זיי פאַר אַן עולם, מתווכח צו זיין זיך מיט די בעסטע לערנערס, אַט דאָס, וואָס ר׳ זלמן האָט אַזוי פיינט געהאַט. און אַז ר׳ תנחום פלעגט אַרויסברענגען אַ געדאַנק מיט זיין שאַרפן חיתוך הדיבור און מיט דער גאַנצער דורכזיכטיקייט, פלעגט מען זאָגן, אַז דאָס זענען „געשליפירטע געדאַנקען״.

ווען גאָלדע־לאה האָט דערזען אַז איר מאַן, ר׳ תנחום, האָט זיך לחלוטין אָפּגעשיידט פון איר, איז זי אַריינגעפאַלן אין גרויס עצבות. זי האָט זיך דערשראָקן פון דעם וואָס איז געשען, ווי ס׳דערשרעקט זיך אַ מענטש, ווען ער ווערט געוואָר אַז עס דראָט אים צו פאַרלירן זיין גאַנץ פאַרמעגן. זי האָט נישט מורא געהאַט פאַרן מאָרגן. פאַר דעם אויסהאַלט פון דער שטוב האָבן סיי ווי געזאָרגט אירע דערוואַקסענע זין און נישט איר מאַן. דאָך האָט זי זיך דערפילט ווי געבליבן אין גאַנצן אָן אַן אחיזה, אָן אַן אָנשפּאַר אין לעבן.

דער פאָטער איז שוין געהאַט לאַנג געשטאָרבן, נאָך מיט יאָרן צוריק. די מוטער, וואָס איז געווען ביי איר, נאָך דעם טאַטנס טויט, איז שוין אויך מער ווי אַ יאָר געהאַט אַוועק פון דער וועלט. די שוועסטערן אירע האָבן זי פיינט געהאַט. זייער שינאה האָט געשטאַמט פון דעמאָלט, ווען זי איז נאָך געווען אַ יונג מיידל. זי איז געווען די יינגסטע אין שטוב און אַ מיאוסע, און גראָד זי האָט דער טאַטע זייערער אַמייסטן ליב געהאַט. זי פלעגט פאַרסמען די שוועסטערן זייער לעבן מיט כּסדרדיקע מסירות אויף זיי פאַר דעם בייזן, שטרענגן טאַטן. דעם אמת מוז מען זאָגן, אַז דער טאַטע איז צו איר אויך געווען שטרענג, און אַז זי פלעגט צו פיל אַרומבראָיען אין דער שטוב מיט די שוועסטערן, פלעגט ער אויך אויף איר אָנשרייען און אפילו דערלאַנגען אַ פּאַטש. אָבער דאָס האָט מיט

גאָרנישט פאַרמינערט איר ליבע צום טאַטן און זי איז דערפון נישט געוואָרן וויניקער „דעם טאַטנס טאָכטער", ווי פריִער.

דאָס וואָרט „מכוערת", וואָס תנחום האָט איר געוואָרפן אין פנים אַריין מיט האַס, האָט נישט אויפגעהערט קלינגען אין אירע אויערן. גאָלדע לאה האָט זיך דערמאַנט, אַז ווי אַ כלה-מיידל איז איר נישט איין מאָל אויסגעקומען צו הערן, אַז זי איז אַ מיאוסע. כאָטש זי האָט געהאַט אַ שיינעם נדן, האָט זי נישט געקאָנט טאָן קיין שידוך. די וועלט זאָגט: אַ שיינע כלה איז אַ העלפט נדן. דאָס דאָזיקע ווערטל האָט מען אַ ביסל פאַרענדערט: אַ שיינער כלה העלפט נדן, אַ מיאוסער — העלפט קיין נדן אויך נישט.

שדכנים פלעגן קומען און אָנשלאָגן שידוכים. אָבער ווען זיי האָבן זי געזען, האָבן זיי אויפגעהערט קומען. די דרייסטערע שדכנים האָבן געזאָגט צו איר טאַטן: — ר' מרדכי בער, איר האָט אַ מיאוסע מאָד.

גאָלדע לאה האָט אין איר פאַרלוירנקייט איצט געטראַכט, אַז אייגנטלעך האָט דאָך תנחום זי אויסגעלייזט פון איר אַלט-מיידלי־שער פאַרשעמטקייט. זי איז צו דער חתונה שוין אַלט געווען צוויי און צוואַנציק יאָר, אַן אַלטע מויד. די שוועסטערן אירע האָבן חתונה געהאַט צו זעכצן-זיבעצן יאָר. ווען זיי פלעגן זיך קריגן מיט איר, האָבן זיי זי גערופן: אַלט פאַרזויערניש. זי פלעגט דעמאָלט לאַנג וויינען. דער טאַטע האָט זי אַלע מאָל באַרויִקט און איר גע־זאָגט, אַז אַ זיווג איז מן השמים, און דאָס וואָס איז איר באַשערט וועט איר קיינער נישט צונעמען.

גאָלדע לאהס חברטאָרינס זענען שוין אַלע לאַנג געווען נאָך דער חתונה און שוין געהאַט קינדער. זיי פלעגן זי פאַרבעטן צו זיך צו גאַסט, אָבער גאָלדע לאה האָט זיך געשעמט גיין צו זיי. זי איז כסדר געזעסן אין דער היים, אפילו נישט אַרויסגעגאַנגען אין גאַס אַ ביסל שפּאַצירן.

איר גאַנץ נישט-אויסגעלעבטקייט האָט זיך, אַן איר ווילן און ווּיסן, אויפגעלייזט אין אַ טיפער ליבשאַפט צו איר טאַטן. זי פלעגט

אים פוצן די שטיוול, ווען ער האָט זיך ביי נאַכט געלייגט שלאָפן. איידער ער איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב, האָט זי אים מיט אַ מיטעלקע אָפּגעפּוצט דעם פּאַלטן מיטן היטל. ווען דער טאַטע פלעגט אַהיימקומען, האָט זי אַראָפּגענומען פון אים דעם פּאַלטן, אים דערלאַנגט די שטעקלאַטשן. זי האָט אַרויסגענומען פון דער מאַמעס הענט דעם טאַטנס שקאַרפּעטקעס און זיי אַליין געצערע־ וועט. זי, און נישט די מאַמע, האָט פאַרראַכטן איר טאַטנס וועש.

ווען זי איז געוואָרן אַ כלה און שפּעטער חתונה געהאַט, איז זי געבליבן די זעלבע געטרייע טאָכטער, ווי פריִער, ווען זי איז געווען אַ מיידל. זי פלעגט ווייטער צערעווען דעם טאַטנס שקאַר־ פּעטקעס, פאַרריכטן זיין וועש, העלפן אים אָנטאָן דעם פּאַלטן, אויסטאָן די שטיוול. אין דעם פּרט האָט זיך גאָרנישט ביי איר געענדערט. דאָס מינדסטע נישט.

גאָלדע לאה האָט איצט אַליין נישט געקאָנט באַנעמען מיטן שכל, פאַר וואָס זי איז געווען אַזוי אונטערטעניק צום טאַטן און אים קיין וואָרט נישט געזאָגט, ווען ער האָט צוגענומען ביי תנחו־ מען זייער נדן און געמאַכט מיט אים „שותפות". פאַר וואָס האָט זי דעם טאַטן קיין איין וואָרט נישט געזאָגט דערוועגן, נאָר איר גאַנצן כעס און ביטערניש אויסגעלאָזט צו תנחומען.

אמת, תנחום האָט איר נישט דערציילט, אַז ער גייט מאַכן שותפות מיטן שווער אַ געשעפט. זי האָט געהאַלטן, אַז ער האָט זי דערמיט אָפּגענאַרט, זיך מיט איר נישט געעצהט, געטאָן וואָס ער האָט געוואָלט.

אָבער דאָך איז נישט תנחום געווען דער עיקר שולדיקער. זי האָט זיך איצט דערמאָנט, ווי איידל ער איז געווען אין זיין דער־ שלאָגנקייט, נישט געלאָזט איר רעדן קיין שלעכט וואָרט אויפן טאַטן, דערמאָנט איר מיט צאָרן אין דער מצווה כיבוד אב, וואָס זי איז מחויב, טראָץ אַלעם, מקיים צו זיין.

דעמאָלט, ווען דאָס איז געשען, האָט זי געזען אין זיינע ווער־ טער און אין זיין אופן פאַרהאַלטן זיך — שלימזלדיקייט, איצט

האָט זי אין דעם געזען מענטשלעכע דערהויבנקייט. וואָס קאָן גיכער אַדורכשפּרייזן איבער אייגנס, אַבי נישט אָנרירן, חלילה, דעם כבוד פון אַ צווייטן.

אָבער זי, ווו איז זי געווען? — האָט זי זיך איצט געמאַכט ביטערע פאַרווורפן. פאַר וואָס האָט זי געשוויגן, פאַר וואָס האָט זי נישט געליאַרעמט, געשריגן, געמאַכט סקאַנדאַלן, נישט געמאָנט, נאָר אַזוי הכנעהדיק אויפגענומען דעם גזר־דין, וואָס דער טאַטע אירער האָט אויף זיי אַרויסגעטראָגן, געמאַכט זיי פאַר אַרעמעלייט אויפן גאַנצן לעבן, און, נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, איז זי געבליבן אַ געטרייע טאָכטער, איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן דעם טאַטן, דאַקעגן דעם מאַן אירן האָט זי גערודפט, געווען פול מיט כעס און שנאה צו אים?

אַ ווייטע דערמאָנונג האָט זיך אָנגעטראָגן, איז אויפגעשוווּמען פון די טיפענישן פון איר זכרון.

זי האָט זיך דערמאָנט, אַז ווען זי האָט אויף די תנאים דאָס ערשטע מאָל געזען תנחומען, איז ער איר נישט געפעלן געוואָרן. אַליין אַ מיאוסע, מיט דער ידיעה, מיט דעם קלאָרן, ווייטיקדיקן וויסן וועגן דעם, האָט זי זייער ליב געהאַט שיינע מענטשן. ווען ס'פלעגט אַ מאָל אויף אַ קידוש ביי זיי קומען אַ חסיד מיט אַ דער־וואַקסענעם זון, אָדער מיט אַ יונגן איידעם, וואָס האָט געהאַט אַן איידל פּנים, אַ קליין טונקל בערדל, און ער איז געווען שיין גע־וואַקסן, פלעגט זי שטיין ביי דער טיר פון דער שטוב, ווו דער קידוש איז פאָרגעקומען, און געוואָרפן בליקן אויף אים. נישט איין מאָל האָט זי די מוטער אַוועקגעיאָגט פון דער טיר און אָנגעשריגן אויף איר: — ס'פּאַסט נישט! ס'איז נישט שיין!

איר פאָטער, ר' מרדכי בער, איז אויך געווען אַ שיינער. פון מיטעלן וווּקס, אַ גלייכער. ער האָט דעם קאָפּ געהאַלטן הויך, מיט גנידישער פאַרריסנקייט, וואָס איז איר זייער געפעלן געוואָרן. די טונקעלע באָרד גליין און געצווימט, האָט געלאָזט אַ סך לייִדיק אָרט פאַר זיין שיין, העל פּנים.

תנחום האָט געהאַט אַ שטאַרק געבויגענע פּלייצע, אַ געל־רויטע, ווילד צעוואַקסענע באָרד און אַ נאָז און שטערן פול מיט פּרישטשעס. ער איז גאָלדע לאהן שטאַרק נישט געפעלן געוואָרן. זי האָט אָבער קיין וואָרט נישט געזאָגט. זי איז שוין נישט געווען קיין יונגע און אַ מיאוסע, געראָטן גראָד אין דער מאַמען, וואָס איז געווען אַ הויכע,ביינערדיקע יידענע, מיט אַ לאַנג פּנים, לאַנגע אויערן, און מיט אַ גרויסער, פליישיקער נאָז.

גאָלדע לאה האָט חתונה געהאַט מיט תנחומען, ווייל זי האָט קיין ברירה נישט געהאַט, ווייל זי האָט גוט געוווסט, אַז ס׳איז מיט איר שווער צו טאָן אַ שידוך, אַז זי קאָן נאָך, חלילה, פאַרזיצן. אָבער איר האַרץ איז דערביי נישט געווען.

איצט האָט גאָלדע לאה ערשט דערזען, וואָס זי האָט אָפּגעטאָן, אַז ס׳איז געווען אַ גרויסע זינד פון איר צו באַטראַכטן דאָס חתונה האָבן מיט תנחומען ווי אַ זאַך פון לית־ברירה.

ער איז געווען אַ בחור, אַ שיינער בן־תורה, אַ חסיד, פרום און אָפּגעהיטן. און וואָס פאַראַ איידלקייט ער פאַרמאָגט. נישט נאָר האָט ער נישט געלאָזט פאַלן קיין שלעכט וואָרט, ווען דער שווער האָט ביי אים צוגענומען דעם נדן, אומגליקלעך געמאַכט, נאָר ווען דער שווער איז געשטאָרבן, האָט נישט קיינער פון די אַנדערע איידעמס, נאָר ער, תנחום, געזאָגט נאָך אים אַ גאַנץ יאָר קדיש. נישט ביי קיינעם פון די קינדער, נאָר ביי זיי, ביי גאָלדע לאהן און תנחומען, האָט די מאַמע אירע געוואָלט זיין נאָך איר מאַנס טויט. און תנחום, וואָס איז פון איר אַזוי פיל אויסגעשטאַנען, האָט מיט איר נוהג כבוד געווען, נישט ווייניקער ווי מיט אַן אייגענער מאַמען.

גאָלדע לאה איז געווען פול מיט יאוש ווען זי האָט וועגן דעם אַלעם געטראַכט. איר איז געוואָרן דערווידער איר עלטסטן זונס באַדינען זי. זי האָט מער נישט געוואָלט נישט די באַוואַרקע און נישט דעם לעקעך, וואָס ער פלעגט איר באַלד אין דער פרי דער־לאַנגען אין בעט אַריין.

ס׳איז געווען ווינטער. ס׳זענען געשטאַנען שטאַרקע פרעסט.

גאָלדע לאה האָט זיך אין איינעם אַזאַ פּראָסטיקן פאַרטאָג אויפגעהויבן, נאָך איידער איר מאַן איז אַוועק פון שטוב. זי האָט זיך אָנגערופן צו אים מיט אַ צעבראָכענער שטימע:

— תנחום, כ׳וועל אָפּקאָכן אַ ביסל טיי. גיי נישט אַראָפּ אָף אַזאַ פראָסט און אַ ביסל וואַרעמס אין מאָל.

אָבער תנחום האָט איר נישט געענטפערט, נישט קיין בליק געטאָן אין איר זייט, נישט געזאָגט קיין „גיטן־טוג", אַ קוש געטאָן די מזוזה און איז אַוועק.

גאָלדע לאה איז אַריין צוריק אין שלאָף־חדר און זיך געוואָרפן אויפן בעט מיט אַ גרויס געוויין.

— ס׳איז דאָך מיר ערגער ווי אַן עגונה, — האָט זי געקלאָגט, — אַן עגונה זעיט כאָטש נישט איר מאַן, זי ווייסט נישט ווי ער איז אַהינגעקימען, אין איך זע מאַן מאַן יעדן טוג, איך זע אים אין ער זעט מיך נישט. ער איז דו, אין ער איז נישט דו. דאַכט זעך אַ מענטש ווי אַלע מענטשן, אין פאַר מיר אַ לעבעדיקער מת, חלילה...

זי האָט זיך פאַרטראַכט, אפשר אים רופן צו אַ דין־תורה?

איר גאַנץ פירעכץ מיט אים האָט זיך איר געשטעלט פאַר די אויגן. זי האָט איצט דערזען, ווי נישט גערעכט זי איז געווען צו אים.

„כ׳האָב אים נישט געגעבן קאַ טראָפּן שמחה, וועל איך אים יעצט גיין פאַרשאַפן צער? ער האָט מיך די אַלע יורן נישט געריפן צי אַ דין־תורה, וועל איך דום גיין יעצט טין? כ׳וועל אים גיין נייטן צי זאָן מיט מיר מאַן אין וואַב? איך, אַ מאַמע פין זיבן קינדער?"

אייגנטלעך, האָט זי שוין נישט געמיינט זיין מאַן און ווייב כמנהג העולם. מען האָט זי אַזוי יונג פאַרשריגן ווי אַן אַלט מיידל, אַז כאָטש זי איז צו די תנאים נישט מער אַלט געווען ווי צוויי און צוואַנציק יאָר, האָט זי געגלייבט דעריין. זי האָט זיך שוין דאָס גאַנצע לעבן נישט געקאָנט באַפרייען פון דער אַלטמיידלישער פאַרזויערטקייט. איצט האָט דאָס אַלץ געפאָדערט אַ פאַרגיטיקונג, געמאָנט. איצט, ווען זי האָט שוין געהאַט אַלץ פאַרלוירן, ווען דער

מאָן האָט זיך אָפּגעשיידט פון איר, ווען די דערוואַקסענע קינדער זענען שוין געווען מענטשן פאַר זיך און געגאַנגען אויף אייגענע וועגן, איז אין איר אויפגעגאַנגען אַ פאַרקלעמטע, טיפע בענקשאַפט נאָך די פאַרלוירענע יאָרן אָן פרייד און אָן נאָענטקייט.

זי האָט אָנגעהויבן נאָכגיין איר מאַן מיט אַ שטומען בליק. זי האָט אים אָפּגעוואַרט ווען ער פלעגט אַהיימקומען שפּעט ביי־נאַכט, און אויפגעשטאַנען נאָך איידער ער איז אַוועקגעגאַנגען אויף אַ גאַנצן טאָג. זי האָט געוואָלט כאָטש אויפכאַפּן זיין בליק, הערן אַ מאָל זיין קול, אָבער אומזיסט. ער איז געווען אין שטוב ווי בלינד און שטום.

פרייטיק האָט זי אים אָנגעגרייט ריינע וועש, אויסגעפּרעסטע און פאַרראַכטענע, אָבער ר׳ תנחום האָט זי געלאָזט ליגן. ער האָט זיין וועש געגעבן צו וואַשן אַ פרעמדער יידענע.

פון גרוים יאוש איז גאָלדע לאה געוואָרן ווילד פרום. זי האָט געזוכט אַנטרינונג פאַר איר פאַרצווייפלונג אין די תפילות און אין די תחינות. גאַנצע טעג איז זי געזעסן מיטן כל־בו־סידור אין דער האַנט און נישט אויפגעהערט צו שעפּטשען מיט די ליפּן. זי האָט שטאַרק אָפּגעהיטן אירע יינגערע קינדער מיטן דאַווענען און ברכות.

אַ מאָל האָט זי געזען ווי איר עלטסטער זון, יאָסל, מורמלט אָפּ אויף גיך דאָס דאַווענען, ווי לויז די רצועות פון די תפילין זענען אַרומגעוויקלט אַרום זיין האַנט, אַז זיי הענגען אַזש נאָך, האָט זי זיך אָנגערופן צו אים מיט כעס:

— יאָסל, וווּס איז דוס פאַרא דאַווענען? מע הערט דאָך נישט קאַ יידיש וואָרט! ווי אַזוי טרוגסטו די תפילין? כ׳וועל דערציילן דעם טאַטן, וועט ער דיר דערלאַנגען פּעטש!

— מאַמע, די מאַמע האָט שוין פון לאַנג אופגעוויינט דעם טאַטן ער זאָל זעך צי מיר אַראַנמישן, — האָט איר יאָסל זייער געלאַסן געענטפערט.

נישט דאָס מפסיק זיין אין מיטן דאַווענען, נאָר די ווערטער „די מאַמע האָט שוין לאַנג אָפּגעווויינט דעם טאַטן, ער זאָל זעך צו מיר אַראַנמישן", האָבן זי אַדורכגעשטאָכן, ווי מיט אַ שפּיז. זי האָט קלאָר געזען, אַז זי האָט חרוב געמאַכט איר שטוב, אַ תל גע־מאַכט פון אירע קינדער, אַז איר גאַנץ לעבן ליגט פאַר איר ווי אַ באַרג צעבראָכענע שאַרבנס.

די בזיונות, מיט וועלכע גאָלדע לאה האָט מבזה געווען איר מאַן אין די קינדערס אויגן, זענען געווען אַזעלכע אָפּטע, אַז ר׳ תנחומען האָט לחלוטין נישט געקווילט דאָס, וואָס אויף די אויגן פון די דערוואַקסענע קינדער, האָט ער איבערגעטראָגן זיין געלע־גער פון שלאָף־חדר צו די יינגלעך אין שטוב אַריין. אָבער זינט דאָס איז געשען, האָט זיך ביי די דערוואַקסענע זין זיינע אויפגע־וועקט אַ מענלעך שותפות־געפיל. די גאַנצע ליבשאַפט און אויפ־מערקזאַמקייט, וואָס זיי האָבן ביז איצט אַרויסגעוויזן דער מוטער, זענען זיי גרייט געווען איבערצוטראָגן אויפן פאָטער. זיי זענען גרייט געווען צו גיין פאַר אים אין פייער און אין וואַסער.

אָבער ר׳ תנחום איז שוין געווען ווייט פון זיין ווייב, פון זיינע קינדער און פון זיין היים, וואָס איז פאַר אים קיין מאָל קיין היים נישט געווען.

נאָך דעם ווי גאָלדע לאה האָט געהערט פון איר זון די האַרבע ווערטער וועגן זיך, איז זי אַ לענגערע פאַר מינוט געבליבן זיצן ווי אַ פאַרשטיינערטע, אין אַ טיפער, טרויעריקער פאַרטראַכטונג. דערנאָך האָט זי ווידער אָנגעהויבן זאָגן דעם תהילים פון דעם טאָג. ס׳איז געווען זונטיק, און זי האָט געזאָגט דעם תהילים פון יום־ראשון.

זי האָט געזאָגט די ווערטער פּאַמעלעך און זיי אַרויסגעזאָגט אויף עברי־טייטש, הויך, אויפן גאַנצן קול. ווען זי איז צוגעקומען אין קאַפּיטל כ״ז צום פּסוק „כי אבי ואמי עזבוני וה׳ יאספני", אַפילו מיין פאָטער און מוטער האָבן מיך פאַרלאָזט וועט מיך גאָט איינגעמען, האָט זי אויסגעשריגן: אויך מיין מאַן האָט מיך פאַר־

לאָזט, נאָר די, דערבאַרעמדיקער גאָט, וועסט מיך נישט פאַר־לאָזן! — און זי איז אויסגעבראָכן מיט אַ טיף, האַרצרייסנדיק געוויין.

*

ס׳איז געווען שבת-חנוכה. אַ גרויסער עולם פון אַלעקסאַנדער שטיבל, ווו ס׳האָט געדאַוונט ר׳ תנחום, איז אויף דעם שבת געפאָרן צום רבין. זיי האָבן מיטגענומען מיט זיך ר׳ תנחומען.

אין אַלעקסאַנדער זענען זיי אַלע פאַרפאָרן אין איין אכסניה. ר׳ זלמן, ר׳ תנחום, דאָס קליינע יידעלע מיטן רויטן בערדעלע, ווי דער פלאָם פון אַ נשמה-ליכט, איטשעלע קובאַץ, ר׳ שלמה גבאי און ר׳ ישראל יאַנקל — זענען געשלאָפן אין אַ שטוב מיט אַ סך בעטן.

פרייטיק-צונאַכטס האָט זיך דער טיש ביים רבין געצויגן זייער לאַנג. זיי זענען צוריקגעקומען אין דער אכסניה זייער שפּעט און שטאַרק מידע. געלייגט זיך אין די בעטן און גיך איינגעשלאָפן.

זיי זענען געשלאָפן צו צוויי מאַן אין איין בעט. ר׳ תנחומען איז אויסגעקומען צו שלאָפן מיט איטשעלע קובאַץ.

ר׳ תנחומען האָט זיך די נאַכט געחלומט, אַז ער איז ביי זיך אין דער שטוב, ווו ס׳שלאָפן די יינגלעך זיינע. אָבער איצט איז קיינער פון די זין נישטאָ. ער ליגט איינער אַליין אין בעט.

אין דעם עפּנט זיך די טיר און ס׳קומט אַריין זיין ווייב גאָלדע לאה. אַ הויכע, אַ דאַרע, אין אַ לאַנג, ביז די קנעכל, וויים העמד מיט אַרבל, פאַרבונדן אַרום דעם האַלדז און ביי די הענט מיט בענדלעך.

זי גייט פּאַמעלעך צו זיין בעט און שאָקלט מיט איר לאַנג פּנים, פון אויבן אַראָפּ, אויף יאָ. ר׳ תנחום דערשרעקט זיך פאַר איר, ער ציטערט אין גאַנצן און שאָקלט מיטן קאָפּ פון רעכטס אויף לינקס — אויף ניין.

זי שטעלט זיך אָבער נישט אָפּ. קומט צו צו זיין בעט און שטרעקט אויס צו אים אירע דאַרע, ביינערדיקע הענט, גאָר נישט ווי קיין יידישע טאָכטער, נאָר ווי עפּעס אַ פּרוצה. זי נעמט אים

אָן מיט די הענט, וואָס זענען פול מיט כוח, ביי די אָרעמס — און האַלט אים פעסט.

ר׳ תנחום וואַרפט זיך אין אירע הענט ווי אַ פיש געפאַנגען אויף אַ ווענדקע. אָבער זי שפּאַרט אויף אים מיט אַ גוואַלדיקער קראַפט, וואָס אַ מאָל שטאַרקער, וואָס אַ מאָל נענטער. ביז אין אַ גרויסער פאַרצווייפלונג שרייט ער אויס פון שלאָף: — גאָלדע לאָה, לאָז מעך אופ!

אַלע חסידים אין שטוב זענען געווען פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף און קיינער האָט נישט געהערט ר׳ תנחומס אויסגעשריי. אַפילו ר׳ תנחום אַליין האָט זיך פון זיין חלום נישט איבערגע־וועקט. זעט אויס, אַז דער חלום האָט זיך געענדיקט — און ער איז אין זיין מידקייט ווייטער געשלאָפן.

בלויז דאָס קליינע יידעלע מיטן רויטן בערדעלע, איטשעלע קובאַץ, וועמען מען האָט גערופן „געהיים־אַגענט", בלויז ער האָט געהערט ר׳ תנחומס אויסגעשריי.

איטשעלע קובאַץ האָט אַלץ געוווּסט, ער האָט געוווּסט, וועל־כער יונגערמאַן שלאָפט שבת אין דער פרי אַ ביסל לענגער, וועל־כעס ווייבל באַהאַלט אונטערן טיפן שייטל אַ ביסל אייגענע האָר, ווער האַלט זיך פאַר אַן איסטנים און דרייט זיך אַרום אין ווינטער פון אַ שבת־אינדערפריִיקער קאַלטער מקווה. איטשעלע קובאַץ פלעגט די פאַרשידענע התנהגותן פון די יונגעלייט צוטראָגן דעם רבין. אַפילו ביי נאַכט, אין שלאָף, איז זיין אויער געווען וואַך, און ער האָט דאָס אויפגעכאַפּט דאָס געשריי פון ר׳ תנחומען.

אין דער פרי האָט איטשעלע קובאַץ דערציילט די חסידים פון שטיבל, וואָס האָבן געדאַוונט צוזאַמען מיט ר׳ תנחומען, וועגן דעם וואָס איז זיך פאַרלאָפן ביי נאַכט. נאָך שבת האָבן זיך די חסידים צוגעזעצט צו ר׳ תנחומען ער זאָל זיי זאָגן וואָס איז מיט אים, וואָס איז געשען צווישן אים און זיין ווייב.

בלית ברירה, האָט ר׳ תנחום דערציילט, אַז ער האָט זיך פּורש

געוועז פון זיין ווייב. שוין נישט געקאָנט מער פאַרטראָגן די השפּלותן, די בזיונות, וואָס זי האָט אים אָנגעטאָן.

אַלע חסידים פון שטיבל, אַ חוץ ר׳ זלמנען, וועלכער האָט געהאַט אַ שנאה צו ווייבער און בכלל וועגן זיי נישט געוואָלט רעדן, אַלע האָבן געהאַלטן, אַז אַזוי איז נישט גוט, אַזוי קאָן עס ווייטער נישט זיין.

— תנחום — האָט זיך אָנגערופן ר׳ ישראל יאַנקל — אַ ייד דאַרף הובן אַ וואַב. די ביסט נאָך אַ יינגער מענטש. דום פּרישות קאָן דעך חלילה פאַרפירן. הלל הזקן האָט געזוגט: „ואל תאמין בעצמך עד יום מותך", זאָלסט נישט גלייבן אין זיך ביז דעם טוג פין דאַן טויט. תנחום, די נעמסט אָף זעך אַ גרויסן נסיון. אַ פּריי־מער ייד דאַרף נישט זיכן קאַ נסיונות, פאַרקערט, ער דאַרף זעך דערוואַטערן פין זיי.

— תנחום, אויב די קענסט נישט מער ווינען מיט דאַן וואַב, וואַל וועלכער ייד קען דום ווינען מיט אַ וואַב, ווּס איז אים מבזה, דאַרפסי זעך גטן. אין דערנוך וועט מען זעען.

אַלע האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ צו ישראלס יאַנקלס רייד.

ר׳ תנחום האָט געשוויגן, נאָר מען האָט געזען, אַז ער נעמט ר׳ ישראל יאַנקלס ווערטער אין זייער גאַנצער חומרה, אין זייער גאַנצער הארבקייט, ווי דאָס וואָלטן געווען ווערטער פון אַ פּסק־דין...

אַ מעשׂה מיט אַ פּאָר שטיוול

דעמאָלט, ווען ר׳ תנחום האָט זיך פּורש געווען פון ווייב, איז זיך פאַרלאָפן די געשיכטע מיט די שטיוול.

אין יענער צייט איז דאָס גאַנצע געקרענקטקייט פון אים געהאַט אַוועק. ער איז אַרומגעגאַנגען אויפגערוימט און ס׳האָבן אים זיך אָנגעהויבן האַלטן פרייליכע שטיק.

ר׳ זלמנען איז ר׳ תנחומס אויפגערוימטקייט און פרייליכקייט נישט געפעלן געוואָרן. די מעשׂה מיט די שטיוול האָט נאָך צוגע־גאָסן בוימל צום פייער. זייענדיק בטבע אַ חשדן, האָט ר׳ זלמן אָנגעהויבן קוקן אויף ר׳ תנחומס פּרישות מיט חשד. ס׳איז אים שטאַרק נישט געפעלן געוואָרן, וואָס תנחום נעכטיקט ביי זיך אין דער היים, און נאָך מער איז אים נישט געפעלן געוואָרן, וואָס גאַנצע טעג זיצט ער אָפּ ביי אונדז אין שטוב.

וואָרעם זינט ר׳ תנחום איז זיך פּורש געווען פון ווייב, האָט ער זיך אין גאַנצן געווידמעט אונדז, ער איז געוואָרן דער „אויסערן־מיניסטער" פון אונדזער הויז.

געדאַווענט האָט אויך ר׳ תנחום אין דעם זעלבן שטיבל ווו ס׳האָט געדאַווענט מיין טאַטע, ווו ס׳האָט געדאַווענט אונדזער שטענ־דיקער אורח, ר׳ זלמן, איטשעלע קובאַץ און אַ סך אַנדערע אַלעק־סאַנדער חסידים.

ר׳ תנחום מיט ר׳ זלמנען האָבן זיך ביי אונדז אין שטוב נישט צוזאַמענגעטראָפן. זיי האָבן זיך איינגעטיילט מיט אונדזער הויז. ר׳ תנחום האָט גענומען אַלע וואָכעדיקע טעג און ר׳ זלמן די שבתים און ימים־טובֿים.

אין שטיבל האָבן זיי זיך אויך, ווי ווייט מעגלעך ס׳איז גע־

ווען, אויסגעמיטן. ר׳ תנחום האָט שטענדיק געדאַוונט ביים ערשטן מנין, ר׳ זלמן ביים צווייטן, צוזאַמען מיט מיין טאַטן.

ר׳ זלמן האָט נישט געקאָנט פאַרגינען ר׳ תנחומען וואָס ער איז ביי אונדז זעקס טעג אין דער וואָך, אין דער צייט ווען ער, זלמן, איז ביי אונדז נישט מער ווי איין טאָג, שבת. און כאָטש שבת איז שקול כנגד זעקס טעג פון דער וואָכן, און ווי ס׳זאָגט דער זוהר הקדוש „כל שיתא יומא מתברכאן מיומא שביעאה״, אַלע זעקס טעג ווערן געבענטשט פון דעם זיבעטן טאָג, זיי ציִען זייער יניקה פון שבת, איז אָבער די צאָל זעקס פון די וואָכעדיקע טעג, בעת וועלכע ר׳ תנחום איז געווען ביי אונדז אין הויז, געשטאַנען ר׳ זלמנען ווי אַ ביין אין האַלדז.

ווען ר׳ זלמן פלעגט אַ מאָל מוזן צו אונדז אַרויפקומען אין מיטן דער וואָך, צי ווען ער האָט גאָר שטאַרק באַדאַרפן אַ זלאָטי, צי אַ העמד ערב־שבת, צי אַ פּאָר שקאַרפּעטקעס, פון די, וואָס ביילע די שטאָפּערין איז געזעסן ביי אונדז אין די אָוונטן און געצע־רעוועט, איז עס פאַר אים געווען אַ ריין אָפּקומעניש.

נישט דאָס בעטן עפּעס פאַר זיך האָט אים געאַרט. חס וחלילה! צו דעם איז ר׳ זלמן געווען צוגעוווינט און דאָס איז אים לחלוטין נישט אָנגעגאַנגען. ר׳ זלמן האָט אונדזער שטוב געהאַלטן פאַר זיין אייגענע און ס׳האָט אים נישט געקוועלט דאָס בעטן אַ מטבע אָדער עפּעס אָנצוטאָן.

נאָר ווען ר׳ זלמן איז אַרויפגעקומען צו אונדז און געזען ווי ר׳ תנחום זיצט ברייט ביים טיש אין פאַלטן מיטן אַרויפגעשטעלטן קאָלנער, טרינקט טיי און רייכערט זיך בנעימותדיק אַ פּאַפּיראָס נאָך אַ פּאַפּיראָס, אָדער שמייעט אַרום איבער די שטובן, ווי ער וואָלט געווען ביי זיך, האָט אין ר׳ זלמנען געקאָכט און געזאָטן, ער האָט דאָס נישט געקאָנט סובל זיין, ס׳איז אים געווען ללא נשוא ממש, נישט צום פאַרטראָגן.

אַליין האָט ר׳ זלמן מבטל געווען ווייבער בתכלית הביטול, און ווען ער פלעגט אָפּחוזקן פון ווייבערישע רבים און פון ווייבער,

האָט ער אַפילו נישט געשאַנעוועט מיין מאַמען, וועלכע איז געווען צו אים אויסערגעוויינלעך גוט און געדולדיק. אָבער טאָמער האָט ער געהערט ווי ר׳ תנחום רופט מיין מאַמען: — ר׳ איטשע מאירס וואַב, זאָגט אַזוי גיט, כ׳דאַרף אַך עפּעס זוגן! — האָט ר׳ זלמן געקריצט מיט די ציין, זיך אין גאַנצן געוואָרפן. צו מיר פלעגט ער זאָגן:

— חיליש, זעי נאָר ווי דער מחוצף איז מטריח דאָן מאַמישי אַזש פין דער דריטער שטיב. — ער פלעגט דעמאָלט קוקן אויף ר׳ תנחומען מיט אַ פּאָר גזלנישע אויגן.

סיי מיין מאַמע און סיי איך, ווי אַלע ביי אונדז אין שטוב, זענען שוין געוווינט געווען צו דעם, אַז ר׳ תנחום זאָל אָפּט רופן מיין מאַמען. דער עיקר האָט ער דאָס געטאָן, ווען מיין טאַטע איז נישט געווען אין ווארשע. דעמאָלט האָט ר׳ תנחום זיך געפילט ביי אונדז ווי אַ באַלעבאָס. ער האָט מאַרשירט פון איין שטוב אין דער צווייטער, אומעטום אַריינגעשטעקט זיין נאָז און ביי יעדער מינדסטער זאַך אַ נישט געבעטענער געזאָגט זיין דעה. אָבער ווען כ׳האָב געהערט ווי ר׳ זלמן זאָגט אויף ר׳ תנחומען, אַז ער איז אַ מחוצף, האָב איך שטאַרק הנאה געהאַט. ווייל ר׳ זלמנען האָב איך ליב געהאַט און ר׳ תנחומען נישט.

צוקוקנדיק זיך צו ר׳ תנחומס התנהגות ביי אונדז אין שטוב, צו זיין גאַנץ אויפפירן זיך און פאַרהאַלטן, איז ר׳ זלמנען נישט באַקומען נישט די טיי און נישט דער כיבוד, וואָס מיין מאַמע האָט אים דערלאַנגט. אויך דאָס געלט, צי די זאַך, וואָס ער האָט באַקו־מען, האָט אים נישט פאַרשאַפט די מינדסטע הנאה.

די קנאה צו ר׳ תנחומען צוליב דעם, וואָס ער איז אַזאַ גאַנצער באַלעבאָס ביי אונדז אין הויז, האָט אים, ר׳ זלמנען, אויפגעגעסן. זי האָט זיך אין אים איינגעביסן ווי זשאַווער אין אייזן.

ר׳ תנחום האָט געוווסט וועגן דער קנאה פון ר׳ זלמנען צו אים. ער האָט אויך גוט געוווסט, גוט געקענט ר׳ זלמנען פאַר אַ מוראדיקן כעסן. דעריבער פלעגט ר׳ תנחום אים אויסמיידן. אָבער ווי נאָר

זיי פלעגן זיך אַ מאָל צונויפטרעפן, איז באַלד צווישן זיי אויסגע־בראָכן אַ מחלוקה.

יעדע קלייניקייט, יעדער דבר קטן שבקטנים, וואָס איז אים נישט געפעלן געוואָרן ביי ר׳ תנחומען, האָט ר׳ זלמן צעבלאָזן און געמאַכט דערפון אַ גאַנצן ענין. ער פלעגט אַפילו נעמען זיין גע־שוואָירענעם בר־פלוגתא, איטשעלע קובאַץ, אין שותפות אַריין קעגן ר׳ תנחומען. ר׳ זלמן פלעגט זיך כסדר טשעפּען צו ר׳ תנחומען. זידלען אים בריש גלי, פאַרן גאַנצן עולם כאחד הריקים. געמאַכט פון אים אויסצודרייען. און דאָס אַלץ פאַר בילע־וואָס, אָדער גאָר סתם אין דער וועלט אַריין.

איין מאָל האָט זיך געמאַכט אַ מעשה מיט אַ פּאָר שטיוול פאַר ר׳ תנחומען. ס׳איז געוועזן אַ גאַנץ פאַרקאָכעניש מיט אַ דין־תורה. ר׳ זלמן האָט דעמאָלט געאַרבעט מעשים, געלייגט וועלטן, און דאָס אַלץ בכדי צו דערגיין ר׳ תנחומען די יאָרן.

*

און געווען איז אַזוי:

צווישן די אָנגעזעענע חסידים וואָס האָבן געדאַוונט אין אַלעק־סאַנדער שטיבל צוזאַמען מיט מיין טאַטן, ר׳ זלמנען און ר׳ תנחומען, איז אויך געווען איינער אַ חסיד און אַ יודע ספר, ר׳ ישראל יאַנקל.

ר׳ ישראל יאַנקל האָט אויפן אויג אויסגעזען צו זיין אַ ייד אַ גבר. הויך און ברייט, מיט גרויסע הענט און פיס. ער האָט געהאַט אַ ברייטע ברוינע באָרד, און ברוין איז געווען זיין פּנים, ווי אָפּגעברענט פון דער זון.

ער האָט זיך אָבער שטענדיק געקלאָגט אויף חולשת־הלב, אַז עס ציט אים ביים האַרץ און ער מוז אָפט עפּעס נעמען אין מויל אַריין. די דאָקטוירים, ביי וועלכע ער איז געווען, האָבן געזאָגט, אַז ער האָט זייער אַ קראַנק האַרץ און דאַרף דווקא מיטן אָפטן נעמען אין מויל אַריין זיין שטאַרק אָפּגעהיטן.

ר׳ ישראל יאַנקל איז געווען אַ מטופל מיט קינדער, מיט עט־לעכע זין און טעכטער. קיין אייגן געשעפט האָט ער נישט געהאַט.

ער האָט נאָר געהאַט צוויי רייכע ברידער, באַלעבאַטים פון אַ גרויסער גאַרבעריי פון הארטער לעדער.

להיפוך צו אים, ישראל יאַנקלען, וואָס איז געווען אַ ייד אַ חסיד, זענען זיינע צוויי ברידער געווען אין גאַנצן פרייע. נידעריקע, דיקע, מיט פעטע פּנימער, גוט אויסגעראַזירטע, מיט לאַנגע וואָנסעס. שטענדיק אָנגעטאָן אין קראַטענע אָנצוגן און אין הארטע קאַפּעליושן, האָבן זיי לגמרי נישט אויסגעזען ווי יידן.

מיט זייער חסידישן ברודער האָבן זיי זיך אָבער שטאַרק געגרייסט. זיי האָבן זיך ממש אין אים געשפּיגלט, אים געהיטן ווי אַן אבן־טוב. פאַר זיינעטוועגן האָבן זיי געעפנט אַ געשעפט פון הארטער לעדער אויף דער פראַנציסקאַנער גאַס און אים דאָרט אריינגעזעצט פאַר אַ קאַסירער.

ר׳ ישראל יאַנקל האָט באַקומען פון זיינע ברידער אַ שיינעם געהאַלט און געפירט אַ גאַנץ בכבודיקע שטוב. די ברידער האָבן אַכטונג געגעבן, אַז ישראל יאַנקלס שטריימל זאָל שטענדיק זיין פריש און אים דערמאָנט ער זאָל עס געבן פון צייט צו צייט צום שטרייכן. זיי האָבן אים געגעבן ספּעציעל געלט אויף זיידענע און אַטלאַסענע קאַפּאָטעס. די פרייע ברידער האָבן אויך שטאַרק אַכטונג געגעבן, אַז ישראל יאַנקלס קינדער זאָלן גיין אין זייער חסידישן טאַטנס דרכים...

די ברידער פלעגן ר׳ ישראל יאַנקלען אָפט שיקן צום רבין קיין אַלעקסאַנדער. זיי האָבן מיטגעשיקט פאַרן רבין און דעם רבינס שטוב מתנות און אויך שיינע פּדיונות. דורך זייער ברודער פלעגן זיי פרעגן דעם רבין פאַרשידענע עצות.

אַ דאַנק די ברידער זיינע, האָט ר׳ ישראל יאַנקל מיט זיין משפּחה געלעבט אַ שיין, רויק לעבן. נאָר דאָס חולשת הלב, דאָס וואָס ער האָט אַזוי אָפט געמוזט נעמען אין מויל אריין, אָט די שוואַכקייט זיינע האָט געשראָקן.

און נאָך אַ שוואַכקייט האָט ער געהאַט, ר׳ ישראל יאַנקל, אָבער שוין נישט אַזאַ וואָס האָט געשראָקן, נאָר עפּעס אַ קינדישע,

פריילעכע שוואַכקייט, אַזאַ וואָס האָט גיכער געפּאַסט פאַר זיינע פרייע ברידער, ווי פאַר אים, דעם חסידישן ייִד.

ר׳ ישראל יאַנקל האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו שטיוול.

היות ר׳ ישראל יאַנקל האָט געהאַט, צוליב זיינע ברידערס לעדער-געשעפט אויף דער פראַנציסקאַנער גאַס, צו טאָן מיט שום-טערס, פלעגט ער אָפט ביי זיי באַשטעלן פאַר זיך שטיוול.

ער האָט זיי געהאַט אַ גאַנצע קאָלעקציע. געמזענע און כראָ-מענע. פון גאָר דינער פראַנצויזישער און ענגלישער געמזע ביז צו דיקן דייטשן כראָם. ער האָט געהאַט שטיוול מיט הויכע כאָלעוועס, מיט אַ ביסל נידעריקערע, און מיט גאָר נידעריקע. מיט אַזעלכע נידעריקע, אַז צווישן דער לאַנגער קאַפּאָטע און די שטיוול האָבן זיך אַרויסגעזען די הויזן, וואָס האָבן זיך געלייגט מיט פאַלדן אַרום די ראַנדן פון די כאָלעוועס.

צוליב די שטיוול מיט די נידעריקע כאָלעוועס איז געקומען צו אַ מחלוקה צווישן איטשעלע קובאַץ און ישראל יאַנקלען. איטשעלע קובאַץ האָט געשריגן, אַז די שטיוול מיט די נידעריקע כאָלעוועס, פון וועלכע מען זעט אַרויס די איבערגעלייגטע הויזן, זענען גערער נוסח, און פאַר אַן אַלעקסאַנדער חסיד זענען זיי בפירוש טריף.

ר׳ ישראל יאַנקל האָט געענטפערט שטיל און געלאַסן, אַז אויב די שטיוול מיט די קורצע כאָלעוועס זענען גערער נוסח, איז איטשעלע קובאַצס עזות און זיין גרוים מויל אַוודאי און אַוודאי גערער נוסח און מיט די דאָזיקע צוויי זיינע „מעלות" וואָלט ער זיך זייער גוט אַריינגעפּאַסט אין דער גערער עדה.

עפּעס ערגערס פון אַזאַ זאַג, האָט פאַר איטשעלע קובאַץ נישט געקאָנט זיין...

*

אונדזער „אויסערן-מיניסטער" ר׳ תנחום האָט מיט גאָר נישט נישט מקנא געווען ר׳ ישראל יאַנקלען, נישט מיט די רייכע ברידער,

נישט מיטן געשעפט, און אפילו נישט מיט זיינע חסידישע קינדער. נאָר מיט איין זאַך האָט ער אים יאָ מקנא געווען — מיט די שטיוול.

ר׳ תנחום האָט געוווּסט, אַז ער איז צוליב די שטיוול עובר אויף לא תחמוד, אָבער העלפן האָט ער זיך נישט געקאָנט.

פאַר וואָס האָט ר׳ תנחום מקנא געווען ר׳ ישראל יאַנקלען דווקא מיט די שטיוול, פאַר וואָס נישט מיט זיין שיין, שטענדיק פריש געשטראָכן שטריימל, פאַר וואָס נישט מיט זיינע נייע אַט-לאַסענע און זיידענע קאַפּאָטעס? דאָס איז פאַר מיר נישט אין גאַנצן קלאָר.

כ׳בין זיך אָבער משער, אַז ר׳ תנחום האָט דערפאַר מקנא געווען ר׳ ישראל יאַנקלען מיט די שטיוול, ווייל ער האָט געליטן אויף די פיס. די דאָזיקע ווייטיקן זענען דאָס געווען די סיבה צו נעמען שטענדיק אויף אַ דראָזשקע, ווען מען האָט אים געשיקט מיט אַ שליחות אַפילו אין דער סאַמע נאָענטסטער גאַס, כאָטש געגאַנגען איז ער שטענדיק צו פוס, אַפילו ווען דער, צו וועמען מען האָט אים געשיקט, האָט געוווינט אין דעם צווייטן עק שטאָט.

איין מאָל, אין אַ שבת, ווען ר׳ ישראל יאַנקל איז געקומען אין שטיבל אַריין מיט אַ נייע פאָר שטיוול, האָט זיך ר׳ תנחום אָנגערופן הויך, אַז ר׳ ישראל-יאַנקל זאָל הערן:

— ווען יעך וואָלט געהאַט אַזאַ פּוער שטיוול, וואָלט יעך געווען אַ געהאָלפענער. מאַנע פיס וואָלטן זעך מחיה געווען.

ר׳ ישראל-יאַנקל האָט זיך געמאַכט כלא-ידע, ווי ער וואָלט גאָרנישט געהערט וואָס ר׳ תנחום האָט געזאָגט.

וואָס אַן אמת, האָט קיינער אין שטיבל נישט באַמערקט, אַז ר׳ ישראל יאַנקל טראָגט אַ נייע פאָר שטיוול. ער האָט זיי געהאַט אַזוי פיל, אַז אַלע וואָס ער האָט געטראָגן האָבן אויסגעזען ווי ניי.

אָבער די קנאה צו די שטיוול האָט ביי ר׳ תנחומען אַזוי אויס-געשאַרפט דאָס אויג, אַז ווי נאָר ר׳ ישראל יאַנקל האָט דאָס מאָל איבערגעטרעטן די שוועל פון שטיבל, האָט ר׳ תנחום תיכף דער-בליקט, אַז די שטיוול זענען נייע.

ר׳ זלמן האָט געוווּסט וועגן ר׳ תנחומס תאווה צו שטיוול, וועגן זיין קנאה צו ר׳ ישראל יאַנקלען צוליב זיי. ער איז געווען אש להבה אויף ר׳ תנחומען, געברענט אויף אים מיט אַ העליש פייער. מיט זיינע שמאָלע, בייזע, מיט רויט געליאַמעוועטע אויגן, האָט ער אַדורכגעשפּיזט ר׳ תנחומען, ווי נאָר ער האָט באַמערקט ווי יענער כאַפּט אַ זייטיקן בליק אויף ר׳ ישראל יאַנקלס שטיוול. ער האָט געקוקט מיט גאַליקן שפּאָט אויף ר׳ תנחומען, ווען ער האָט אויפ־געכאַפּט זיין פאַרגאַפטן בליק, מיט וועלכן יענער האָט אַ קוק געטאָן אויף די פּאָר נייע שטיוול אויף ר׳ ישראל יאַנקלס פיס.

— שוין יורן, ווי יאָך גיי אין די זעלבע שטיוול. זיי זענען שוין טלאי על גבי טלאי, לאַטעס אויף לאַטעס, איין לאַטע אויף דער צווייטער, ניי, וועל יאָך עימיצן מקנא זאַן ציליב אַ פּור שטיוול? וועל יאָך ציליב דעים עובר זאַן אָף לא תחמוד? — האָט ר׳ זלמן געוועדט מיט היץ. — אַ פּיסטע כלי, דעיער תנחום, יאָך האָב דוס שטענדיק געזוגט, אין יאָך האָב נישט קאַ טבע זעך טועה צי זאַן — און ר׳ זלמן האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָפּגעפּסקנט, און גענוג.

אָבער ר׳ תנחומען איז דאָס אַלץ נישט אָנגעגאַנגען. ער האָט אָנגעהויבן וואָס אַ מאָל עפּטער און וואָס אַ מאָל צודרינגלעכער קוקן אויף ר׳ ישראל יאַנקלס שטיוול, און דערביי אַרויסגעבן פון זיך אַזעלכע קרעכצן און אָכצן, ווי בעתן האָבן שטאַרקע יסורים, רחמנא ליצלן.

ר׳ ישראל יאַנקל האָט זיך דאָס אַלץ געמאַכט נישט זען און נישט הערן. אָבער ר׳ תנחום איז נישט אָפּגעשטאַנען פון אים. ער האָט ביי יעדער געלעגנהייט געמאַכט פאַרשידענע אָנצוגעהערע־נישן, פאַרשידענע אָנדייטונגען וועגן קראַנקע פיס, וועגן גוטע שטיוול, און ווען דאָס אַלץ האָט נישט געהאָלפן, האָט ער נישט אויסגעהאַלטן און געזאָגט צו ר׳ ישראל יאַנקלען אָפן און קלאָר:

— ישראל יאַנקל, ווען די וואָלסט געוואָלט, וואָלט יעך געהאַט גיזינטע פיס. כ׳דאַרף נאָר הובן אַזאַ פּור שטיוול ווי דאַנע. כ׳בין

גרייט ס׳זאָל קאָסטן כל הון דעלמא, אַבי די זאָלסט זעען, אַז דאָן שיסטער זאָל מיר מאַכן אַזאַ פור שטיוול ווי די טרוגסט.

דער „כל הון דעלמא״ אין מויל פון אַזאַ אָרעמאַן ווי ר׳ תנחום, האָט נישט געקלונגען שטאַרק איבערצייגעוודיק, און ר׳ ישראל יאַנקל, בטבע אַ פאַמעלעכער און אַ באַרעכנטער, האָט פיינט געהאַט פוילע געשעפטן. וועלנדיק פטור ווערן פון ר׳ תנחומען, האָט ער אים אויף גיך אַ פרעג געטאָן:

— אין וואָס פאַרא שטיוול ווילסטו, געמזוגע צי כראָמענע? אין אויב געמזוגע, צי ווילסטו פון פראַנצויזישער געמזע פון „גרי־זאָן״, צי פון ענגלישער? און אויב כראָם, וואָס פאַרא כראָם ווילסטו, פריידענבערגס דאַטשן, צי מאַרגאָשעסעס פוילישן? אין וואָס פאַרא פאַסאָן ווילסטו, מיט הויכע, צי מיט נידעריקע כאָלעוועס, מיט ברייטע צי מיט שמולע — מיט האַרטע, צי מיט ווייכע נאָסקעס? — און אויסנוצנדיק ר׳ תנחומס צעטומלטקייט פון אַזוי פיל מיט איין מאָל אָנגעוואָרפענע פראַגעס, האָט ער גיך פאַרענדיקט: — ני, אַז די ווייסט אַליין נישט וואָס די ווילסט, טאָ וואָס דרייסטו מיר אַ מוח?!

ר׳ תנחום איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפטער און ר׳ ישראל יאַנקל האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט, זיך תיכּף אויסגעמישט צווישן די חסידים און גענומען שמועסן פון גאָר עפּעס אַנדערש.

*

ס׳זענען אַדורך די ימים־נוראים, ס׳איז אַוועק דער סוכות מיטן פריילעכן שמחת־תורה, מען האָט שוין געהאַט אָפּגעבענטשט גשם, און וואָס עפּטער האָבן אָנגעהויבן פאַלן דינע רעגנס, וואָס האָבן אַדורכגענומען מיט קעלט דאָס לייב מיט די ביינער. ר׳ תנחום האָט זיך שטאַרק געקלאָגט אויף ווייטיקן אין די פיס און געקוקט אויף ר׳ ישראל יאַנקלען מיט טענה און מאַנונג.

ר׳ ישראל יאַנקלען האָט די מעשה אָנגעהויבן ווערן איבער־דריסיק: — „וואָס הייסט? וויניק שיסטערס זענען פאַראַן אין וואַרשע וואָס מאַכן שטיוול, אַ וועלט מיט יידן, אַן עין־הרע, טרוגן

שטיוול, טאָ וווּס האָט זיך דער תנחום אונגעזעצט אָף מיר, אַז ער מיז דווקא הובן אַזאַ פּוֹר שטיוול ווי מאַנע אין פּין מאַנס אַ שים-טער?״ — האָט זיך ר׳ ישראל יאַנקל דערמיט ווי פאַרענטפערט פאַר זיך אַליין פאַר דעם, וואָס ער מאַכט זיך נישט הערן ר׳ תנחומס קרעכצן.

אָבער שוין דאָס, וואָס ער האָט געפילט, אַז ער דאַרף זיך פאַרענטפערן, אַפילו ווען נאָר פאַר זיך אַליין, שוין דאָס האָט ישראל יאַנקלען געשטערט, צוגענומען ביי אים די מנוחה, און איין מאָל, ווען ר׳ תנחום האָט ווידער געקוקט אויף אים מיט תרעומות, האָט ר׳ ישראל יאַנקל זיך אָנגערופן צו אים:

— תנחום, נאַדיר דעם אַדרעס אין גיי אַראָן צי מאָן שיסטער אין באַשטעל דיר אַ פּור שטיוול.

— ניין, ישראל יאַנקל, — האָט ר׳ תנחום געענטפערט זייער געלאַסן, — כ׳וויל אַז די אַליין, בכבודך ובעצמך, זאָלסט זאַן באַם באַשטעלן די שטיוול. כ׳וויל אַז דער שיסטער זאָל וויסן, אַז די שטיוול דאַרפן זאַן געמאַכט פּינקט אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען פאַר דיר.

ר׳ ישראל יאַנקלען איז די מעשה נישט שטאַרק געפעלן געוואָרן. אָבער ער איז שוין געווען דערין, אינעם עסק. עפּעס איז אים נישט געווען באַקוועם זיך צוריקצוציִען, ס׳האָט אים דאָס נישט געפּאַסט, און אַן גרויס חשק האָט ער געזאָגט צו ר׳ תנחו-מען:

— גיי אַראָן צים שיסטער אָף ניזקע אַכט. היים אים קימען צי מיר אין געשעפט אַראָן נאָך זיבן, ווען קאַ קונים זענען שוין נישטו. די זאַ אָך אין דער זעלבער צאַט, וועט מען דיר נעמען אַ מוס אין באַשטעלן פאַר דיר אַ פּור שטיוול. יעך וועל שוין דעם שיסטער זוגן וווּס אין ווען.

צו דער מינוט און צו דער רגע איז ר׳ תנחום געווען ביי ר׳ ישראל יאַנקלען אין געשעפט. ס׳איז אויך געקומען דער שוס-טער, אַן עלטערער ייד, אַ נידעריקער, מיט אַ ברייטער, גרויער באָרד

און מיט אַ פּאָר זייער ערנסטע אויגן. ר׳ תנחום האָט אויסגעטאָן זיינע אַלטע, אָפּגעריבענע, שוין אָן קאָליר, שטיוול. אויף די פיס האָט ער געהאַט אַ פּאָר פרישע שקאַרפּעטקעס, וואָס ער האָט ספּעציעל אָנגעטאָן צו דער דאָזיקער געלעגנהייט. ר׳ תנחום איז געזעסן אויף אַ שטול, לעבן אים איז געזעסן ר׳ ישראל יאַנקל און דער שוסטער איז געשטאַנען איינגעבויגן. ער האָט אָנגעלענט ר׳ תנחומס פוס אויף זיין קני און מיט אַן אין טאָפּלט איינגעלייגט שטיקל ציימונגס-פּאַפּיר אָראָפּגענומען די מאָס.

ר׳ ישראל יאַנקל האָט אַ קוק געטאָן אויף ר׳ תנחומס פיס. ער האָט געזען, אַז די גראָבע פינגער גייען ביי אים אַוועק אַ ביסל זייטיק. ער האָט באַמערקט פון אונטער די שקאַרפּעטקעס יעדע רעוומאַטישע גוליע, יעדעס אַרויסשטאַרטשנדיקע ביינדל, און זיך אָנגערופן:

— תנחום, די האָסט אַ שווערן פיס.

דער אַלטער שוסטער האָט אונטערגעהויבן אַ ביסל דעם אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, אַ קוק געטאָן זייטיק אויף ר׳ ישראל יאַנקלען מיט זיינע גרויסע, ערנסטע אויגן און געזאָגט:

— ר׳ ישראל יאַנקל, האָט נישט קיין מורא, כ׳וועל שוין אַזוי אַלץ מאַכן, אַז דעם ייד זאָל זאַן באַקוועם, ס׳זאָל אים, חלילה, גורנישט קוועילן.

מיט גרויס מבינות און בקיאות אין שטיוול-ענינים האָט ר׳ ישראל יאַנקל גערעדט מיטן שוסטער וועגן די באַשטעלטע שטיוול פאַר ר׳ תנחומען. ער האָט אים געהייסן נעמען פריידענ-בערגס, אויסלענדישן כראָם, אויסבעטן אינעווייניק די שטיוול מיט אַ דיקן, וולאָכאַטענעם שטאָף. געהייסן מאַכן ברייטע נאָס-קעס און אַ הויכע „פּאָדביציע", אַז דער פוס זאָל גרינג אַריין אין שטיוול. ער האָט אָפּגערעדט געניי וועגן דער ברייט און הייך פון די כאָלעוועס. יעדער מינדסטער פּרט איז געוואָרן אַרומגערעדט און באַשטימט.

די גאַנצע צייט ווען ר׳ ישראל יאַנקל האָט גערעדט מיטן

שוסטער, איז ר׳ תנחום געזעסן און זיך נישט אָנגערופן מיט קיין איין וואָרט. ער איז געזעסן אַן אָנגעבלאָזענער, מיט זייער אַ וואָזשנער מינע, ווי אַ יינגל אַ בן־יחיד, וועמען דער טאַטע האָט באַשטעלט דאָס ערשטע מאָל אין לעבן אַ פּאָר געפּאַסטע שטיוועלעך.

ווען דער שוסטער האָט אַריינגעלייגט די פּאַפּירענע מאָס אין קעשענע און געזאָגט, אַז אין צען טעג אַרום וועלן די שטיוול זיין פאַרטיק, האָט זיך ר׳ ישראל יאַנקל אָנגערופן:

— ני, מע דאַרף געיבן דעם ייד האַנטגעלט.

אָבער פון גרויס דרך־ארץ פאַר ר׳ ישראל יאַנקלען און פאַר זיין כבוד וועגן, האָט דער שוסטער געענטפערט:

— ר׳ ישראל יאַנקל, מען דאַרף נישט קאַ האַנטגעלט. כ׳וועל שוין אופּנעמען אַלץ מיט אַ מול, ווען די שטיוול וועלן מערצעשעם זאַן פאַרטיק.

ר׳ תנחום איז נישט צוגעשטאַנען צום שוסטער, אַז ער זאָל דווקא יאָ נעמען האַנטגעלט. דער שוסטער האָט געזאָגט „אַ גיטן תמיד" — און איז אַוועקגעגאַנגען.

אין משך פון די צען טעג, וואָס האָט געדויערט מאַכן די שטיוול, איז ר׳ תנחום עטלעכע מאָל געווען ביים שוסטער. דאָ זיך געהייסן ווייזן די פאַרטיקע כאַלעוועס, דאָ די פּשישוועס, אַן אַנדער מאָל — דעם שטאָף מיט וועלכן מען האָט באַדאַרפט אויסבעטן די שטיוול, געטאַפּט, געזאָגט מבינות, אַ מאָל געדרייט מיט דער נאָז אַ נישט צופרידענער, אַ מאָל געלויבט, אָבער קיין איין מאָל נישט פאַרגעסן צו זאָגן דעם שוסטער, אַז ר׳ ישראל יאַנקלען גייט עס בנפשו, אַז די שטיוול זאָלן זיין עפּעס אַן אויסנאָם. ר׳ תנחום איז דורך די פּאָר טעג געוואָרן היימיש מיטן שוסטער, אָבער דאָך געקוקט אויף אים פון אויבן אַראָפּ.

ווען די שטיוול זענען פאַרטיק געוואָרן, איז ר׳ תנחום געקו־מען. פאַמעלעך, נישט געאיילט, זיי אָנגעמאָסטן, נישט אַרויסגעוויזן קיין גרויס התפּעלות, פאַרקערט, געווען קאַלט, געזאָגט, אַז זיי

װענען נישקשה. געהייסן זיי פּאַרפּאַקן, גענומען דאָס פּעקל אונטערן אָרעם און זיך אָנגערופן צום שוסטער:

— ר' ישראל יאַנקל וועט אַך שוין פאַר אַלץ באַצולן. — ער האָט געזאָגט „אַ גיטן טוג", אַ קוש געטאָן די מזוזה און אַוועקגעגאַנגען.

*

ביי נאַכט־צו, ווען מען האָט שוין געהאַלטן ביים שליסן די געשעפטן, איז דער שוסטער געקומען צו ר' ישראל יאַנקלען און געבעטן אים באַצאָלן פאַר ר' תנחומס שטיוול.

ר' ישראל יאַנקל איז געוואָרן נבהל ומשתומם, — וואָס הייסט — האָט ער געפרעגט — ר' תנחום האָט אַך נישט באַצולט פאַר די שטיוול?

— ווי פאַרשטייט איר, ר' ישראל יאַנקל, איר קענט דאָך מיך נישט פין האַנט. וועל יאָך קימען מונען צוויי מול פאַר איין פּור שטיוול?

— חס וחלילה! אָבער פאַר וואָס האָט איר אַראָסגעגעבן ר' תנחומען די שטיוול און געלט?

— דער ייד האָט מיר גיזוגט, אַז ר' ישראל יאַנקל וועט שוין פאַר אַלץ באַצולן.

— ני, אין אַז ער האָט געזוגט, האָט איר אים געמיזט גלייבן?

— ר' ישראל יאַנקל, ס'איז מיר נישט אַנגעפאַלן, אַז אַ מענטש מיט וועלכן איר זענט אַזוי היימיש זאָל זאַן אַ ליגנער.

ר' ישראל יאַנקל האָט זיך דערפילט שטאַרק נישט באַקוועם. דער גאַנצער ענין האָט אים נישט געפּאַסט, אים איז דאָס נישט אַנגעשטאַנען פאַרן שוסטער, וואָס איז טאַקע געוועזן אַ גאַנץ וואוי־לער ייד, אָבער פאָרט אַ פּראָסטער מענטש.

ער האָט געוואָלט דעם גאַנצן ענין צו נישט מאַכן, איבער־דרייען עס אין אַ הלצה, און זיך אָנגערופן:

— ר' תנחום איז נישט, חלילה, קאַ ליגנער. ס'איז סתם עפּעס אַ שפּיצל פין זאַן זאַט. אָבער יעך האָב פאַנט אַזעלכע שפּיצלעך.

כ׳האָב פאַנט טאָפּלטע חשבונות, איין מול מיט אַך אין דום צווייטע מול מיט אים. אָבער צי אַך האָט דום אַלץ נישט. זאָטץ אַזוי גיט אין וואָזט מיר דעם חשבון.

דער שוסטער האָט דערלאַנגט דעם חשבון, ווו יעדע זאַך איז געווען אויסגערעכנט באַזונדער: פאַר די כאָלעוועס, פאַר די פּשישוועס, פאַר די טילקעס, פאַרן ווייכן שטאָף, פאַר די בראַנדזוילן און פאַר מלאכה־געלט. פאַר די האַרטע לעדער איז נישט געווען באַרעכנט. די האַרטע לעדער האָט ר׳ ישראל יאַנקל געגעבן דעם שוסטער פון זיין אייגן געשעפט, פון דער לעדער, וואָס זיינע ברי־דער האָבן אויסגעאַרבעט ביי זיך אין דער גאַרבאַרניע.

ר׳ ישראל יאַנקל האָט אַדורכגעקוקט דעם חשבון און באַצאָלט דעם שוסטער ביזן לעצטן גראָשן.

ס׳האָט אָבער אין אים געברענט דער כעס. ער האָט שוין געפילט, אַז ר׳ תנחום האָט אים אָנגעקריגן. אָבער נישט דאָס האָט אים דער עיקר געאַרט. זיין עיקר פאַרדרוס איז געווען צוליב דעם, וואָס ער האָט נאָך גאַר געמוזט פאַרשטעלן פאַרן שוסטער ר׳ תנחו־מען ווי אַ פיינעם מענטש. ר׳ ישראל יאַנקלען האָט שרעקלעך פאַרדראָסן אויף זיך, פאַר וואָס ער האָט זיך אַזוי אינטערעסירט מיט ר׳ תנחומס שטיוול און גערעדט וועגן זיי מיטן שוסטער מיט מער איבערגענומענקייט, ווי ווען ער פלעגט געוויינלעך רעדן וועגן אַ פאָר שטיוול פאַר זיך אַליין. ער האָט זיך געפילט נישט נאָר אָפּגע־נאַרט, נאַר, ממש, ווי אַ נאַר.

צו מאָרגנס איז ר׳ ישראל יאַנקל געקומען אין שטיבל אַריין אָנגעלאָדן מיט כעס אויף ר׳ תנחומען. אָבער ר׳ תנחום איז געווען אין גאַנצן רויִק און קאַלט, ווי ס׳וואָלט גאָר נישט געשען. ער האָט זיך אַפילו נישט פאַרענטפערט פאַר ר׳ ישראל יאַנקלען און אויך אים נישט געזאָגט קיין יישר־כוח.

ר׳ ישראל יאַנקל האָט אָנגעשטעלט אויף ר׳ תנחומען אַ פּאָר בייזע אויגן און געזאָגט צו אים:

— גזלן, רוצח, ני!...

ר׳ תנחום האָט אים אָנגעקוקט און אים גאָרנישט געענטפערט.

— ווּוס האָסטו עפּעס אוֹפּגענאַרט דעם שיסטער אין געזוגט אַז יעך וועל באַצולן פאַר דאָנע שטיוול? — איז ר׳ ישראל יאַנקל אַרויס בקול רם.

— ני, אין ווּוס, די האָסט דען נישט באַצולט?

— יעך האָב טאַקע באַצולט, אָבער די האָסט נישט באַצולט.

— יעך האָב דען אים געזוגט, אַז יעך וועל באַצולן? יעך האָב געזוגט, אַז די וועסט באַצולן, טאָ ווּוס זוגסטו עפּעס, אַז יעך האָב אוֹפּגענאַרט דעם שיסטער?

ר׳ ישראל יאַנקל איז געבליבן ווי אָן לשון.

ווען ער איז אַ ביסל געקומען צו זיך, האָט ער זיך אָנגערופן צו ר׳ תנחומען:

— אָבער מיער דאַרפסטו דאָך באַצולן.

— קיינער האָט נישט בדעה דיר צי לייקענען. באַצולן!... באַצולן!... באַצולן!... ווּוס מאַכסטו אַזאַ טרעוואָגע ציליב גורנישט!

ר׳ ישראל יאַנקל האָט זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כוחות ער זאָל נישט אַרויס פון די כלים. פון גרוים כעס האָט עם אים אַ שטאַרקן צי געטאָן ביים האַרץ, אַזוי ווייט, אַז ער האָט געמוזט עפּעס נעמען אין מויל אַריין, עפּעס טועם זיין נאָך פאַרן דאַווענען.

פון אויסערזיכקייט צוליב ר׳ תנחומס העזה, האָט ר׳ ישראל יאַנקל אָפּגעמאַכט ביי זיך צו מאָנען ביי יעדער געלעגנהייט ביי ר׳ תנחומען דאָס געלט פאַר די שטיוול. נישט נאָר ער אַליין האָט געמאָנט, נאָר אויך אונטערגעשיקט זיינע זין, אַז זיי זאָלן מאָנען. ר׳ ישראל יאַנקלס זין זענען ממש דערגאַנגען ר׳ תנחומען די יאָרן. אָבער ער האָט זיך דערמיט נישט איבערגענומען. ער האָט נישט באַצאָלט. ערשט נאָך עטלעכע וואָכן אַרומיאָגן אים, האָט ר׳ תנחום זיך געהייסן דערלאַנגען אַ גענויעם חשבון. ער האָט אַדורכגעקוקט דעם חשבון, אַוועקגעלייגט פאַר ר׳ ישראל יאַנקלען דעם באַטרעף פון מלאכה-געלט און זיך אָנגערופן צו אים:

— יעך באַצ.ל נאָר פאַר מלאכה-געלט. פאַר די לעדער זאָלסטו

מיך נישט מונען, וואָל יעך וועל נישט באַצולן. זאָלסט דום וויסן איין מול פאַר אַלע מול.

*

ר׳ ישראל יאַנקל האָט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז ר׳ תנחום האָט אים אַריינגענאַרט אין זאַק אַריין. ער האָט זיך מייאש געווען פון דעם געלט און אויפגעהערט מאָנען.

אָבער ר׳ זלמן, וואָס האָט נאָר געזוכט מיט וואָס זיך צו טשעפּען צו ר׳ תנחומען, איז צוגעפאַלן צו דעם ענין מיט די שטיוול ווי צו אַ ווילדער מציאה. ער האָט נישט גערוט. ער האָט אַריינגע־רעדט אין ר׳ ישראל יאַנקלען אַריין, אַז דאָס וואָס תנחום האָט אָפּגעטאָן איז הונאה, גניבה און גזילה. ער האָט אויסגערעכנט, אַז תנחום האָט אין דעם פאַל עובר געווען אויף מער ווי צען לאווין אין דער תורה. — אַ ייד, ווּס טיט אופּ אַזאַ זאַך איז עלול אופּצי־טיִען כל עבירות שבעולם. ישראל יאַנקל! וועסט זאַן עתיד ליתן את הדין אויב די וועסט נישט אופּנעמען בּאַ אים ביז דעם לעצטן גראָשן. לאַ די, ווּס די האָסט באַצולט דאָן געלט, וועסטי נאָך זאַן אַ שותף צי דער גניבה ווּס מען האָט אַראָפּגעגנבעט פין דאָן אייגענער קעשענע.

— אין ווען די וואָלסט שוין, ישראל יאַנקל, אַפילו גיוואָלט שענקן אימיצן אַ פּור שטיוול, זענען פאַראַן בילכערע פאַר אים, דעים פּיסטע און פּאַסניק! — האָט זיך ר׳ זלמן געקאָכט. ער האָט אָנגעשטעלט אויף ר׳ ישראל יאַנקלען זיינע שמאָלע מיט רויט גע־ליאַמעוועטע אויגן, וואָס האָבן אין גאַנצן געברענט פון כעס. — ריף אים צי אַ דין־תורה, ריף אים צי מענטשן! — האָט ר׳ זלמן אַריינגעסיקעט אין ר׳ ישראל יאַנקלען אַריין און געביילט דערביי די פויסטן און אין גאַנצן געציטערט פון אויפקאָכעניש.

ר׳ ישראל יאַנקל, וועלכער איז בטבע געווען אַ געזעצטער און געלאַסענער מענטש, האָט זיך דאָס מאָל געלאָזט אונטערהעצן פון ר׳ זלמנען. ער האָט זיך אָנגעצונדן פון זיינע הייסע רייד, און גע־טראַכט האָט ער זיך, אַז טאָמער וועט ער טאַקע אָפּנעמען דאָס

געלט ביי ר׳ תנחומען, לאָזט ער, אים אויף צו להכעיס, אויפנייען אַ פּאָר שטיוול פאַר ר׳ זלמנען.

ר׳ תנחום איז גרייט געווען צו גיין סיי צו אַ דין־תורה און סיי צו מענטשן. צי קיין דין־תורה צו אַ רב האָט זיך ר׳ ישראל יאַנקלען נישט געגלוסט צו גיין. עפּעס איז אים פּאָרט דער גאַנצער ענין נישט אָנגעשטאַנען. איז געבליבן מען זאָל זיך פאַרלאָזן אויף מענטשן.

אָבער קיינער פון די שטיבל־יידן האָט נישט געוואָלט זיך אונטערנעמען זיין אַ פּוסק צווישן ר׳ ישראל יאַנקלען און ר׳ תנחו־מען. דער עולם האָט געקוקט אויף דעם גאַנצן ענין נישט ערנסט. כאָטש ר׳ ישראל יאַנקל איז נישט געווען קיין נגיד, ער האָט געלעבט פון דעם געהאַלט, וואָס זיינע ברידער האָבן פאַר אים באַשטימט, איז ער אָבער אין פאַרגלייך צו ר׳ תנחומען געווען אַן עושר. דער עולם האָט געהאַלטן, אַז בדיעבד, אויב ס׳איז שוין אַזוי געשען, דאַרף ר׳ ישראל יאַנקל מוותר זיין אויף דעם געלט, וואָס ער האָט אויסגעגעבן פאַר ר׳ תנחומס שטיוול.

דאָך, אַן אונטערגעהעצטער פון ר׳ זלמנען, האָט ר׳ ישראל יאַנקל נישט געוואָלט מוותר זיין פון זיין טענה צו ר׳ תנחומען. ביז ס׳האָט זיך געפונען איינער פון די שטיבל־יידן, וואָס איז באַ־שטאַנען צו נעמען אויף זיך די ראָל פון אַ פּוסק אין דער דאָזיקער דין־תורה.

דער איינער, דאָס איז געווען איטשעלע קובאַץ, דאָס קליינע יידעלע מיטן רויטן בערדעלע, ווי דער פלאָם פון אַ נשמה־ליכט. איטשעלע קובאַץ האָט סתם ליב געהאַט גראַטשקעס, ליב געהאַט ווען אין שטיבל טוט זיך עפּעס, ווען ס׳קאָכט זיך. אים איז דער ענין מיט דער דין־תורה דווקא שטאַרק געפעלן געוואָרן.

וואָס אַן אמת, האָט ר׳ זלמן, וועלכער האָט פאַרקאָכט די גאַנצע זאַך, נישט געהאַט קיין גרויס אמונה אין דעם קליינעם איטשעלע קובאַץ. ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם חסידישן קונדס, אַז ער זאָל דאָ עפּעס נישט אָפּטאָן קיין שפּיצל, אָבער בלית ברירה

האָט ער צוגערעדט ר׳ ישראל יאַנקלען, ער זאָל באַשטיין, אַז איטשעלע קובאַץ זאָל זיין דער פּוסק.

*

אין איינעם אַ חנוכה־טאָג, אין דער פרי, באַלד נאָכן דאַווענען, האָט זיך איטשעלע קובאַץ אַוועקגעזעצט אויף דער שטול וואָס איז געשטאַנען אויבנאָן דעם לאַנגן טיש פון דער ספרים־שטוב. אַנט־קעגן אים האָבן זיך אַוועקגעשטעלט: ר׳ ישראל יאַנקל דער טוען און ר׳ תנחום, דער נטען. אַ ביסל ווייטער איז געשטאַנען ר׳ זלמן און נאָך אַ שפּאַרער עולם נייגעריקע.

איטשעלע קובאַץ האָט אָנגענומען מיט דער רעכטער האַנט זיין קליין, רויט בערדל און אַ ברום געטאָן צו ר׳ ישראל יאַנקלען:

— טאַנע.

ר׳ ישראל יאַנקל האָט אָנגעהויבן:

— אַ לאַנגע צײַט האָט מען תנחום געמאַטערט: שטיוול־שטיוול, שטיוול־שטיוול, קראַנקע פּיס, קראַנקע פּיס. יעך האָב זעך געמאַכט נישט הערן. ווּס בין יעך, אַ פּאַדרייטשיק פון שטיוול? אָבער ער האָט מען נישט אָפּגעלאָזט. האָב יעך אים געגעבן דעם אַדרעס פין מאַן שיסטער. אָבער פאַר תנחומען איז דוס געווען ווייניק. ער האָט געוואָלט, אַז נאָר יעך אַליין זאָל פאַר אים באַ־שטעלן באַ מאַן שיסטער די שטיוול. האָב יעך לסוף געשיקט ריפן מאַן שיסטער אין גיהייסן מאַכן תנחומען אַ פּור שטיוול פין די בעסטע סחורה.

— ווען די שטיוול זענען פאַרטיק געוואָרן, האָט זיי תנחום גענומען באַם שיסטער אין אים געזוגט, אַז יעך וועל שוין פאַר אַלץ באַצולן.

— יעך האָב טאַקע באַצולט דעם שיסטער טבין ותקלין. אָבער תנחום האָט מיער דוס געלט נישט גיוואָלט קריקגעיבן. נאָך לאַנגע יואָכן אַרימיוגן זעך מיט אים, האָט ער מיר אָפּגעגעיבן נאָר דוס ווּס ס׳האָט געקאָסט דוס מלאכה־געלט, אָבער פאַר די לעדער וויל ער נישט באַצולן.

— מילא, פאַר די האַרטע לעדער — בין יעך אים מוחל. מאַנע ברידער אַרבעטן אָם האַרטע לעדער, טאָ זאָל ער הובן. כ׳זוג עס בפירוש בפני כל עם ועדה, אַז ווען מאַנע ברידער וואָלטן אָסגעאַר־בעט ווייכע לעדער, וואָלט יעך אים פאַר די ווייכע לעדער אָך נישט געמונט. אָבער יעך אַליין האָב דאָך פאַר די ווייכע לעדער באַצולט, באַצולט במזומנים, טאָ פאַר ווּס זאָל מיר תנחום דוס געלט פאַרלייקענען, פאַר ווּס זאָל ער מיר נישט ווען באַצולן? — האָט ר׳ ישראל יאַנקל פאַרענדיקט זיין טענה.

ר׳ תנחום האָט אין אָנהייב געהערט די טענות מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ. מיט אַ מאָל האָט ער אים אַ הייב אויף געטאָן. ר׳ תנחום איז אין גאַנצן ווי העכער געוואָרן. ס׳האָט אויסגעזען ווי זיין שטאַרק געבויגענע פּלייצע וואָלט זיך פּלוצעם אויסגעגליכן. ער האָט זיך קוים דערוואַרט ביז ר׳ ישראל וועט ענדיקן רעדן.

און ווען דער טוען האָט געענדיקט זיין טענה, און איטשעלע קובאַץ האָט אַ ווינק געטאָן צו ר׳ תנחומען ער זאָל טענהן, האָט ער געעפנט זיין מויל און אַרויס מיט אַ לייבן־שטימע:

— הערטס נאָר, הערטס דעם יושר! אַליין זוגט ער, ישראל יאַנקל, אַז דערפאַר ווּס זאַנע ברידער אַרבעטן אָם האַרטע לעדער, איז ער מיר פאַר די האַרטע לעדער מוחל. אַליין זוגט ער, אַז ווען זאַנע ברידער וואָלטן אָסגעאַרבעט ווייכע לעדער, וואָלט ער מיר פאַר די ווייכע לעדער אָך נישט געמונט. הייסט דוס, אַז דערפאַר ווּס זאַנע ברידער אַרבעטן נישט אָם קאָ ווייכע לעדער, דערפאַר דאַרף יעך באַצולן! זענען זיי קראַנק אין שוואַך יאָ אָסציאַרבעטן?! — און ר׳ תנחום האָט אַ זעץ געטאָן מיט דער פויסט אין טיש אַריין, אַז אַלע ספרים וואָס זענען דאָרט געלעגן, האָבן אַזש אַ שפּרונג אונטער געטאָן.

נאָך אַ קורצן ישוב הדעת, האָט איטשעלע קובאַץ אַרויסגע־טראָגן דעם פּסק, דאָס היות ר׳ תנחום איז נישט שולדיק דערין וואָס ר׳ ישראל יאַנקלס ברידער אַרבעטן נישט אוים קיין ווייכע לעדער, איז ער פּטור פון באַצאָלן.

*

אַלע וואָס האָבן זיך צוגעהערט צו דער דין-תורה זענען געבליבן שטיין ווי געפּלעפטע. נאָך אַ רגע שטילשווייגן, האָט ר׳ ישראל יאַנקל דער ערשטער זיך צעלאַכט. ער האָט הנאה געהאַט פון דעם פלינקן, שאַרפן קאָפּ פון ר׳ תנחומען. ר׳ ישראל יאַנקל איז געווען אַ ייד אַ בן-תורה און שטאַרק ליב געהאַט חריפותן. אים איז געפעלן געוואָרן דער חריפותדיקער, פּשטלדיקער דריי פון ר׳ תנחומען און ער איז איצט גרייט געווען פאַר דעם שאַרפן זאַג, צו באַצאָלן טאָפּלט, וויפל ס׳האָבן אים געקאָסט ר׳ תנחומס שטיוול.

נאָר ר׳ זלמן האָט נישט אויסגעהאַלטן. ער האָט נישט געהערשט איבער זיך, אין גאַנצן אַרויס פון די כלים. ער האָט געשריגן ווי אַ באַנומענער, אַז דאָס איז עיוות הדין, אַז דער קליינער איטשעלע קובאַץ באַגייט זיך מיט דער תורה מעשה קונדאָס, אַז ביי דעם עוכר ישראל איז אַלץ, תורה און חסידות, נישט מער ווי אַן ענין אויף הלצות, אַז מען דאַרף דעם קליינעם איטשעלע קובאַץ עוקר מן השורש צו זיין, אַז מען דאַרף אים קורע כדג זיין, אַז מען דאַרף אים לייגן אין חרם אַריין, אַז מען דאַרף אים כאַטש „כ׳ווייס-נישט-וואָס טאָן״!

אָבער קיינער האָט זיך צו ר׳ זלמנס געשרייען און טענות נישט צוגעהערט. פון דעם משונהדיקן פּסק איז עפּעס אַלע באַפאַלן אַ ווילדע, נישט פאַרשטענדלעכע שמחה. ר׳ ישראל יאַנקל האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע דעם ביימל און אַראָפּגעשיקט דעם שמש, הערש-חיימען, נאָך לעקעך און בראָנפן, לשם פּיוס, בכדי זיך איבערצובעטן מיט ר׳ תנחומען.

און ווען אַלע אין שטיבל האָבן געטרונקען דעם בראָנפן און פאַרביסן מיט לעקעך, האָט ר׳ זלמן נישט געוואָלט צוגיין צום טיש. ער האָט נישט טועם געווען נישט פון לעקעך און נישט פון בראָנפן.

דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט ר׳ זלמן זיך אָפּגעזאָגט פון נעמען אַ טרונק בראָנפן צוזאַמען מיטן עולם.

ערשט דעמאָלט האָט ר׳ תנחום, וועלכער האָט גוט געוווּסט, אַז דאָס האָט ר׳ זלמן אונטערגעהעצט ר׳ ישראל יאַנקלען אים צו רופן צו אַ דין־תורה, אַרויס אויף ר׳ זלמנען מיט אַ ירגזון.

— יאָ! — האָט ער געשריגן, — פאַר מיר איז אַלע מול געווען קלור, אַז זלמן איז נישט קאַ חסיד, נאָר עפּעס אַ גלגול פון אַ מתנגד. אַ סך מול האָב יעך געזען ווי ער דרייט זעך אַראָפּ פין עולם אין דאַוונט ביחידות. אָבער פין נישט דאַווענען מיטן עולם ביז נישט וועלן נעמען אַ טרינק בראָנפן מיטן עולם, איז אַ גרויסער מהלך! פאַר אַן אמתן חסיד איז טאָזנט מול ערגער נישט וועלן טרינקען מיטן עולם אַ ביסל יי״ש, ווי דום נישט דאַווענען מיטן עולם! יעצט האָט ערשט זלמן באַוויזן זיין אמת מתנגדיש פּרצוף, ווּס איז פאַר מיר שוין לאַנג נישט קאַ סוד. פאַר אַנדערע האָט זעך דער צבויאַק געקענט פאַרשטעלן, אָבער נישט פאַר מיר, תנחומען.

ווי נאָר ר׳ תנחום האָט אָנגעהויבן שרייען, האָט ר׳ זלמן זיך פאַרשטעלט מיט די הענט די אויערן און אַרויסגעלאָפן. ער איז אַריין אין דער דריטער שטוב אַריין. ר׳ זלמנען איז נישט אָנגע־גאַנגען וואָס ר׳ תנחום זאָגט וועגן אים. ער האָט נאָר נישט געוואָלט הערן זיין קול, אַזוי דערווידער איז עס אים געווען.

ווי נאָר ר׳ תנחום האָט געענדיקט זיין קיטרוג, זיין באַשולדי־קונג קעגן ר׳ זלמנען, איז ער פון דעסטוועגן פון גרויס אויפגע־לייגטקייט וואָס ער האָט געוווּנען די דין־תורה, געוואָרן זייער ברייטהאַרציק, ער האָט זיך אָנגערופן צום עולם: — הערטס, לאָמיר איבערלאָזן פאַר זלמנען אַ ביסל שפּערטעס אין פלעשל. ווען ס׳וועט אים פאַרגיין דער כעס, זאָל ער כאָטש הובן מיט ווּס זיך צי דערכאַפּן דום האַרץ.

און אַזוי האָט מען געטאָן. ווען דער עולם איז זיך צעגאַנגען, האָט דער שמש, הערש־חיים, אַריינגעטראָגן ר׳ זלמנען דאָס ביסל ספּירט אין פלעשל און צו אים געזאָגט: — ני, זלמן, דו האָסטי דאָן חלק שפּערטעס ווּס דער עולם האָט איבערגעלאָזט פאַר דאַ־נעצוועגן.

אָבער ר׳ זלמן האָט זיך צום בראָנפן נישט צוגערירט. אַ לענגערע צייט איז דאָס ביסל ספּירט געשטאַנען אין פלעשל אויף אַ פענצטער אין שטיבל.

*

איין מאָל, ווען ר׳ זלמן איז אין אַ גרויסן פראָסט אַראָפּגעגאַנגען אויפן הויף, האָט ער זיך שטאַרק צוגעקילט און באַקומען אַ שווערן, מאַטערנדיקן הוסט. ער האָט זיך מיטן הוסט געשטיקט און שווער געעטעמט.

ר׳ תנחום איז אַחוץ „אויסערן־מיניסטער" פון אונדזער שטוב געווען אויך אַ גרויסער ספּעציאַליסט אויף שטעלן באַנקעס. ווען עמעצער פון דער שטיבל־אָרעמקייט האָט זיך פאַרקילט, האָט אים ר׳ תנחום געשטעלט באַנקעס. דאָס דאָזיקע שליחות פלעגט ער טאָן אין גאַנצן בחינם, אָן אַ גראָשן געלט. אַפילו די באַנקעס האָט ר׳ תנחום געהאַט געקויפט פאַר זיין אייגן געלט.

איצט, ווען ר׳ תנחום האָט געהערט ווי ר׳ זלמן הוסט, ווי דאָס הוסט־שטיקעניש מאַטערט אים, איז ער נאָך מעריב צו אים צוגעגאַנגען און צו אים געזאָגט: — זלמן, אין אַ צוויי־דריי שעה אַרים וועל יעך קימען אין דיר שטעלן באַנקעס.

ר׳ זלמן האָט דערויף גאָרנישט געענטפערט.

ווען ר׳ תנחום איז אַרויפגעקומען אין שטיבל אַריין מיט אַ גרויסער, רויטער נאָז־פאַטשיילע מיט באַנקעס, האָט ער ר׳ זלמנען שוין געטראָפן אַ ליגנדיקן. אויף אַ בלויזן שטרויזאַק, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט אויף צוויי צונויפגערוקטע שטיבל־בענק, איז געלעגן ר׳ זלמן. אונטערן קאָפּ אָן אויסגעריבן קישן און צוגעדעקט מיט אַ צעצויטלטן זכר פון אַ וואַטענער קאָלדרע, אויף וועלכער ס'איז געווען פאַרוואָרפן זיין פאַלטן.

ר׳ תנחום האָט צעשטעלט די באַנקעס אויף אַ דערנעבן־שטייענדיקער באַנק; ער האָט אַרויסגענומען פון פאַלטן־קעשענע אַ העלצל און אַרומגעוויקלט אַרום אַ שטיקל וואַטע, וואָס ער האָט אַרויסגעצויגן פון ר׳ זלמנס צעצויטלטער קאָלדרע; אָנגעצונדן אַ שטיקל ליכט און עס צוגעטריפט צו דער באַנק, אויף וועלכער

ס׳זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט די באַנקעס; געהייסן ר׳ זלמנען זיך איבערדרייען, פאַרשאַרט אים דאָס העמד מיטן לייבל און איינגעשמירט זיין דאַרע, צעהויקערטע פּלייצע מיט וואַזעלין.

ליגנדיק מיטן פּנים אַראָפּ, האָט פון דעסטוועגן ר׳ זלמן מיט איין אויג דערבליקט, ווי ר׳ תנחום נעמט דאָס פלעשל מיטן ביסל ספּירט פון נאָך דער דין־תורה, רוקט אַריין דאָס העלצל אין פלעשל אַריין, טונקט איין אינעם ספּירט די וואַטע פון אַרום דעם העלצל, און צינדט עס אָן ביים ברענענדיקן שטיקל ליכט.

נאָכן שטעלן יעדע דריי־פיר באַנקעס, האָט ר׳ תנחום אויסגעלאָשן מיט אַ בלאָז פון מויל די ברענענדיקע וואַטע. דערנאָך האָט ער ווידער גענומען אין האַנט אַריין אַ דריי־פיר באַנקעס, ווידער אַריינגעשטעקט דאָס העלצל מיט דער וואַטע אינעם פלעשל מיטן ביסל ספּירט און עס אָנגעצונדן. ביי די לעצטע עטלעכע באַנקעס איז שוין דאָס פלעשל געווען אָן אַ טראָפּן ספּירט.

ווען ר׳ זלמן איז געלעגן מיט די באַנקעס ווי אַ פּאַרקאַוועטער, ווי אַן אַרומגענומענער מיט אַן אייזערנער רייף און קוים געקאָנט אָן אָטעם טאָן, האָט זיך ר׳ תנחום צו אים אָנגערופן:

— זעי, זלמן, דאָן גאַנץ פּאַרקילעכץ איז אָן עונש פאַר דאָן נישט וועלן טרינקען נוך דער דין־תורה קאָ ביסל בראָנפן מיטן עולם. אין ערשט יעצט, מיטן שטעלן די באַנקעס, האָט דום פאַרשעימטע ביסל חסידיש שפּערטעם געקריגן אַ תיקון.

ר׳ זלמן האָט מער נישט געקאָנט ווי אַ ברום טאָן, און געבליבן ליגן מיט דער פולער פּלייצע באַנקעס — אַ שווייגנדיקער...

ר׳ תנחום וויל אַ גט...

אייגנטלעך קאָן מען נישט זאָגן, אַז ר׳ תנחום וויל אַ גט. ער האָט נישט געוואָלט. געוואָלט האָבן דאָס נאָר זיינע נאָענטע, די חסידים פון דעם שטיבל, ווו ער האָט געדאַוונט, און דער עיקר איטשעלע קובאַץ, דער גבאי ר׳ שלמה, וועלכער האָט געפילט אַן אחריות פאַר אַלע מתפללים פון שטיבל, ר׳ ישראל יאַנקל, וועלכער האָט בכלל נישט פאַרטראָגן קיין עוולות, און אַ סך אַנדערע. ר׳ זלמן האָט זיך פון דעם גאַנצן ענין געהאַלטן פון דער ווייטנס. יאָ גט — נישט גט. אין זיין ביטול צו ווייבער האָט ער מבטל געווען דעם גאַנצן ענין. בדרך הלצה האָט ער אַ מאָל געזאָגט, אַז אין סדר נשים גייט די מסכת „גיטין" פאַר „קידושין", אַז אייגנט־לעך וואָלט געווען אַ יושר זיך צו גטן נאָך איידער מען האָט חתונה...

זינט ר׳ תנחום האָט זיך פורש געווען פון זיין ווייב, איז ער ווי אויפגעלייזט געוואָרן. ס׳איז פון אים אַוועק די גאַנצע געקרענקט־קייט, די גאַנצע גערייצטקייט. ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין הריפותדיקן לערנען, און אויך געווען פריילעך, לעבעדיק, אויפגע־רוימט. ס׳האָבן זיך אים אָנגעהויבן האַלטן קונדסישע שטיק. ער האָט זיך צווישן עולם אויפגעפירט ווי גאָר אַ יונגערמאַנטשיק. ער האָט דעמאָלט אָפּגעטאָן ר׳ ישראל יאַנקלען די מעשה מיט די פּאָר שטיוול. צוליב דער מעשה האָט ר׳ זלמן געקאָכט אויף ר׳ תנחומען, געווען אויף אים אש־להבה. אויך ר׳ ישראל יאַנקל איז געווען אויף אים אין כעס. אָבער גיך האָבן זיי זיך איבערגעבעטן, און איצט איז ר׳ ישראל יאַנקל זיך געגאַנגען אָננעמען ר׳ תנחומס קריוודע ביי זיין ווייב גאָלדע לאהן.

ר׳ תנחום אַליין האָט נישט געוואָלט רעדן מיט זיין ווייב וועגן אַ גט. ער האָט בכלל נישט געוואָלט מיט איר רעדן. זינט

ער האָט זיך פורש געווען פון איר, איז זי אים נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן. ווי נאָר ער איז געזונט געוואָרן פון דער לונגען־אָנצינדונג, האָט ער זיך געקויפט אַן אויסלייג־בעטל, און עס אַוועקגעשטעלט צונויפגעלייגטערהייט אין דער שטוב, ווו די יינגלעך זענען גע־שלאָפן. אויף דעם בעטל האָט ער אַוועקגעלייגט זיין בעטגעוואַנט.

עטלעכע מאָל, ווען ר' תנחום איז ביי נאַכט אַהיימגעקומען, איז דאָס אויסלייג־בעטל געווען אויפגעשטעלט און געבעט. ער האָט חושד געווען, אַז זיין ווייב האָט דאָס געטאָן. האָט ער זיך געקויפט אַ קעסטל מיט אַ שלעסל און אויף ביי טאָג באַהאַלטן דאָרט זיין בעטגעוואַנט, אַז זי זאָל זיך נישט קאָנען דערצו צורירן.

דאָך אָפּגטן זי האָט ר' תנחום נישט געוואָלט. מבייש זיין זי ברבים — דאָס נישט. ער האָט מיט איר געהאַט זיבן קינדער, וועט ער זי גיין גטן? מה דאָך הושע הנביא, וואָס האָט געהאַט אַ ווייב אַ זונה, האָט ער אויף דער פאָדערונג פון כביכול ער זאָל זיך פון איר אָפּשיידן, געענטפערט: רבונו של עולם, כ'האָב מיט איר קינדער, קאָן איך זי נישט דערווייטערן און נישט גטן, — וועל איך, תנחום, אַ פשוטער ייד, אַ פשוטער בשר ודם, נעמען אין אָפּגטן אַ כשרע יידענע, די מאַמע פון מאַנע זיבן קינדער? ניין! — האָט ר' תנחום ביי זיך פעסט אָפּגעמאַכט.

אָבער איטשעלע קובאַץ האָט ר' תנחומען נישט אָפּגעלאָזט, נישט געגעבן קיין מנוחה.

— תנחום, — האָט ער מיט אים אייגגעטענהט, — די גמרא זוגט אין יבמות, אשה רעה מצוה לגרשה, אשה רעה צרעת לבעלה, מהי תקנתיה, יגרשנה ויתרפא, אַ שלעכט ווייב איז אַ מצווה צו גטן. אַ שלעכט ווייב איז ווי קרעץ פאַר איר מאַן. וואָס איז דער תיקון? זאָל ער זי אָפּגטן און ער וועט אויסגעהיילט ווערן.

אָבער ר' תנחום האָט נישט גערן געהאַט זיך באַנוצן מיט אימרות פון דער גמרא, וואָס האָבן אין זיך עפּעס שאַרפס, אַכזריות־דיקס לגבי אַ צווייטן, דווקא דאָס, וואָס ר' זלמן האָט אַזוי ליב געהאַט. ער האָט געענטפערט: — איטשעלע, האָב נישט קאַ טבע דווקא

צי ברענגען אַזעלכע גמרות. דערמאָן זעך וואָס די גמרא זאָגט אין גיטין „כל המגרש אשתו ראשונה אפילו מזבח מוריד עליו דמעות", ווער ס׳גט אָפּ זיין ערשטע ווייב, טוט אַפילו דער מזבח פאַרגיסן איבער אים טרערן. — איטשעלע, יעך וויל נישט מען זאָל איבער מיר ווייגען.

איטשעלע קובאַץ האָט זיך אָבער איינגעביסן אין ר׳ תנחומען. ער האָט אים נישט אָפּגעלאָזט, נאָכגעגאַנגען און געהאַלטן אין איין אַריינרעדן אין אים. ער האָט צו אים גערעדט, אַז אַ ייד, בפרט אַן אָפּגעהיטענער, ווער שמועסט נאָך אַ חסיד, טאָר נישט זיין אָן אַ ווייב.

— תנחום, דוס קען דיך ברענגען צי הירהורים רעים, צי שלעכטע געדאַנקען, רחמנא ליצלן. תנחום, דער שטן שלאָפט נישט! ער וואַרט נאָר אָף אַזאַנעם ווי די. תנחום, על תאמין בעצמך עד יום מותך, זאָלסט נישט גלייבן אין זיך ביזן טאָג פון דיין טויט. גרעסערע פאַר דיר זענען אין אַזעלכע זאַכן נכשל געוואָרן. לילית קען איר מלאכה. זי האָט עפּעס מערם פין דיר פאַרפירט אין שאול תחתית אַראָן. תנחום, די אַליין זאָגסט אין בעטסט אַלע טוג אל תביאני לידי נסיון, ברענג מיך נישט צי קאָ נסיון, אין די אַליין שטעלסט דעך אָם אָפן גרעסטן נסיון וואָס איז פאַראַן אָף דער וועלט. תנחום, וואָס טיט זעך מיט דיר? אויב אַ נזיר ווערט אונגערופן חוטא, זינדיקער, מכל שכן אַ פּרוש. אויב די קענסט נישט ציריק ווּינען מיט דאַן וואַב, אַזוי ווי אַלע מענטשן פירן זעך, טאָ גט זעך אין די וועסט נאָך חתונה הובן. דוס איז דער איינציקער, גלאַטער וועג פאַר אַן אופגעהיטענעם ייד. דוס איז נישט בלויז מאַן דעה, אַלע חסידים אין שטיבל זענען אין דער זעלבער דעה.

— וואָס, די טראַכסט וועגן די קינדער — האָט איטשעלע אונטערגעכאַפּט ר׳ תנחומס אַ באַהאַלטענעם געדאַנק — דאַנע קינדער גייען סאַ ווי סאַ נישט אין דאַנע וועיגן, די טראַכט וועיגן זעך. ראַטעווע דאַן אייגענע נשמה.

דאָס, וואָס ער איז געבליבן, נאָכן פּורש זיין זיך פון ווייב,

אין דער זעלבער דירה, כאָטש אין אַן אַנדערער שטוב, צוזאַמען מיט זיינע יינגערע קינדער, דאָס אַליין איז געווען פאַר ר׳ תנחומען אַ גרויס אָפּקומעניש. איצט, ווען איטשעלע קובאַץ האָט אין אים יעדן טאָג לאַנג אַריינגערעדט וועגן דעם גרויסן נסיון, אויף וועלכן ער שטעלט זיך אויס מיט זיין פּרישות, האָט ר׳ תנחום אָנגעהויבן ווערן אומרויִק. ער האָט פאַרלוירן די זיכערקייט אין זיך. די פריי־לעכקייט פון דער ערשטער צייט פון זיין פּרישות, ווען ער האָט זיך געפילט ווי אַ באַפרייטער פון אַ תפיסה — איז פון אים פאַר־שווונדן. ער האָט אָנגעהויבן אַרומגיין אַ טרויעריקער, געווען אָפט אין טיפער עצבות. און געוווּסט האָט ר׳ תנחום, אַז עצבות קאָן ברענגען דעם סאַמע אָפּגעהיטסטן צו דער ערגסטער עבירה.

פון איטשעלעס רייד וועגן יצר־הרע, שטן און לילית, פלעגט איצט ר׳ תנחום אין גאַנצן אויפציטערן. אַלץ אין אים האָט זיך געוואָרפן, ווי אין אַ קדחת, ער פלעגט טייל מאָל קלאַפּן אַ צאָן אין אַ צאָן. און געפילט האָט ר׳ תנחום, אַז ער ציטערט אין גאַנצן נישט נאָר פון פּחד פאַר אַ נסיון, נאָר אויך פון גלוסטונג, פון תאווה, וועלכע איטשעלעס רייד וועגן נסיון און זינד, צינדן אין אים אָן.

נאָך לאַנגע אַריינרעדענישן אין אים, האָט ר׳ תנחום אַ פאַר־יאושטער זיך אָנגערופן צו איטשעלען:

— יעך וועל מיט איר נישט רעדן וועגן דעם. נאָר אויב עטץ ווילט דורכאַס, טאָ גייטס אין רעדטס.

*

אין איינעם אַן אין דער פרי זענען ר׳ שלמה גבאי, ר׳ ישראל יאַנקל און איטשעלע קובאַץ, אַרויפגעקומען צו ר׳ תנחומס ווייב אַ שמועס טאָן מיט איר.

נאָך דעם ווי גאָלדע לאה האָט געזען, אַז אַלע אירע פּרוּוון צו דערנענטערן איר מאַן צו זיך, ער זאָל איר כאָטש בלויז ענטפערן מיט אַ וואָרט אויף אירע ווענדונגען צו אים, האָבן נישט באַוויזן צו רירן אויף כי־הוא־זה זיין באַשלוס זיך אָפּצושיידן פון איר,

נישט צו האָבן מיט איר קיין שום מגע־ומשא, נישט אַרויסצורעדן אַפּילו אַ וואָרט צו איר, איז זי אַריינגעפאַלן אין אַ צאָרנדיקער פרומקייט.

דאָס נעמען פאַרן דאַווענען אַ גלאָז באַווארקע מיט לעקעך, וואָס דער עלטסטער זון פלעגט איר יעדן אין דער פרי דערלאַנגען אין בעט אַריין, האָט זי שוין לאַנג אָפּגעשאַפט, באַלד צו מאָרגנס נאָך דעם ווי ר׳ תנחום האָט געכאַפּט דאָס קישן מיט דער קאָלדרע און אַנטלאָפן פון שלאָף־חדר. איצט שטאָט אַלע מאָל נעמען עפּעס אין מויל אַריין, האָט זי זיך גאָר געפלייסט אין תעניתים.

זי האָט גענומען אויף זיך צו פאַסטן בה״ב, מאָנטיקס און דאָנערשטיקס. זי האָט געהאַט שלעכטע חלומות און אָפט געפאַסט אַ תענית־חלום. ווען זי האָט געהאַט אַ שלעכטן חלום אום שבת — האָט זי אַפּילו געפאַסט אום שבת. אַזוי ווי אום שבת טאָר מען נישט פאַסטן, האָט זי געפאַסט זונטיק פאַר דעם חטא, וואָס זי האָט געפאַסט אום שבת. און אַזוי האָט זיך געצויגן ביי איר אַ קייט פון תעניתים. בלויז ביי נאַכט פלעגט זי עפּעס אָפּעסן, אַ גריץ, אָדער אַ גלאָז קאַווע, אין וועלכער זי האָט געטונקען פאַרדאַרט ברויט.

גאָלדע לאה איז פון שטענדיק אָן געווען אַ דאַרע, פלאַטשיקע, ביינערדיקע יידענע. נאָר די נאָז איז געווען ביי איר אַ גרויסע און פליישיקע. איצט איז דאָס ביסל פלייש פון דער נאָז אויך אַראָפּ, זי איז געוואָרן לאַנג, דאַר און פאַרשפּיצט. גאָלדע לאה האָט אין גאַנצן אויסגעזען ווי אַ מאַנצפּערשוין, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ נקבה.

מען האָט געזאָגט אויף איר, אַז זי טראָגט לעצטנס אַ טלית־קטן אונטערן קלייד. אין אַ קורצער צייט האָט זי זיך אויסגעלערנט גאַנץ תהילים אויף אויסנווייניק. זי האָט זיך געהאַלטן אין איין אָפּגיסן די הענט מיט גרויסע שעפּערס וואַסער. זי האָט כסדר באַוועגט מיט די ליפּן און זיך נישט צעשיידט מיטן גרויסן כל־בו־סידור.

די עלטערע קינדער האָט זי געמוסרט מיט שאַרפע רייד, די

יינגערע האָט זי פאַר דעם מינדסטן נישט־פאָלגן זיך, אָדער פאַר נישט קלאָר אַרויסזאָגן די ווערטער פון אַ ברכה, געגעבן קלעפּ, טייל מאָל געשלאָגן מכות רצח. זי האָט שוין מער קיין מאָל אירם אַ קינד קיין קוש נישט געטאָן. אירע דינע, טרוקענע ליפּן זענען שוין מער נישט געווען מסוגל דערצו.

מיט אירע שוועסטערן און זייערע משפחות האָט זי זיך נישט געזען, מיט שכנות האָט זי כמעט נישט פאַרטוישט קיין וואָרט. אין געוועלבל און אין יאַטקע האָט זי געשיקט די קינדער. זי איז געזעסן אין שטוב, באַוועגט מיט די ליפּן און געמישט די בלעטער פון דיקן סידור.

דאָס גרעסטע אָפּקומעניש איז געווען פאַר איר, ווען זי האָט באַקומען די צייט. זי האָט זיך דערמיט געשעמט. ס'איז איר נאָר געווען אַ פּיין און אַ ווייטיק. ווען זי האָט באַדאַרפן דערנאָך גיין אין מקווה אַריין, איז זי געלאָפן פאַר טאָג, ווען קיינער איז נאָך נישטאָ.

ווען ס'איז געווען אין דרויסן שיין, סיי זומער און סיי ווינטער, איז זי געזעסן אין פינצטערן אַלקער און ביי אַ פּיטשעדיק קאַגאַניקל געמישט די בלעטער פון סידור. ווען ס'האָט גערעגנט אין האַרבסט, אָדער ווינטער, ווען ס'איז געווען אַן אָדווילזש, דער שניי האָט אָנגעהויבן זיך צעגיין, און וואַסער איז גערינען פון די דעכער און קאַרניזן, האָט זי ליב געהאַט זיצן ביים פענצטער און קוקן שעהען לאַנג אויף דעם וואָס טוט זיך אין דרויסן. זי האָט זיך דערפון אַרויסגעפירט איר מוסר־השכל: — ווען דער רעגן איז אין דער הייך — איז ער ריין און וואַשט אַלץ מיט זיך אַרום. אָבער ווען ער פאַלט אויף דער ערד, ווערט פון דעם זעלבן ריינעם רעגן — בלאָטע. דערפון איז געדרונגען, אַז מען דאַרף זיך האַלטן וואָס העכער פון דער ערד...

אַזוי איז עס געווען מיט גאָלדע לאהן. זי האָט מיט יעדן טאָג זיך געהאַלטן וואָס מער דערווייטערט פון דער ערד און פון ערדישע ענינים.

*

אין איינעם אַ טריבן טאָג, זענען דריי חסידים פון אַלעקסאַנדער שטיבל, ווו ס׳האָט געדאַוונט ר׳ תנחום, אַרויפגעקומען צו גאָלדע לאָהן רעדן מיט איר וועגן אַ גט. דער אָנפירער פון דער משולחת איז געווען איטשעלע קובאַץ.

זיי האָט געעפנט די טיר אַ מיידל פון אַ יאָר צען. די טיר פון פאָדערהויז האָט געפירט גלייך אין קיך אַריין. אין דער קיך איז געווען קאַלט און אָפּגעלאָזן. ס׳האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן די שפּאָרע צאָל האַלב-צעבראָכענע כלים. ס׳האָט אויסגעזען, ווי אין דער דאָזיקער קיך וואָלט מען נישט געקאָכט קיין ביסל וואַרעמס.

אויף ר׳ ישראל יאַנקלען, וואָס איז געוווינט געווען צו זיין וואַרעמער שטוב, צו זיין געטריי ווייב און איבערגעגעבענע קינ-דער, האָט די אָפּגעלאָזנקייט און פאַרוואָרלאָזטקייט, וואָס האָט זיך מיט איין מאָל אַנטפּלעקט פאַר זיינע אויגן, געמאַכט אַ שווערן רושם. ס׳האָט אים אַ שטאַרקן קוועטש געטאָן ביי זיין קראַנק האַרץ. מיט זיין גרויסער האַנט האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אויף דעם קליינעם איטשעלעס אָן אַקסל, און געבליבן אַזוי שטיין אַ רגע אומבאַוועגלעך, בכדי איבערצוכאַפּן דעם אָטעם.

איטשעלע קובאַץ האָט געזען וואָס ס׳טוט זיך מיט ר׳ ישראל יאַנקלען. ער אַליין פלעגט קומען אין פאַרשידענע שטובן, אָרעמע און רייכע, שיין און ריין אויפגעהאַלטענע און אָפּגעלאָזענע. ער האָט געוואָלט גיך פאַרענדיקן די פיינלעכע פאַר ר׳ ישראל יאַנקלען לאַגע, און זיך געוואָנדן צום מיידעלע כמעט מיט אַ געבייזער:

— ווי איז די מאַמישי?

דאָס מיידעלע האָט געקוקט פאַרוווּנדערט אויף דעם קליינעם יידעלע מיטן רויטן בערדעלע. כאָטש זי האָט אים געקענט, וואָרעם ער פלעגט אַ מאָל אַרויפקומען צו זיי, האָט זי זיך איצט געשראָקן פאַר זיין כעס. זי האָט געענטפערט שטיל:

— די מאַמישי דאַוונט אין אַלקער.

— גיי אַראָן אין זוג די מאַמישי, אַז דרא חסידים פין שטיבל זענען געקימען מיט איר רעדן!

דאָס מיידעלע איז אַרויס פון קיך. די דריי חסידים זענען אריין אין אַ ווייטערדיקער שטוב. ס׳איז דאָרט געשטאַנען אַ טיש מיט עטלעכע געפלאָכטענע שטולן, וואָס ביי אַמייסטן פון זיי איז דאָס זיצאָרט געווען אויסגעריסן און ס׳האָבן נאָכגעהאָנגען די צויטן פון דעם הארטן שטרוי. ביי די ווענט זענען געשטאַנען נישט קיין צוגעבעטע בעטן, פון וועלכע ס׳האָט זיך געטראָגן אַ טוכלע ריח פון נישט געלופטערט בעטגעוואַנט.

ר׳ ישראל יאַנקלען האָט פאַרפעלט לופט. ער האָט אַ פאַר־צווייפלטן בליק געטאָן אויף איטשעלע קובאַץ. איטשעלע האָט זיין קליינע אָבער פלינקע האַנט אַרויפגעלייגט אויף ר׳ ישראל יאַנקלס גרויסע, שווערע ווי געליימטע האַנט — און אים געפרווּוט באַרוּיקן.

ס׳האָט גענוג לאַנג געדויערט ביז ס׳האָט זיך געעפנט די טיר פון אַלקער און ס׳האָט זיך באַוויזן אין איר גאָלדע לאה, אַרומגע־רינגלט מיט אירע דריי יינגסטע קינדער.

ר׳ שלמה גבאי און ר׳ ישראל יאַנקל האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, אָבער דער קליינער איטשעלע קובאַץ, וואָס האָט געהאַט אַ טבע אַלץ צו וועלן זען, אַלץ צו וועלן וויסן, האָט אַ שאַרפן, זייטיקן בליק געטאָן אויף גאָלדע לאהן.

ער האָט דערזען, אַז די יידענע איז אין גאַנצן נשתנה געוואָרן, אין גאַנצן פאַרענדערט. זי איז גאָר נישט די זעלבע, האָט ער אַ טראַכט געטאָן. אין גאַנצן אוים מענטש. ער האָט דערבליקט אין איר די מאַנצבילישע הארטקייט, און באַלד געקומען צו דער מסכנה, אַז זייער קומען רעדן מיט איר איז אַן אַרויסגעוואָרפענע טירחה.

ער האָט זיך דאָך אָנגערופן: — זאָטס אַזוי גיט אין נעמט אַך אַ שטיל, מיר ווילן מיט אַך עפּעס רעדן.

— ר׳ יינגערמאַן, — האָט גאָלדע לאה געזאָגט צו אים, — ס׳איז נישט קאַ דרך־ארץ. לאָזט רעדן עלטערע פאַר זיך.

ר׳ שלמה גבאי האָט אָפּגעהוסט, זיך אָפּגעווישט די ליפּן מיט דער רויטער נאָז-פאַטשיילע און מיט אַ קרעכץ אָנגעהויבן:

— מיר זענען געקימען רעדן מיט אָך וועגן תנחומען.

— תנחומען, תנחומען — האָט גאָלדע לאה איבערגעחזרט עטלעכע מאָל, מרוזשענדיק דערביי די אויגן, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט דערמאָנען וועגן עפּעס אַ לאַנג פאַרגעסנס. זינט זי האָט געזען, אַז תנחום האָט זיך אין גאַנצן דערווייטערט פון איר, קוקט זיך אויף איר נישט אום, און ענטפערט איר מיט קיין וואָרט נישט, האָט זי זיך ווי אָפּגעשיידט פון אים אַפילו אין דער מחשבה. ער האָט ביי איר אויפגעהערט זיין נישט נאָר אין הווה נאָר אויך אין עבר, ווי אַ חלום וואָס איז פאַרשוווּנדן. זי וואָלט אַפילו נישט געקאָנט זאָגן, צי איז דער חלום געווען אַ גוטער, אָדער אַ שלעכטער. זי האָט אויף די אייגענע קינדער אַפּט מאָל געקוקט מיט אַ פרעמדן בליק. זי האָט זיך אויפגעהערט פאַרנעמען מיטן קאָכן, נישט אַריינגעשמעקט אין דער קיך אַריין. ווען די עלטערע קינדער פלעגן צוריקקומען פון דער אַרבעט, האָבן זיי זיך געשטעלט עפּעס אָפּקאָכן, אָנקאָרמען די יינגערע קינדער און אויך דער מאַמען דערלאַנגען אַ טעלער וואַרעם עסן, וואָס נישט אַלע מאָל האָט זי עס געגעסן.

זי איז אין גאַנצן געווען אַריינגעטאָן אין תפילות און אין תחינות, געקוקט אויף די מענטשן ווי אויף זינדיקע באַשעפענישן און האָט געזען די וועלט ווי אַ ריזיקן זאַק פול מיט חטאים און עוונות.

איצט האָבן זי די דריי יידן אַרויסגעריסן פון איר וועלט, די וועלט פון תהילים און תענית. זיי האָבן איר דערמאָנט אין עפּעס זייער ווייטס, וואָס איז נישט געווען נישט גוט און נישט שלעכט, נאָר פול מיט צער.

מיט אַ פּנים פון אַ מענטש, וועלכן מען טוט אָן ווייטיק, האָט זיך גאָלדע לאה געפרעגט:

— אין וואָס ווילט עץ רעדן וועגן תנחומען?

— מיר, ס'הייסט ער — מיר ווילן מיט אַך רעדן וועגן אַ גט.

מיט אַ מאָל האָט זיך אין איר אָנגעצונדן אַ פאַרלאָשענער כעס, וואָס האָט, זעט אויס, נאָך ערגעץ ווו אין איר געטליִעט. מיט אַ בליציקער שאַרפקייט האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— איז ווער וויל רעדן וועגן אַ גט, עַך אָדער ער?

ר' שלמה גבאי האָט זיך פאַרלוירן, נישט געקאָנט ביישטיין גאָלדע לאהס דורכדרינגלעכקייט. אָבער איטשעלע קובאַץ, וואָס איז געווויינט געווען צו רעדן מיט ווייבער, און כאָטש נאָך אַ יונ־גערמאַן, האָט ער שוין נישט אין איין גט געהאָט זיין חלק, האָט זיך אויך דאָס מאָל אָנגענומען מיט קוראַזש.

— ס'רעדט זעך אַזוי „מיר", — האָט ער זיך אָנגערופן. — ס'הייסט, אַ פאַרפאַלק, אַז ס'טויג נישט, דאַרף זעך גטן.

— ר' איטשעלע — האָט גאָלדע לאה געזאָגט זיפנדיק יעדעס וואָרט, — אין פין וואָנען ווייסט איר דוס, ווּוס איז גיט אין ווּוס ס'טויג נישט?

— תנחום האָט אַלץ דערציילט.

— אויב תנחום האָט אַך דערציילט, ווייסט עַך דאַך. טאָ פין וועַן און דאַרף דוס אַ יידענע געבן דעם מאַן אַ גט, אין נישט דער מאַן דעם וואַב?

ר' ישראל יאַנקל האָט אָנגענומען דעם קליינעם איטשעלען ביי דער האַנט, ווי אַ סימן, אַז ער זאָל שווייגן, און אַליין האָט ער זיך אָנגערופן, מיט דעם קול און אויף דעם איידעלן אופן, וואָס האָט אַלע מאָל געוועקט צו אים רעספעקט:

— תנחום האָט, חלילה, נישט דערציילט וועגן אַך אַזוינס, אַז ס'זאָל אַך קימען אַ גט. נאָר פּשוט, אַ פאַרפאַלק ווּוס לעיבט נישט גיט צווישן זעך, דאַרף זעך גטן.

— ווּוס הייסט? — האָט גאָלדע לאה אָנגעקוקט ר' ישראל יאַנקלען מיט אַ דערשראָקענעם בליק. — ס'הייסט ס'איז נישט געווען גיט? ס'איז נישט געווען גיט, ס'איז נישט געווען שלעכט, ס'איז געווען אַזוי ווי דער רבונו של עולם האָט געוואָלט. וואָרעם

אַ מענטש טוט נישט קאַ ריר מיט קאַ פינגער אינטן, אױף דער ערד, אויב ס׳איז פריִער נישט נגזר געוואָרן אויבן, אין הימל. איר ווייסט דוס בעסער פין מיר, ר׳ ישראל יאַנקל.

— אָבער דער מענטש איז דאָך אַ בעל־בחירה, ער קען גיין אויפן גיטן אין, חלילה, אויפן שלעכטן וועיג — האָט ר׳ ישראל יאַנקל געוואָלט זי אָפּווענדן.

— אַ בעל־בחירה איז דער מענטש נאָר אױף אַזוי פיל, כדי ער זאָל קאָנען קריגן שכר פאַר אַ מצווה אין שטראָף פאַר אַן עבירה. אָבער אין דער אמתן קאָן דער מענטש גורנישט טוִען, דוס מינ־דעסטע נישט און דעם רצון פין בורא־עולם, — האָט גאָלדע לאה פאַרענדיקט מיט איר באַסאָװער מענער־שטים מעשה פוסק, שאָק־לענדיק דערביי מיט איר לאַנג פנים און שאַרפער גאָמבע.

די דריי חסידים האָבן זיך איבערגעקוקט. זיי האָבן געוווּסט, אַז תנחומס ווייב איז אַ יידענע אַ מלומדת, נאָר אַז זי האָט אַזאַ שאַרפן קאָפּ, אַזאַ תפיסה און אַזעלכע טיפע רעיונות, דאָס איז פאַר זיי געווען אַ גרויסע איבערראַשונג. זיי האָבן נישט געוווּסט וואָס ווייטער טאָן, וואָס איר זאָגן, וואָס מיט איר רעדן?

נאָר דאָס קליינע יידעלע, איטשעלע קובאַץ, נאָר ער האָט זיך נישט פאַרלוירן. ער האָט ווידער אָנגעהויבן ס׳זייניקע:

— תנחום איז נאָך אַ יינגערמאַן, אין ס׳איז נישט יידיש ער זאָל זעך אַרימדרייען און אַ וואַב.

דער כעס, וואָס האָט זיך געהאַט אָנגעצונדן אין גאָלדע לאהן, ווען זי האָט געהערט, אַז זיי זענען געקומען רעדן וועגן אַ גט, און זיך געהאַט אין איר איינגעשטילט ווי נאָר ר׳ ישראל יאַנקל האָט צו איר אָנגעהויבן רעדן, האָט זיך איצט אין איר פריש פונאַנדער־געפלאַקערט. זי האָט מיט איר מאַנסבילערישער שטים אַ געשריי געטאָן:

— יונגערמאַן, זוגט איין מול פאַר אַלע מול, ווּס וויל ער זאָן, תנחום, אַ פרוש צי אַ גרוש?

ר׳ ישראל יאַנקל האָט אַ ווּנק געטאָן צו זיינע צוויי שותפים.

זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט, און ר׳ ישראל יאַנקל האָט זיך אָנגע־רופן:

— אַזאַ שמועס איז נישט אַף איין מול. זאָג אַזוי גיט אין טיט פין דעסטוועגן אַ טראַכט וועגן דעם ווס מיר האָבן גערעדט.

— ווס האָט אַ ווערט דעם מענטשס טראַכטן? אַלץ איז אין די הענט פין דעם, ווּעמענס נומען כ׳בין נישט ווערט אַראָפּצוזוגן.

זיי האָבן מיט פּאַמעלעכע באַוועגונגען אַריינגערוקט די שטולן, אויף וועלכע זיי זענען געזעסן, אויף זייערע פריִערדיקע ערטער ביים טיש, און געזאָגט „אַ גיטן תמיד״. גאָלדע לאה האָט זיך דעמאָלט אָנגערופן צו ר׳ ישראל יאַנקלען:

— זאָטס אַזוי גיט אין געט איבער אַ גריסקע ר׳ ישראל יאַנקלס וואַב.

זי האָט געוווּסט, אַז ר׳ ישראל יאַנקל גיט אָפּ כּבוד זיין ווייב — און זיין ווייב איז פול מיט איבערגעגעבנקייט צו איר מאַן, און גרייסט זיך מיט אים. דערפאַר האָט זי געשיקט אַ גרוס פאַר זיין ווייב. זי האָט געזאָגט „ר׳ ישראל יאַנקלס וואַב״, ווייל זי האָט גוט געהערט, ווי זיי זאָגן איר „עץ״, אָבער קיין איין מאָל האָבן זיי איר נישט געזאָגט „ר׳ תנחומס וואַב״, ווי ס׳איז אָנגענומען ביי חסידים.

דער שאַרפער קאָפּ, וואָס גאָלדע לאה האָט געהאַט, האָט שטענדיק ביי איר געאַרבעט, אַפילו אין די צייטן פון איר ווילדער פרומקייט. אויף דערויף איז זי געווען ר׳ מרדכי בערס טאָכטער, פון אים האָט זי געירשנט דעם חריפותדיקן מוח.

די יונגע קינדער, וועלכע זי האָט געהאַלטן די גאַנצע צייט לעבן זיך, זענען געווען אָנגעשראָקן פון דעם שמועס מיט די חסידים, פון וועלכן זיי האָבן גאָרנישט פאַרשטאַנען. ס׳איז זיי אויך געווען מאָדנע, וואָס די מאַמע זייערע האָט זיי געהאַלטן אַזוי נאָענט לעבן זיך און מיט אַ פאַרטראָגענער צערטלעכקייט עמעצן פון זיי פון צייט צו צייט אַ גלעט געטאָן מיט איר האַרטער, ביינערדיקער האַנט איבערן פּנים.

ווי נאָר די יידן זענען אַרויסגעגאַנגען, האָבן אַלע דריי קינדער אויסגעבראָכן מיט איין מאָל אין אַ געוויין. גאָלדע לאה האָט זיי אָנגעקוקט מיט איר ווייטן בליק. מ׳האָט נישט געקאָנט וויסן, צי קוקט זי אויף זיי מיט כעס, צי מיט רחמנות. נאָך עטלעכע רגעס, האָט זי זיך אָנגערופן: — קינדער, ווייַנטס נישט, כ׳וועל ענק באַלד געבן ציקערלעך.

זי האָט אָנגעהויבן זוכן אויף דער קאָמאָדע, אין קיך־קרעדענצל, אָבער אין ערגעץ גאָרנישט געפונען. האָט זי גענומען דריי שטיקלעך הארטן צוקער, יעדן פון זיי געגעבן אַ שטיקל, און געזאָגט: — נאַ, לעקטס, — און זיי באַרויקט מיט אַ וואַרעמען בליק, וואָס איז געווען אַ פרעמדער, זעלטענער גאַסט אין אירע אויגן.

*

ווען די דריי חסידים זענען געגאַנגען צו זיין ווייב רעדן מיט איר וועגן אַ גט, האָט דאָס ר׳ תנחום זייער גוט געוווּסט, כאָטש זיי האָבן אים וועגן דעם קיין וואָרט נישט געזאָגט. פאַרקערט, אין די טעג פאַרן גיין צו איר, האָבן זיי מיט אים נישט גערעדט וועגן דעם, נישט געפרעגט וואָס זיי זאָלן טענהן, נישט שואל־עצה געווען ביי אים. גאָרנישט. זיי האָבן נאָר געוואָרפן אויף אים אָנגעשראָקענע בליקן, ווי מען קוקט אויף אַ נאָענטן קראַנקן, וועלכער דאַרף דורכגיין אַ שווערע אָפּעראַציע, אָדער אויף עמעצן, וואָס דאַרף שטיין פאַר אַ הארבן משפּט.

ר׳ תנחום האָט אויך געוווּסט, אַז זיי האָבן מיט זייער רעדן מיט איר גאָרנישט געפועלט, גאָרנישט אויפגעטאָן. ער האָט דאָס געדרונגען דערפון, וואָס זיי האָבן זיך געהאַלטן ווייט פון אים, בפירוש אים אויסגעמיטן. אפילו איטשעלע קובאַץ, וואָס פלעגט כסדר אַריינרעדן אין תנחומען וועגן גט, האָט זיך איצט געהאַלטן פון אים פון דער ווייטנס. זיך געמאַכט אים נישט זען.

ר׳ תנחום פלעגט דעמאָלט, אין דער דאָזיקער צייט, זיין זייער אָפט ביי אונדז. ער האָט אין דער וואָכן געגעסן ביי אונדז מיטאָג

און נאַכטמאָל. ס'האָט זיך ביי אים געלאָזט מערקן אַ שנוי, אַן ענדערונג. אַזוי ווי ער פלעגט איצט לערנען שאַרף, חריפותדיק און מיט גרויס חשק, אַזוי האָט ער אויך איצט געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט, מיט הנאה, פּאַסמאַקעווען, זיך נישט אָפּגעזאָגט פון נעמען אַ צולאָג, ער האָט גוט געקייט דאָס עסן, מיט פּאַרטועקייט, און זיך נישט געיאָגט.

און אַ טבע האָט ער באַקומען, אַז ווען ער האָט אָפּגעגעסן, האָט ער אָנגעהויבן קרעכצן, אַז די וועלט איז קאַליע.

צו אונדז פלעגט דעמאָלט אויך אָפט קומען מיין טאַטנס אַ ידיד, ר' עקיבא. ער איז געווען אַן אַלמן, די קינדער חתונה גע־מאַכט, האָט ער געהאַט צייט און גערן פאַרברענגט ביי אונדז. ער פלעגט פאַר נאַכט קומען צו מיין טאַטן אין געשעפט און פון דאָרט זענען זיי ביידע געקומען אַהיים אויף נאַכטמאָל.

ר' עקיבא איז אויך געווען אַן אַלעקסאַנדער חסיד, אָבער זייער אַן עלעגאַנטער ייד. אַ מאָל האָט ער געפירט געשעפטן מיט אויסלאַנד, מיט דייטשלאַנד, פראַנקרייך, ענגלאַנד. אויסגעווען אַ וועלט. געפאָרן אָפט קיין לאָנדאָן, פּאַריז, בערלין. געהאַלטן שטאַרק פון דער דייטשער פּינקטלעכקייט און סאָלידקייט.

כאָטש אַליין אַ חסידישער ייד, האָט ר' עקיבא געקוקט אויף דער וועלט מיט אויגן פון אַן אייראָפּעיִשן מענטש. עפּעס האָט ער נישט געהאַט דעם גאַנצן פּחד פאַר דער וועלט, וואָס ווערט קאַליע. זיינע קינדער זענען שוין אין יידישקייט געווען ווייט פון אים, אָבער געווען שטאָלץ פון זייער טאַטן, וואָס איז אי חסידיש, אי היינטצייטיק.

ווען ר' תנחום פלעגט נאָכן עסן אָנהייבן קרעכצן צוליב דער קאַליעדיקער וועלט, האָט ר' עקיבא געהאַט צו אים אַ טענה:

— תנחום, מילא, ווען די קרעכצסט פאַרן עסן, ווען די קאַליע־דיקע וועלט לאָזט דיך נישט עסן, מאַכט דיר קאַליע דעם אַפּעטיט, פאַרשטיי יעך. אָבער ווען די האָסט זעך שוין גוט אונגעגעסן, ערשט דעמולט נעמסטו זעך צום קרעכצן, אַז די וועלט איז קאַליע. ווּס איז דום פאַרא דרך?

אָבער ר׳ תנחום האָט נישט געלאָזט צו זיך רעדן, ער האָט געשריגן: — יידן, די וועלט גייט אינטער!

מיין מאַמע האָט זיך אַ מאָל אָנגערופן:

— איך האָב געהאַט אַ בובע. ווען זי איז געשטאָרבן איז זי אַלט געווען זעקס און נאַנציק יור. זי האָט דערציילט אַז שוין אין אירע צאַטן, ווען זי איז נאָך געווען יונג, האָט מען זעך געקלוגט, אַז די וועלט גייט אינטער, און פון דעסטוועגן איז די וועלט, חלילה, נישט אינטערגעגאַנגען.

— אייער בובע איז געווען גערעכט, — האָט ר׳ תנחום גע־ענטפערט, — די וועלט גייט שוין זייער לאַנג אינטער. אפשר גייט זי אינטער שוין זינט די יידן האָבן געמאַכט דום עגל, און אפשר נאָך לענגער. אָבער די וועלט איז געגליכן צי אַ שיף, צי אַ שיף ווּס גייט אינטער זייער פּאַמעלעך. יעצט האַלט עס שוין זייער שלעכט. מען זעט שוין נאָר אַראָם דעם שפּיץ פינעם קוימען. אויב דער אייבערשטער וועט, חלילה, נישט רחמנות הובן און נישט אַסלייזן די יידן גור בקרוב, אויב ער וועט נישט טין עפּעס אַזעל־כעס, וואָס זאָל אופראַטעווען דום ביסל יידישקייט, ווער ווייס ווּס פאַראַ אימגליק דום וועט ברענגען, ווער ווייס, ווּס ס׳וועט ווערן מיטן ביסל יידן, אַל אפתח פה לשטן.

איך האָב זיך צוגעהערט צום דאָזיקן שמועס, און מיך האָט אַרומגענומען אַן אומהיימלעך געפיל. דאָס בילד פון דער פּאַמעלעך אונטערגייענדיקער שיף האָט מיך געשראָקן. די גרויסע, געגרונט־פעסטיקטע וועלט האָט פאַרלוירן אין מיינע אויגן אַ סך פון איר אָנזען. מיר האָט זיך אויסגעדאָכטן, אַז כ׳פיל ווי די וועלט שאָקלט זיך, ווי זי נידערט אַראָפּ אין אָפּגרונט.

דעם טאָג האָב איך געהאַט פאַרפעלט צו דאַווענען מנחה־מעריב, וואָס האָט זיך שוין נישט זעלטן געהאַט ביי מיר געטראָפן. אָבער פון דעם שמועס וועגן דער אונטערגייענדיקער שיף, האָב איך באַקומען הרהורי־תשובה, ס׳איז מיך באַפאַלן אַ פרומקייט, כ׳האָב געוואָלט אָפּקומען פאַר דער עבירה.

דערציילן דעם טאַטן, זיך מתוודה זיין פאַר אים, האָב איך נישט געוואָלט, זיך געשעמט. האָב איך אויסגעזוכט אין שטוב אַ רימענטל, זיך פאַרמאַכט אין אַ באַשטימט אָרט, און זיך אַליין אַריינגעצימבלט מלקות.

*

ר׳ תנחום האָט געהאַט אויף וואָס צו קרעכצן. כאָטש דעמאָלט, אין די יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן כמעט אַלע חסידישע טאַטע־מאַמע געקרעכצט. קינדער פון חסידישע הייזער האָבן אָנגעהויבן גיין אויף פרעמדע וועגן. אָבער ר׳ תנחום האָט דאָס געפילט מער ווי אַלע, ווייל זיין גאַנצע שטוב, וואָס איז שוין נישט געווען זיינע, איז געלעגן אין חורבות.

זיין בכור, יאָסל, האָט זיך אָנגעטאָן „דאַטש" און געוואָרן אַ גאַנצער טוער ביי די לינקע פועלי־ציון. מיט אַ מאָל האָט ער אַוועקגעוואָרפן די אַרבעט און געגאַנגען אויף הכשרה, אין אַ פאַרמע הינטער וואַרשע, זיך לערנען ערד־אַרבעט, בכדי קאָנען פאָרן קיין ארץ־ישראל. זיין יינגערער זון מנחם מענדל, וועלכער האָט געאַרבעט ביי טריקאָטאַזש, איז געוואָרן אַ בונדיסט. די עלטסטע טאָכטער חיה שרה, שוין אַ דערוואַקסן מיידל, האָט אויך געאַרבעט ביי טריקאָטאַזש, אָבער כמעט אַלץ וואָס זי האָט פאַר־דינט האָט זי אויסגעגעבן אויף הלבשה.

אין אָנהייב פון די צוואַנציקסטע יאָרן האָט די לאָדזשער מאַ־נופאַקטור־אינדוסטרי, אַן אויסגעפלינדערטע דורך די דייטשע אָקו־פּאַנטן, וועלכע האָבן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה רעקווירירט די סחורות, און אַרויסגעפירט די בעסטע מאַשינען, זיך אָנגעהויבן צוריק אויפצובויען.

ווען ס׳האָבן זיך באַוויזן אויפן מאַרק די בעסערע קאַמגאַרן־שטאָפן און באַסטאָנען, איז פּוילן באַהערשט געוואָרן פון דער מאָדע פון דאַמען־קאָסטיומען, וואָס האָבן געהאַט קורצע זשאַקעטלעך און די ראָקן זענען געווען אין דער טאַליע און דער עיקר ביי די

פים שטאַרק אָפּגעצויגן, שמאָל, אַזוי אַז ס׳האָבן זיך בולט אָנגעזען די היפּטן.

ר׳ תנחומס עלטסטע טאָכטער איז געווען פון די ערשטע צווישן די מיידלעך פון חסידישע הייזער, וואָס האָט זיך געלאָזט אויפניייען אַזאַ קאָסטיום. ר׳ תנחום האָט, פאַרשטייט זיך, וועגן דעם נישט געוווּסט. ער האָט נישט געקוקט אויף נקבות און אפילו נישט אויף זיינע אייגענע טעכטער. אָבער דאָס קליינע יידעלע מיטן רויטן בערדעלע, איטשעלע קובאַץ, ער האָט אַלץ געזען און אַלץ געוווּסט. ער האָט געקענט יעדעס ווייבל און מיידל פון די וואַרשעווער אַלעקסאַנדער חסידים. אָט דער איטשעלע האָט געזען אין גאַס ר׳ תנחומס טאָכטער אין אַזאַ קאָסטיום, און צוגעטראָגן די „בשורה״ איר טאַטן.

ר׳ תנחום האָט געזען, אַז זיין וועלט איז אים לחלוטין איינגעפאַלן, אונטערגעגאַנגען, איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז ער דאַרף זיך דורכוים גטן מיט גאָלדע לאהן, חתונה האָבן, און אויפשטעלן אַ ניי, יידיש דור.

ער האָט זיך געטראַכט, אַז איצט וועט ער שוין וויסן, ווי אַזוי זיך נוהג צו זיין מיט ווייב און קינדער. „אין חכם כבעל נסיון״ זאָגט שלמה המלך. ער האָט שוין איצט דערפאַרונג. שוין אַדורכגעגאַנגען אַלע שבעי מדורי גיהנום. מען פאַלט נישט יעדעס מאָל אַדורך. חס וחלילה.

דווקא איצט, ווען אין חסידישע הייזער האָט דער אַלטער, פרומער לעבנס־שטייגער געקראַכט, די קינדער זענען שוין געגאַנגען אויף אַנדערע וועגן, דווקא דעמאָלט, האָט ר׳ תנחום געוואָלט זיין פון די שומרי־החומות, פון די וואָס היטן די אַלטע מויערן. ער מוז נאָך אויפשטעלן אַ דור וואָס זאָל ממשיך זיין דאָס אמתדיקע, הייסע יידישקייט, וואָס האָט אין אים אַליין, אין ר׳ תנחומען, געקאָכט און געזאָטן.

צום אויפקומען אין אים פון דעם דאָזיקן געדאַנק, צו פאַר־

שטאַרקן זיין חשק, זיין תשוקה דערצו, האָט גורם געווען אַזאַ פאַל:

ר׳ תנחום האָט געהאַט אַ ידיד, אַ סך אַן עלטערן פון זיך, אַ לאָדזשער, וואָס איז געווען אַ מאָל פון די שאַרפע אַלעקסאַנדער חסידים. ער האָט געהייסן ר׳ צדוק האַמער. נאָך דער פטירה פון מיטעלן אַלעקסאַנדער רבין, פון דעם „ישמח ישראל״, איז ר׳ צדוק אַריבער צום ביאַלער. ווען ר׳ אהרן ביאַלער איז נפטר געוואָרן, איז ר׳ צדוק אַריבער קיין סטריקעוו.

ר׳ צדוק האָט אויך געהאַט שווערע דורכפאַלן מיט זיינע קינדער, אָבער אויף גאָר אַן אַנדערן אופן, ווי ר׳ תנחום. ר׳ צדוקס עלטסטע טאָכטער האָט חתונה געהאַט, ווען זי איז שוין נישט געווען קיין יונג מיידל, מיט זייער אַ רייכן, אָבער אין גאַנצן אַ פּרייען מענטש. דער יינגערער טאָכטערס מאַן איז אויך, באַלד ווי ער איז אַ חתן געוואָרן, אַראָפּ פון יידישן וועג. ר׳ צדוקס בן־יחיד, פייוול, איז ערגעץ אַוועק און מסתמא אַרוים לתרבות רעה. ר׳ צדוק איז דעמאָלט אַוועק פון שטוב און געוואָרן משמש ביים סטריקעווער רבין, ר׳ מענדל. די יינגסטע טאָכטער, צירל, וועלכע איז געבליבן איינע אַליין, האָט די עלטסטע טאָכטער גענומען צו זיך.

ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די מלחמה, איז דער סטריקעווער רבי מיט דער משפחה געקומען קיין וואַרשע. מיט אים איז אויך געקומען ר׳ צדוק. די דייטשן האָבן פאַרנומען לאָדזש, סטריקעוו און די גאַנצע אומגעגנט. אַ יאָר שפּעטער האָבן זיי פאַרנומען וואַרשע.

ווי נאָר ס׳איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ קאָמוניקאַציע צווישן לאָדזש און וואַרשע, איז צירל, ר׳ צדוקס יינגסטע טאָכטער, געקומען געוואָר ווערן, וואָס ס׳איז מיט איר פאָטער.

דערווייל האָט ר׳ צדוק אין וואַרשע זיך נענטער באַקענט מיט אַ נגידישן יונגנמאַן, אַ סטריקעווער חסיד, וואָס איז געוואָרן אַן אַלמן און געבליבן מיט דריי קליינע קינדער. ווען ר׳ צדוק האָט דערזען זיין יינגסטע טאָכטער, איז אים איינגעפאַלן, אַז אפשר

וואָלט זי מיט דעם יונגנמאַן חתונה געהאַט. ער האָט זיך באַמיט, אַז צירל זאָל בלייבן עטלעכע טעג אין וואַרשע. ער האָט זייער איידל איר געגעבן אָנצוהערן וועגן דעם שידוך, און צירל האָט נישט געזאָגט „ניין״.

ר׳ צדוק האָט זיך גלייך געזען מיט ר׳ תנחומען, און אים גע־שיקט איבעררעדן מיטן יונגנמאַן. ס׳האָט געדויערט איינס און צוויי, און צו ר׳ צדוקס גרויס שטוינונג און שמחה איז געוואָרן פון דעם שידוך.

דאָס איז געווען דער איינציקער שידוך, וועלכן ר׳ תנחום האָט אין זיין לעבן אויסגעפירט.

איצט, נאָך זיבן יאָר, האָט ר׳ תנחום געטראָפן אין וואַרשע ר׳ צדוקן. ער איז געקומען צו אַ פּראָפעסאָר, געווען זייער שווער קראַנק. געהאַט, זעט אויס, אַ שלעכטע קרענק. זיין פּנים איז געווען אויסגעדאַרט, נאָר די אויגן האָבן געהאַט אין זיך דאָס אַמאָליקע פייער.

פון ר׳ צדוקס רייד האָט ר׳ תנחום פאַרשטאַנען, אַז ער אַליין פילט, אַז ס׳איז מיט אים נישט גוט, אַז זיין צייט רוקט זיך אָן.

— אָבער, נישט געזאָרגט, תנחום, — האָט ר׳ צדוק זיך אָנגע־רופן אַן אויפגערוימטער. — אַז איך האָב דערלעבט, אַז מאַן צירל פירט אַ פרימע חסידישע שטיב, אַז די קליינע יינגלעך אירע גייען מיט פּאהלעך און אין אַכטקאַנטיקע היטעלעך, אַז ס׳איז אַ מחיה צי קיקן, שוין נישט רעדנדיק וועגן די קינדער פון איר מאַנס ערשט וואַב, ווּס זענען גאַנצע לומדים, אין זי היט זיי ווי אַן אויג אין קאָפּ, אַז איך האָב דוס זוכה געווען, תנחום, נאָך דעם ווי איך האָב געמיינט, אַז מאַן וועלט איז מיר, חלילה, אינטערגעגאַנגען, האָב איך פאַר גורנישט קיין מורא, יעך בין גרייט, תנחום...

פון די דאָזיקע ר׳ צדוקס רייד, האָט זיך אין תנחומען אָנגעצונדן אַ פייער. ער האָט זיך געטראַכט, אַז אויב זיין לעבן האָט אַ זכות הקיום, אַז אויב זיין לעבן דאַרף האָבן אַ זין און אַ תכלית, דאַרף ער זיך דורכוים גטן מיט גאָלדע לאהן, חתונה האָבן

אַ צווייט מאָל, און דווקא איצט, ווען די גאַנצע וועלט גייט, חלילה, אונטער, ווען די גאַנצע וועלט זינקט אין תהום, אויפשטעלן אַ יידישן דור, וואָס זאָל גיין אין יידישן וועג.

אַזעלכע ר׳ צדוקס, און ער, און מן־הסתם זענען פאַראַן נאָך אַזעלכע ווי זיי, זיי ווילן אָפּראַטעווען די יידישע שיף פון אונטער־גיין.

ר׳ תנחום האָט אָנגעהויבן צושטיין צו ר׳ שלמה גבאי, צו ר׳ ישראל יאַנקלען און אַפילו צו איטשעלע קובאַץ, אַז זיי זאָלן גיין רעדן מיט גאָלדע לאהן וועגן אַ גט.

— זוגטס איר, — האָט ר׳ תנחום איינגעטענהט מיט זיי, — אויב זי וועט נישט נעמען קאַ גט מיט גיטן, וועט זי נעמען מיט בייזן. כ׳וועל אַלץ טין זעך צי גטן. כ׳וועל לייגן וועלטן!

די יידן האָבן זיך צוגעהערט צו ר׳ תנחומס רייד מיט השתוממות, מיט גרוים דערשטוינטקייט. ערשט נישט לאַנג האָט אויסגעזען ווי דער גאַנצער ענין וואָלט אים נישט אָנגעגאַנגען. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען דעם שנוי, די ענדערונג, וואָס איז אין אים פאָרגעקומען, און האָבן געצויגן מיט די פּלייצעס.

ר׳ זלמן האָט אויף דער גאַנצער זאַך געקוקט קרום. שוין ווען די שליחים זענען דאָס ערשטע מאָל געגאַנגען רעדן מיט ר׳ תנחומס ווייב, האָט ער דאָס געהאַלטן פאַר אַ ווילדע זאַך. אָבער, מילא, זענען זיי געגאַנגען. ער האָט געוווּסט, אַז תנחום אַליין האָט נישט געוואָלט זיי זאָלן גיין, נאָר בעל־כרחו דערצו מסכים געווען, ווייל איטשעלע קובאַץ, וואָס האָט אומעטום געוואָלט אַריינשטופּן זיינע דריי גראָשן, האָט אים דערצו גענייט. פּשוט אים דערגאַנגען די יאָרן. ר׳ זלמן האָט געטראַכט, אַז פון איטשעלעס זייט איז דאָס אפשר גאָר מעשה קונדס. ער האָט נאָר נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס אַזעלכע מיושבע יידן, ווי ר׳ שלמה גבאי און ישראל יאַנקל, האָבן זיך געלאָזט אַריינציִען אין דעם עסק.

איצט, ווען ר׳ תנחום האָט גאָר געפאָדערט פון די דריי חסידים זיי זאָלן גיין רעדן מיט זיין ווייב וועגן אַ גט, האָט דאָס ר׳ זלמן

נישט געקאָנט פאַרשטיין. כאָטש נאָך דער דין־תורה וועגן די שטיוול, נאָך דעם ווי ר׳ תנחום האָט אָריינגעזאָגט ר׳ זלמנען ביים שטעלן אים די באַנקעס, האָט זיך ר׳ זלמן אַ ביסל פּושעקאַנירט צו ר׳ תנחומען, פון דעסטוועגן האָט ער געהאַלטן זיין וועלן זיך גטן, בכדי נאָך אַ מאָל חתונה האָבן — פאַר הוללות.

ר׳ תנחום איז אָבער פון זיינס נישט אָפּגעטרעטן, ביז וואַנען די דריי חסידים, ר׳ שלמה גבאי, ר׳ ישראל יאַנקל און איטשעלע קובאַץ, האָבן אים נישט צוגעזאָגט צו גיין נאָך אַ מאָל רעדן מיט זיין ווייב, רעדן מיט איר האַרבע דיבורים.

ער האָט זיך אויך געקליבן צו מאַכן מיט ר׳ זלמנען אַ טיפערן שמועס וועגן דעם.

אַ שמועס צווישן ר׳ תנחומען און ר׳ זלמנען וועגן מדרגות...

אָבער פון דעם שמועס, וואָס ר׳ תנחום האָט געוואָלט האָבן מיט ר׳ זלמנען וועגן גט, איז גאָר אַרויסגעקומען אַ שמועס וועגן מדרגות.

— יאָ, — האָט זיך אָנגערופן מיט אַ קרעכץ ר׳ תנחום — כ׳וויים, זלמן, אַז די האַלטסטו מיך נישט פאַר קאַ בעל-מדרגה, אָבער וויסן זאָלסטו, אַז מען איז אַ קל קאָן מען לאַכט פליִען.

ר׳ זלמן האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, וואָס ער האָט שוין דעמאָלט געהאַלטן כסדר אַראָפּגעבויגן, און אַ בליץ געטאָן מיט זיינע שמאָלע, מיט רויט געליאַמעוועטע אויגן. דערנאָך האָט ער ווידער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אַ שמייכל געטאָן אין זיין האַרטער, אַש-קאַליריקער באָרד. מען האָט בפירוש געזען, אַז ער האָט הנאה פון תנחומס שאַרפן זאָג, אָבער נישט פאַרגינען אים דאָס אַרויסצווייזן.

ס׳איז געווען אַ פשוטער טאָג, נאָך שחרית. פון שטיבל זענען שוין אַלע געהאַט אַהיימגעגאַנגען, אַפילו דער משמש הערש חיים. ס׳זענען נאָך פאַרבליבן ר׳ זלמן און ר׳ תנחום.

זינט דעם, ווי ר׳ תנחום האָט געשטעלט ר׳ זלמנען באַנקעס מיט דעם חלק ספירט, וואָס מען האָט געהאַט פאַר אים איבערגע-לאָזט אין אַ פלעשל, בעת דעם פּיום צווישן ר׳ ישראל יאַנקלען און ר׳ תנחומען, נאָך דער דין-תורה וועגן די שטיוול, איז צווישן זיי ביידע, צווישן ר׳ תנחומען און ר׳ זלמנען, געקומען צו אַ שטיקל התקרבות.

דער טאָג איז געווען אַ פרילינגדיקער, אַ וואַרעמער, אַ ליכטי-קער. די פענצטער פון אַלעקסאַנדער שטיבל אויף זאַמענהאָף גאַס, זענען אַרויסגעגאַנגען אין אַ גאָרטן אַריין אויף גענשע גאַס, ווו

ס׳האָט זיך געפונען דער סעמינאַר פאַר לערער פון יידישער רעלי־גיע. די קאַשטנביימער זענען געשטאַנען אין זייער פולער בליִעניש, די צווייגן האָבן אויסגעזען ווי אָרעמס פון קאַנדעלאַבערעס מיט אַריינגעשטעקטע אין זיי ליכט.

ר׳ זלמן האָט אָבער ליבער געהאַט די נאַכט ווי דעם טאָג. ביי נאַכט איז ווילסטו צינדסטו אָן דאָס ליכט און זעסט וואָס ס׳טוט זיך אַרום דיר, ווילסטו נישט, זיצסטו אין דער פינצטער, אַריינגעטאָן בלויז אין זיך און צו דעם אַלעם אַרומיקן האָסטו קיין שייכות נישט.

ר׳ זלמן האָט אויך ליבער געהאַט די וואַרעמקייט פון אַן אין ווינטער איינגעהייצטן אויוון, ווי די וואַרעמקייט פון אַ זומערדיקן טאָג. אויב ליכט, האָט ער ליבער געהאַט דאָס ליכט פון אַ לאָמפּ, ווי דאָס ליכט פון דער זון. ער האָט ליבער געהאַט דעם ריח פון פאַרגעלטע ספרים־בלעטער, ווי דעם ריח פון גערטנער און פעלדער, פון בלומען און פון גראָזן.

ר׳ תנחומען דאַקעגן פלעגט שוין דער פאַרנאַכט אָנפילן מיט עצבות, מיט טרויער. אַ מאָל איז ער אין אַ פאַרנאַכט געגאַנגען אויף אַ פעלד, האָט ער געזען ווי די זון לייגט איר קאָפּ ערגעץ ווייט אויף מערב־זייט, צו דער פאַרנעפּלטער ערד. ר׳ תנחומען האָט זיך דעמאָלט אויסגעדאַכטן, ווי די זון וואָלט געווען קראַנק און לייגט איר מידן קאָפּ אויף אַ ווייך קישן.

ר׳ תנחום האָט ליב געהאַט דעם טאָג, אָבער נאָר אַ געזעענעם פונעם פענצטער פון שטיבל. אויף דער גאַס איז ער שטענדיק געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ. נישט געקוקט נישט אויף רעכטס און נישט אויף לינקס, נאָר אויף דעם שטיקל ערד, וווּ זיינע פיס האָבן געטראָטן. נאָר בלויז דורך די פענצטער פון שטיבל האָט ער געזעטיקט זיינע אויגן מיט טאָג און מיט ליכט.

איז ער איצט געזעסן ביים פענצטער און געקוקט אויף גאָטס וועלט מיט אָפענע אויגן. דאַקעגן ר׳ זלמן איז, ווי שטענדיק, געזעסן אין אַ ווינקל צווישן צוויי ווענט, און ווי אַלע מאָל, קיין בליק נישט געטאָן אין דרויסן אַרום.

ר׳ תנחומען האָט אַ צי געטאָן צום גרינעם שטח. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און געעפּנט דעם לופּטשיק אינעם פענצטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטן אַריין. אָבער ר׳ זלמן האָט פון זיין ווינקל אַרויס אַ געשריי געטאָן: — ניטע, מאַך צי! האָט ר׳ תנחום צוגעמאַכט דעם לופּטשיק און זיך אַוועקגעזעצט לעבן ר׳ זלמנען אין ווינקל.

— איז יאָ, זלמן, — האָט ער ווידער אָנגעהויבן — הייסט עס, אַז איך האָב, חלילה, נישט קיין עצמת-נפש דערפון ווּוּם די האַלטסט מען נישט פאַר קיין בעל-מדרגה. כ׳וועל דיר זוגן דעם אמת, כ׳האָב נישט ליב די בעל-מדרגות, ווּוּם טרוגן זעך אַרים מיט די מדרגות, ווי מיט אַ לייטער אין ס׳דאַכט זעך זיי, אַז זיי קענען יעדע רגע אַף דעם לייטער אַראָפּקלעטערן.

— כ׳פאַרשטיי דעך נישט, תנחום, הייסט עס, אַז די האָסט דווקא ליב יידן נישט קיין בעל-מדרגות?

— וויל מעך פאַרשטיין, זלמן, מדרגה איז אַ דרגא, אַ שטופע, עפּעס ווי אַ פּרס. אין אַ ייד דאַרף אַלץ טוען שלא על מנת לקבל פּרס. דער תכלית פין יעדער טיאונג איז דום טוען אַליין. מצווה איז נישט די מצווה גופא. נאָר דום טוען די מצווה. נישט דום הובן די תפילין, נאָר דום לייגן די תפילין, נישט דום הובן די סוכה, נאָר דום זיצן אין דער סוכה. וואָרעם ווען אַ ייד קויפט זעך תפילין, מאַכט זיך אַ סוכה און לייגט נישט די תפילין, זיצט נישט אין דער סוכה, איז ער גור בבחינת „בוצע ברך — ניאץ ד״. אַ בעל-מדרגה, — האָט געצויגן פאַמעלעך ר׳ תנחום — איז אַ בעל-הבית פין אַ מדרגה. אין אַ ייד דאַרף אַף דער וועלט נישט זאַן קיין בעל-הבית איבער גורנישט, אַ חוץ איבערן יצר-הרע, פאַרשטייט זעך.

נישט ר׳ זלמן און נישט ר׳ תנחום האָבן נאָך גאָרנישט געהאַט דעם טאָג טועם געווען. ס׳איז שוין געווען אַרום עלף פאַר מיטאָג. האָט זיך ר׳ זלמן אָנגערופן: — עפּעס ציט מעך באַם האַרץ.

ר׳ תנחום איז אַראָפּגעגאַנגען אין געוועלבל אַריין און אַרויפגעבראַכט אַ האַלב ברויט, אַ געווענדזלטן הערינג און צוויי ציבע-

לעס. י״ש האָבן זיי נישט געהאַט. נאָר די ציבעלעס זענען געווען זייער האַרבע און בעת דעם צעשניידן זיי, האָבן ביי בײדע, ביי ר׳ זלמנען און ר׳ תנחומען, גערונען טרערן פון די אויגן.

זיי האָבן זיך געוואַשן און געטונקען דאָס ברויט אין זאַלץ. ר׳ תנחום האָט איבערגעשניטן דעם הערינג און די טייל מיטן קאָפּ, וואָס איז פעטער, געגעבן ר׳ זלמנען. די האַרבקייט פון די ציבע־לעס האָט זיי צענומען און בײדע האָבן זיי געשוויצט, ווי אין אַ גאָר הייסן טאָג, ווי אין אַ חמימה.

ר׳ תנחום האָט געגעסן און געקרעכצט. אָבער ר׳ זלמן האָט געגעסן מיט גרויס הנאה. מען האָט געקאָנט זען, אַז מיט יעדן ביסן איז ער זיך ממש מחיה. ער האָט געגעסן מיט כמעט פאַר־מאַכטע אויגן, אַריינגעטאָן דערין, ווי ער וואָלט זיך אַריינגעביסן אין יעדן כזית.

מיט אַ מאָל האָט ער זיך געכאַפּט וואָס ער טוט. ס׳איז אים געוואָרן פּזשיקרע פאַר ר׳ תנחומען, האָט ער זיך אָנגערופן:

— פין עסן מעג מען הובן אַ הנאה. עסן אַליין איז נישט קאַ מצווה. די מצווה איז להחיות את נפשו, צי דערהאַלטן דום נפש. עסן איז די הכנה צי דער מצווה להחיות את נפשו. פין הכנות מעג מען בפירוש הובן הנאה. וואָרום אַז די האָסט הנאה פין די הכנות קאָן שוין במילא די מצווה אַליין זאַן ריין פין הנאה. זי קאָן זאַן בלויז השפעה. זי קאָן דעמולט משפיע זאַן אָף אַלע עולמותן, אָף אַלע וועלטן.

ס׳איז שוין דעמאָלט געווען די צייט, ווען ר׳ תנחום אַליין האָט הנאה געהאַט פון עסן. ער האָט נישט געזען אין ר׳ זלמנס פירעכץ קיין שום אויסטערלישקייט און זיך אָנגערופן צו אים תמימותדיק:

— יאָ, ביסט גערעכט, עס געזינטערהייט, זלמן. יעך בין שוין נישט הינגעריק. — און ר׳ תנחום האָט אים צוגעשאַרט די רעשט ברויט און אַ טייל פון זיין הערינג און אַליין זיך אויפגעשטעלט,

אַריין אין קעכל, וואָס איז געווען ביים שטיבל, און אויפגעשטעלט אויף דער גאַז-מאַשינקע אַ טשייניק מיט וואַסער.

ר׳ תנחום האָט אָנגעגאָסן טיי און ר׳ זלמן האָט מיט אַ מע־סערל, מיט אַ קנייפּערל, צעקלאַפּט אויף קליינע שטיקלעך אַ האַרט שטיקל צוקער, וואָס ער האָט געהאַט אין קעשענע איינגעוויקלט אין אַ פּאַפּירל.

זיי האָבן פּאַמעלעך געזופּט די הייסע טיי און ר׳ תנחום האָט ווידער אָנגעהויבן:

— ווייסט דאָך, זלמן, אַז אין וואָרקע האָט מען געהאַלטן נאָר פון עניוות. וואָס הייסט האַלטן? וואָרקע איז געווען עניוות גופא. די ווייסט דאָך די מעשה וואָס איז געשען אין וואָרקע באַם אַלטן רבין בעת די סליחות. נאָר צוליב שאַנקייטסוועגן וועל איך זי נאָך אַ מול איבערחזרן:

ס׳איז געווען מוצאי־שבת, בעת די ערשטע סליחות אין וואָרקע, באַם אַלטן רבין זכותו יגון עלינו.

דוס גרויסע בית־המדרש איז געווען פיל מפה אל פה. מען האָט אָנגעהויבן זוגן די סליחות. לעבן אַלטן רבין איז געשטאַנען דער זין, דער מיטעלער רבי ר׳ מענדל זצ״ל. פּליצלינג דרייט זעך דער אַלטער רבי אָם אין זעט אַז מענדל איז נישטו. מילא, ס׳איז געווען אין מיטן די סליחות, וועט מען דאָך נישט גיין איבע־ראַסן דוס זוגן די סליחות, האָט מען געזוגט וואַטער און ר׳ מענד־לען.

ווען מען האָט געענדיקט דוס זוגן די סליחות, האָט דער שמש אַראָסגענימען אַ פלאַש בראָנפן אין אונגעהויבן טיילן דעם עולם, זיי זאָלן טרינקען לחיים מיטן רבין.

דער רבי גיט אַ קיק — דער ערשטער ווּס שטייט מיטן גלעיזל אין דער האַנט נאָך בראָנפן איז זאַן זין מענדל. ריפט זעך דער אַלטער רבי און: — מענדל, באַ די סליחות ביסטו נישט געווען, אָבער באַם בראָנפן ביסטו דער ערשטער?

אָף דעם האָט געענטפערט ר׳ מענדל: — טאַטע, גלייב מיר,

טאַטע. ווען מען האָט אונגעהויבן זוגן די ערשטע ווערטער פין די סליחות, ווען מען האָט אונגעהויבן „לך ה׳ הצדקה ולנו בושת הפנים״, צו דיר, גאָט, די גערעכטיקייט און צי אינדז די פאַר־שעמטקייט, האָב איך זעך אונגעהויבן אַזוי צי שעמען, אַז כ׳האָב געמיזט אַראָפּגיין פין בית־המדרש.

— ני, ני, גיס אים און אַ גלעזל, — האָט דער אַלטער רבי געזוגט צים משמש.

— אין ווורקע — איז ר׳ תנחום אַנגעגאַנגען מיטן שמועס, — האָט מען נישט געזיכט קאַ בעל־מדרגות. פאַרקערט, נאָר „ואת דכא ואת שפל רוח״, דעם דערשלוגענעם אין דעם געפאַלענעם. מען האָט אים נישט געוואָלט אָפּהייבן ביזן הימל, ווי קימט עס אַז אַ געפאַלענעם זאָל מען ווען אָפּהייבן ביזן הימל? מען האָט אים נאָר געוואָלט אָפּהייבן פין שאול־תחתית, רחמנא ליצלן. אין דערהייבן פין שאול־תחתית ביז דער ערד איז מער, ווי אָפּהייבן פין דער ערד ביזן הימל.

— קאָצק האָט זעך געריסן אין די הימלען אין איז אַדאָרכ־געפאַלן. די ווייסט דאָך ווּס ס׳האָט געשריבן ר׳ גרשון העניך ראַדזינער אין דער הקדמה צים ספר פין זאַן פוטער ז״ל, אין „בית יעקב״. דאָרט שטייט, אַז „וירד יהודה מאת אחיו ויט עד איש עדלמי״ (בראשית, וישב ל״ח). דוס איז אָך קאָצק, ווּס איז געווען בבחינת עדלמי. קאָצק איז געווען, לויט זאַנע רייד, אַ ירידה. פאַרשטייט זעך, אַז יעך וועל דוס חלילה נישט זוגן. ווער בין יעך, אַז יעך זאָל גור ברענגען פאַרן מאָל אַזעלכע ווערטער. אָבער, אַז קאָצק האָט געקענט זאַן אַ ירידה, דוס איז אָסער יעדן ספק.

ר׳ זלמן וואָס איז געווען פון שטענדיק אָן אַן אַלעקסאַנדער חסיד, דאָס חסידות וואָס האָט געצויגן זיין יניקה פון ווורקע, האָט זייער גוט פאַרשטאַנען דעם ווורקער דרך. אָבער פון זיין טבע אויס איז ער געווען אַ היציקער, אַ נוח לכעוס, גיך אַריינגעפאַלן אין כעס, געווען אַ שטיקל גאוותן, אַ שטיקל גרויסהאַלטער, אַן עומד על דעתו, אַן עקשן, און טייל האָבן אפילו געזאָגט: אַן עיקש, אַ קרוּ־

מער מענטש. ער האָט אָבער אויך געהאַט אַ סך מעלות, און דער עיקר, ער האָט קיינעם נישט נושא פּנים געווען, אַפילו נישט דעם גרעסטן גביר און תקיף.

מיט די אַלע מעלות און חסרונות, האָט זיך ר׳ זלמן גיכער אַריינגעפּאַסט אין דער עדה פון גערער חסידים ווי אין די אַלעקסאַנדרער. דאָס קליינע יידעלע, איטשעלע קובאַץ, האָט געהאַלטן, אַז ר׳ זלמן איז אַ גילגול פון אַ קאָצקער חסיד, וואָס מוז פּאַר עפּעס אַן עבירה אָפּקומען צווישן דעם אַלעקסאַנדער עולם, וואָס איז לויט זיין התנהגות, לויט זיין פירעכץ אין גאַנצן אַנדערש פון אים און פון וועלכן ער, זלמן, האָט זיך טאַקע שטאַרק אויסגעטיילט.

איצט איז ער געזעסן און אויסגעהערט ר׳ תנחומען מיט פאַר־מאַכטע אויגן. ר׳ זלמן איז געווען אינערלעך אויפגעקאָכט, אָבער זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כוחות דאָס נישט אַרויסצוווייזן. ער האָט אויסגענוצט אַ רגע, ווען ר׳ תנחום האָט אויפגעהערט רעדן, בכדי איבערצוכאַפּן דעם אָטעם און זיך אָנגערופן:

— תנחום, מיט אַזעלכע געדאַנקען האָסטו זיך נישט געטורט פורש זיין פין דאַן וואַב.

— די האָסט אַ טעות, זלמן. יעך האָב זעך נישט פורש געווען פין וואַב, וואָל כ׳האָב זעך געריסן אין די הימלען. ניין. יעך האָב געוואָלט גיין אָף דער ערד. יעך האָב געוואָלט זי זאָל זאַן צי מיר אַ וואַב, ווי אַלע פּשוטע יידישע וואַבער זענען צי זייערע מענער. אָבער זי האָט דום פאַרמיטן פין מיר, אין איך בין אָפּט אַראָנגע־פאַלן אין עצבות. עצבות איז אַ גרויסע סכנה. די ווייסט דאָך ווּס ס׳האָט געזוגט וועגן דעם דער גרויסער ר׳ אהרן קאַרלינער זצ״ל. ער האָט געזוגט: עצבות אַליין איז נישט קיין עבירה, נאָר צי ווּס עצבות קאָן ברענגען, קאָן קיין עבירה נישט ברענגען. כ׳האָב געפילט, אַז די מחשבות ווערן מיר מבולבל, אַז כ׳פאַל, רחמנא ליצלן, ווּס אַ טוג נידריקער, אין כ׳האָב מיט מאָן זעך פורש זאַן קאָם זעך אַראָסגעראַטעוועט פין אַראָנציפאַלן אין שאול־תחתיה אַראָן.

*

אין שטיבל איז געוואָרן וואָס אַ מאָל וואַרעמער. די זון האָט אַריינגעשיינט דורך אַלע נישט פאַרהאָנגענע פענצטער. ר׳ תנחום איז ווידער צוגעגאַנגען און געוואָלט ווידער עפענען דעם לופטשיק און ר׳ זלמן האָט ווידער געזאָגט: — ניטע, מאַך צי.

ס׳איז אַריינגעקומען דער משמש פון שטיבל, הערש חיים. ס׳איז געווען דאָנערשטיק, ווען ער האָט שוין צוגעגרייט דאָס שטיבל אויף שבת.

ער איז צוגעגאַנגען צום ארון-קודש און געעפנט די טירלעך, גענומען טאַפּן מיט די הענט יעדע ספר-תורה ביי די עץ־החיימס, געזוכט אַזאַ, וואָס מען וועט דאַרפן שבת ביים לייענען וואָס ווייניקער גולל זיין.

ר׳ זלמן האָט שוין דאָס אַ סך מאָל געזען. יעדעס מאָל פלעגט ער ווערן מלא כעס אויפן משמש. ער האָט געזען אין דעם פּירעכץ אַ גסות, אַ גראָבקייט, כאָטש דער משמש, הערש חיים, איז דווקא געווען אַן איידעלער ייד און אַ בן-תורה. ביי אים איז שמשות געווען זיין פּראָפעסיע. האָט ער זיך געוואָלט לייכטער מאַכן, נישט געזוכט זיך קיין איבעריקע אַרבעט ביים גולל זיין די ספר-תורה אום שבת. דאָס איז ביי אים אַריין אין אַ געוווינהייט, און ער האָט נישט געפילט קיין פאַרשוועכונג, חלילה, פון דער תורה, מיט דעם וואָס ער טוט.

יעדעס מאָל פלעגט אין אַזאַ פאַל ר׳ זלמן אַרויסגיין פון דער שטוב, ווו דער משמש האָט זיך מתעסק געווען מיט די ספרי-תורה. אָבער דאָס מאָל האָט ער זיך געגרייט ענטפערן ר׳ תנחומען און נישט געוואָלט זיך לאָזן צעשטערן דורך דעם כעס, וואָס ער האָט געהאַט אויף הערש חיימען, די מחשבות וואָס זענען אים געהאַט אַרויפגעשווומען אויפן מוח.

ווען דער משמש האָט שוין געהאַט אויסגעקליבן די ספר־תורה צו לייענען אין איר אום שבת, געשטעלט זי פון פאָרנט אין ארון-קודש און געמאַכט זיך אַ סימן ער זאָל זי דערקענען, האָט

ער צוריק צוגעמאַכט דעם ארון-קודש, פאַרשלאָסן די טירלעך, פאַררוקט דאָס פּרוכת און געגעבן עס אַ קוש. זעענדיק די צוויי יידן זיצן לעבן זיך, האָט ער זיך צו זיי צוגעזעצט.

ר׳ זלמן איז שטאַרק נישט צופרידן געווען פון דעם, וואָס הערש חיים האָט זיך צוגעזעצט צו זיי, צו ר׳ תנחומען און אים, אָבער קיין עצה דערצו האָט ער נישט געהאַט. זאָגן הערש חיימען ער זאָל מוחל זיין און זיך גיין געזונטערהייט, האָט ער דאָס מאָל נישט געקאָנט.

— תנחום — האָט ר׳ זלמן אָנגעהויבן — אַז מען איז אַ בעל-מדרגה, איז מען עס שטענדיק. אַפילו ווען אַזאַ ייד זינדיקט, זינדיקן די מדרגות מיט אים צוזאַמען. מעלין בקודש ולא מורידין. אַ בעל-מדרגה, אויב מען איז עס איין מול געווען, קאָן מען נישט אָפּהערן צי זאַן. דער „כי שבע יפול צדיק וקם״, ווייל זיבן מול וועט פאַלן דער צדיק און וועט זעך אָפּהייבן, איז דער טאַטש — ער מיז זעך אָפּהייבן, ער האָט קאַ אַנדערע ברירה נישט. קרוינען קאָן מען אַרופּנעמען פון קיסרישע קעפּ, ניקאָלייען האָט מען געמאַכט אָס קייסער, אָבער באַ אַ בעל-מדרגה קאָן מען זאָגנע מדרגות נישט צינעמען, אין ער אַליין קאָן זיי נישט פאַרלירן.

— ניקאָלייען האָט דער רבי זאָל לעבן אַרופּגענימען די קרוין פין קאָפּ, — האָט שטיל אָבער מיט זיכערקייט זיך אָנגערופן הערש חיים.

געווען איז עס אַזוי:

דעם אַלעקסאַנדער רבינס, ר׳ שמואל הערשס, עלטסטער זון, ר׳ פייוועלע, האָט געוווינט אין ראַדאָם. קורץ נאָך דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט-מלחמה, ווען די דייטשן זענען געשטאַנען לעבן ראַדאָם, איז אין איינעם אַ אָוונט ר׳ פייוועלע אַרויסגעגאַנגען אויפן באַלקאָן ביי זיך אין וווינונג מחדש זיין די לבנה. קריסטלעכע שכנים האָבן אים פאַרמסרט פאַר דער רוסישער מאַכט, אַז ער האָט געגעבן צייכנס דעם שונא.

די רוסן האָבן באַלד אַרעסטירט ר׳ פייוועלען, געשטעלט אים

פאר א קריגס-געריכט, פארמשפט צום טויט און אים אויפגעהאנגען.

מען האט דערציילט, אז אויפגעהאנגען האבן זיי ר׳ פייוועלען שוין א טויטן, ווייל פון גרויס פחד פון דעם אלעם וואס איז מיט אים געשען, איז אים אויסגעגאנגען די נשמה.

ווען די שרעקלעכע ידיעה איז דערגאנגען צו זיין פאטער, דעם אלעקסאנדער רבין, האט ער זיך אנגערופן:

— א קרוין פאר א קרוין. דער רישישער קייסער האט מיר אראפגענימען מאן קרוין פין מאן קאפ, און יעך וועל אים ארופנעמען זאן קרוין פין זאן קאפ.

נאך דעם ווי ס׳איז אויסגעבראכן אין רוסלאנד די רעוואלוציע און מען האט אראפגעזעצט ניקאלייען פון טראן, אראפגענומען אים די קרוין פון קאפ און אים אומגעבראכט, האבן די אלעקסאנ־דער חסידים געהאלטן, אז דאס איז א מופת פון זייער רבין, וועל־כער האט זיך נוקם געווען אין ניקאלייען פארן אומברענגען זיין זון פייוולען, הי״ד.

ר׳ זלמן, וואס האט, ווי אלע אלעקסאנדער חסידים, געוווסט וועגן דעם, האט זיך עפעס ווי פארקרימט הערנדיק פון הערש חיימען וועגן דעם מופת. ר׳ הערש חיימען האט פארדראסן ר׳ זלמנס גרינגשעצנדיקע העוויה און ער האט זיך אנגערופן מיט שטויננונג:

— ווּס, די גלייבסט נישט אין דעם מופת?

— הערש חיים, אין קאצק האט מען נישט געהאלטן פין מופתים און אין ווורקע האט מען נישט געוויזן קא מופתים.

— זלמן, ווּס ווּעסטי גיין מיר דערציילן, אז מען וואוט נישט קא מופתים, אז בא מיר אליין האט דער רבי באוויזן א מופת.

ומעשה שהיה כך היה:

— ס׳האט זעך אינטערגעריקט דער זמן חתונה בא מאן עלטסטע טאכטער, און אין שטיב איז נישטו קא פרוטה. מאן יידענע שראט געוואלט כ׳זאל פורן צים רבין. נאר גיי פור צים רבין, אז כ׳האב אפילו נישט אף די הוצאות. מאכט זעך א מעשה

אין דער רבי קימט גרוד דעמאָלט קאַ וואַרשע. דוס אַליין איז שוין געווען אַ נס. נעמעך אין לויף אַראָפּ צים רבין אין גים פאַר אים אָפּ מאָן ביטער הארץ. ענטפערט מיר דער רבי: דער אייבערשטער זועט העלפן. גיי יעך אַהיים אין דערצייל מאָן יידענע וווּס דער רבי האָט געזוגט. איז דאָך מאָן יידענע אַ גלייביקע, זי גלייבט אין יעדעם וואָרט וווּס דער רבי זוגט, שוואַגט זי אין וואָרט.

אין אַז ס׳איז געבליבן נאָך עטלעכע טעג צי דער חתונה, מען האָט באַדאַרפן פיש אין פלייש אין אַלץ וווּס מען בראָך צי אַ חתונה -- איז מאָן יידענע געגאַנגען צי די האַלעס, ווי מען קויפט אַלץ אָן. אין באַטל האָט זי נישט געהאַט קאַ איין גראָשן. האָט זעך מאָן יידינע אַוועקגעשטעלט לעבן די האַלעס אין געוויינט. אָפּגע־וויינט אַ פערטל שעה, אָפּגעוויינט אַ האַלבע שעה, אַ שעה. אין דעם גייט אַדאָרך אַ מענטש אין די מיטעלע יורן, אַ דיקלעכער, אַ גילוח מיט גרויסע וואָנסעס. ער האָט זעך אופגעשטעלט אין געפרעגט מאָן יידענע: — פרוי, וווּס וויינט איר?

אין דער ערשטער רגע, ווען זי האָט דערזען פאַר זיך אַ ייד אָן אַ בורד, אַ גילוח, האָט זי געהאַט בדעה אים נישט צי ענטפערן. אָבער עפּעס האָט איר אינטערגעזוגט, אַז זי זאָל אים יאָ ענטפערן. זי האָט אים דערציילט די גאַנצע זאַך, אַז ס׳איז שוין עטלעכע טעג צי דער חתונה אין זי האָט נישט קאַ פּרוטה עפּעס אַנציקויפן.

דער מענטש האָט אָפּגעהערט מאָן יידענע ביזן סוף אין זעך אונגעריפן:

— וויינט נישט, פרוי. ער האָט געעפנט דעם טאַסטער אין אַוועקגעגעבן מאָן יידענע דוס גאַנצע געלט וווּס ער האָט באַ זעך געהאַט, זעכציק ריבל!

מאָן יידענע איז באַלד געלאָפן, אַלץ אָנגעקויפט פין כל ערליי גיטס אין ס׳איז געווען אַ חתונה כיד המלך. געדענקסט דאָך, זלמן, ביסט דאָך אַליין געווען אָף דער חתונה!

— יאָ, כ׳געדענק, — האָט ר׳ זלמן געענטפערט. — כ׳בין טאַקע געווען אָף דער חתונה. אָבער זוג מער, כ׳בעט דעך, ווער

איז דוס געווען דער ייד, ווּוס האָט געגעבן דאַן יידענע די זעכציק ריבל?

— ווּוס הייסט, ווער? די פאַרשטייסט נישט ווער? אליהו הנביא!

— אין ווּוס האָט עפּעס אליהו הנביא זיך באַדאַרפן פאַר־שטעלן פאַר אַ גילוח? ווּוס, ס׳פּאַסט אים שוין נישט צו גיין מיט אַ בורד?

— כ׳ווייס, אפשר האָט ער געוואָלט וואַזן, אַז אַפילו אַ ייד אַ גילוח, קאָן זאַן אַ קונה עולמו בשעה אחת, קאָן זעך מיט איין אַזאַ מצווה אַנקויפן עולם הבא.

— אַ געדאַנק איז עס, נאָר אַ קרימער. אליהו הנביא האָט שוין נישט ווּוס צו טין, נאָר ציליב דאַן יידענע וועט ער זעך גיין פאַר־שטעלן פאַר אַ גילוח.

— זלמן, מאַך נישט אַוועק מאַן יידענע מיט דער האַנט. מאַן יידענע איז אַ צדיקת. אָבער כ׳זע איין זאַך, אַז די גלייבסט נישט אין קאַ מופתים.

— גיי שוין, גיי — האָט ר׳ זלמן אַ מאַך געטאָן צו הערש חיימען.

צי פון ביטולדיקן „גיי שוין, גיי״, צי ווייל הערש חיים האָט שוין סיי ווי געמוזט ערגעץ אַוועקגיין, נאָר הערש חיים האָט אַ קוש געטאָן די מזוזה און איז אַוועקגעגאַנגען.

אייגנטלעך, האָט ר׳ זלמן יאָ געגלייבט אין מופתים. ער אַליין פלעגט דערציילן וועגן מופתים. דערציילט אויסטערלישע מעשיות, אין וועלכע שדים און רוחות זענען געווען פון די גאָר פּשוטע זאַכן. נאָר פאַר בעלי־מופת האָט ער געהאַלטן די אַמאָליקע רבים, די, אויף וועלכע ס׳איז נגזר געוואָרן אין הימל, אַז זיי זאָלן זיין רבים. אָבער זינט רביסטווע איז געוואָרן אַן ענין פון ירושה, וואָס גייט איבער פון פאָטער אויף זון, האָט, זעט אויס, ר׳ זלמן נישט געהאַלטן, אַז אַזעלכע רבים זענען בכוח צו באַווייזן מופתים.

*

די גאַנצע צייט, וואָס עס האָט געדויערט דער שמועס צווישן ר׳ זלמנען און הערש חיימען, האָט זיך ר׳ תנחום נישט אָנגערופן אַפילו נישט מיט קיין איין וואָרט. ווען הערש חיים האָט אַ זאָג געטאָן צו ר׳ זלמנען „מאַך נישט אַוועק מאַן יידענע מיט דער האַנט, מאַן יידענע איז אַ צדיקת", האָט עס ר׳ תנחומען אַ קלעם געטאָן ביים האַרץ. ער האָט זיך אַ טראַכט געטאָן, אַז אויב אַזאַ חסידישער ייד, ווי הערש חיים, קאָן רעדן מיט אַזאַ דרך־ארץ, קאָן זיך אַזוי אָננעמען פאַר דעם כבוד פון זיין ווייב, מן־הסתם פאַרדינט זי דערויף. ער איז מקנא געווען הערש חיימען און אַ רחמנות צו זיך אַליין האָט אים אָנגעהויבן ביסלעכווייז באַהערשן.

אין דעם איז אַריינגעקומען אין שטיבל אַריין איטשעלע קובאַץ. ער האָט געבראַכט מיטאָג פאַר ר׳ זלמנען.

ס׳איז געווען באַלד נאָך ר׳ זלמנס קרענק. ער איז געהאַט שטאַרק אַראָפּ פון פנים. איטשעלע האָט זיך געהאַט אונטערגענומען אים צוצוזעען, שאַפן אים אַ ביסל פּילנאַשטש, און, ווי פריער פאַר ר׳ תנחומען, געבראַכט פאַר אים יעדן טאָג אַ גוט מיטאָג פון אַן אַנדערן גביר, וואָס האָט געדאַוונט אין אַלעקסאַנדער שטיבל אויף זאַמענהאָף גאַס.

ס׳איז שוין געווען אַרום פיר אַ זייגער. אַ גאַנצן טאָג האָט די זון געוואַרעמט די פענצטער און ווענט פון דעם גרויסן שטיבל. ווי נאָר איטשעלע קובאַץ איז אַריינגעקומען פון דרויסן, האָט אים אַ היץ אַ שלאָג געטאָן אין פנים אַריין. ער האָט כמעט אַ געשריי געטאָן:

— יידן, מען קאָן דו, חלילה, דערשטיקט ווערן! עפנט אַ שטיקל פענצטער!

ער האָט אַרויסגעשטעלט פון דער האַנט דאָס קיישל, אין וועלכן ס׳זענען געשטאַנען טעפּלעך פון פאַרשידענער גרייס, און געעפנט אַ לופטשיק. ר׳ זלמן האָט דאָס מאָל זיך נישט קעגנגעשטעלט.

פון דעם גאָרטן, אויף וועלכן ס׳זענען אַרויסגעגאַנגען די פענצטער פונעם שטיבל, האָט זיך אַריינגעריסן אַ שטראָם פרישע לופט. ר׳ תנחום האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין אָרט, צוגעגאַנגען צום פענצטער מיטן אָפענעם לופטשיק, און טיף אַריינגעאָטעמט די שאַרפע פרילינג-לופט, וואָס איז געווען אַדורכגעזאַפּט מיטן אָנגענעמען ריח פון אַקאַציע.

דער גאָרטן איז מיט אַ מאָל פול געוואָרן מיט יונגע מענטשן, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעשיט פון דער נידעריקער איינשטאָקיקער געביידע, וואָס איז געשטאַנען אין גאָרטן, און דער איינגאַנג אין איר איז געווען פון דער גענשע גאַס.

די יונגע מענטשן האָבן אַמייסטן געטראָגן ווייכע קאַפּעלושן, אָבער אַ שפּאָרע טייל פון זיי האָבן געטראָגן אַזעלכע ספּעציעלע היטלען מיט לעדערנע דאַשקעס, געווען אויך צווישן זיי בחורים אין יידישע היטלען. זיי האָבן אַלע געהאַלטן טעקעס אין די הענט און שטאַרק געטומלט.

ר׳ תנחום האָט געקוקט אויף די יונגע מענטשן, אויף זייער טומלען און גאַנצן הילוך זייערן און זיך געוואָנדן צו איטשעלע קובאַץ:

— זאג מער, כ׳בעט דעך, איטשעלע, ווּס זענען דוס פאַרא באַשעפענישן? — און ער האָט אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אויף די יונגע מענטשן אין גאָרטן.

דאָס קליינע יידעלע מיטן רויטן בערדעלע, איטשעלע קובאַץ, וועמען מען האָט אין שטיבל גערופן דעם „כל-בוניק”, ווייל ער האָט אַלץ געוווּסט און אומעטום געווען פול, האָט אים געענט-פערט:

— דוס זענען יידישע בחורים ווּס לערנען זעך דו צי זאַן לערער פין יידישער רעליגיע אין שקאָלעס ווי עס גייען יידישע קינדער.

— ווּס איז דוס אַזוינס רעליגיע? — האָט אים געפרעגט ר׳ תנחום.

— די ווייסט נישט? רעליגיע, דוס איז דת.

— איז וווּס פאַראַ שייכות האָבן שקאָלעס, רחמנא ליצלן, מיטן יידישן דת? — האָט זיך אָנגערופן ר׳ זלמן. — דת איז דאָך בא יידן דם, דוס איז דער דם־התמצית פון יעדן ייד. אַ יידיש קינד ווערט דאָך באַלד געבוירן מיטן רגש און מיט דער הייליקער אמונה אין בורא עולם, און אַז אים, דעם בורא, דאַרף ער דינען מיט זיין גאַנץ לאַב און לעבן. אַ יידיש קינד לערנט מען דאַווענען נישט ס׳זאָל דאַווענען, ווּוס דוס איז מובן מאליו, וווּס דוס איז פּשוט אין פאַרשטענדלעך פון זיך אַליין, נאָר ס׳זאָל קענען דאַווענען, ס׳זאָל וויסן ווען מען דאַרף דאַווענען שחרית, ווען מנחה און ווען מעריב. אַ יידיש יינגל, אַז ער דערגייט צו מצוות, דאַרף מען אים נישט לערנען, אַז ער דאַרף לייגן תפילין, נאָר ווי אַזוי זיי צו לייגן. אַ יידיש קינד טרוגט אין זאַן האַרץ, אין זאַן נשמה אַלע תרי״ג מצוות, נאָר מען דאַרף עס לערנען, ווי אַזוי מקיים צו זאַן די מצוות, זיי זאָלן זאַן ווּוס שלימותדיקער. ני, וועסט די מיר זוגן, אַז די משונה־דיקע פאַרשווינען וועלן דוס לערנען די יידישע קינדער אין די שקאָלעס?

— זלמן, ס׳איז האַנט גור אַנדערע צאַטן, זלמן. אין חכם כבעל נסיון. כ׳פיל נעבעך די האַנטיקע צאַטן אָף מאַן אייגן לעבן — האָט מיט אַ טיפן קרעכץ געזאָגט ר׳ תנחום.

אין דעם האָט זיך אָנגערופן איטשעלע קובאַץ:

— זלמן, גיי וואַש זעך אין נעם דעך עסן. ס׳מיטיג ווערט קאַלט.

אָבער ר׳ זלמן האָט זיך איינגעעקשנט, אַז היינט וועט ער אַליין נישט עסן, נאָר אַז ר׳ תנחום און איטשעלע זאָלן מיט אים מיטעסן.

— ס׳טאַטש? — האָט איטשעלע געזאָגט צו ר׳ זלמנען — כ׳האָב דאָך נאָר געברענגט איין מיטיג פאַר דיר. אויב מען וועט עס איינטיילן אָף דראַ, וועט דאָך גורנישט בלאַבן פאַר דיר. די דאַרפסט עסן, דאַרפסט קימען צו זיך.

אָבער ר׳ זלמן האָט זיך איינגעשפּאַרט און נישט געלאָזט צו זיך רעדן. ער האָט געטענהט, אַז ער איז נישט הונגעריק, אַז ער האָט היינט געגעסן אַ גרוים אָנבייסן. אַלע דריי מוזן זיי היינט עסן דאָס מיטאָג וואָס איטשעלע האָט אים געבראַכט. און ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן. ס׳איז געווען אַזוי, ווי ר׳ זלמן האָט געוואָלט.

סיי ר׳ תנחום און סיי איטשעלע קובאַץ האָבן געפילט, אַז די היינטיקע סעודה זייערע דאַרף זיין אַ גרויסער פּיוס, אַן איבער־בעטעניש נאָך דעם רוגז פון ר׳ זלמנען צוליב דער דין־תורה וועגן די שטיוול.

כאָטש איטשעלע איז געווען זייער אַ פאַרנומענער מענטש, אַ גאַנצן טאָג געמוזט אַרומהאָווען וועגן דעם ביסל פרנסה, האָט ער דאָך הנאה געהאַט פון דעם, וואָס ר׳ זלמן שטייט אַזוי צו, זיי זאָלן עסן צוזאַמען.

ער איז אַראָפּגעגאַנגען און געברענגט אַ פלעשל בראָנפן, עטלעכע זעמל, עטלעכע זויערע אוגערקעס. אַלע דריי האָבן זיך געוואַשן, געגעסן די קאַלט־געוואָרענע לאָקשן מיט יויך פון איין טעלער. דערנאָך האָט איטשעלע צעשניטן דאָס פערטל הון אויף דריי חלקים.

זיי האָבן ווידער גענומען צו ביסלעך ספּירט און באַלד געוואָרן בגילופין. ר׳ זלמן האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו איטשעלען און געזאָגט:

— לאָמיר טרינקען לחיים פאַר תנחומען, ער דאַרף געהאָלפן ווערן מיט אַ גרויסער הילף.

זיי האָבן געטרונקען און געגעסן די פּיצלעך הון זייער לאַנג, ווי זיי וואָלטן געגעסן צו פערטל אינדיק. זיי האָבן געקייט פּאַמע־לעך יעדן ביסן און איטשעלע קובאַץ האָט זיך אָנגערופן:

— ווּוּס איז זעך צי ווינדערן אָף די ייִנגעלאַט, אַז די חסידים אַליין מאַכן קאַליע די וועלט. פירן אַרופּ זייערע קינדער פין דרך־הישר. דער גערער האָט געמאַכט אַן „אגודה", איין כמעט אַלע רבים זענען ציגעשטאַנען צי אים. ווּוּס איז די „אגודה"? מע מאַכט

זיצינגען, מע מאַכט כינוסים, מען איז מבטל פֿין לערנען תורה. זיי האָבן געמאַכט אַ בלאַט-צייטונג, הייסט עס „דער ייד", אַ וואַזשנע ייד איז עס! שטוט יינגעלאַט זאָלן זיצן אין לערנען, ליינען זיי דעם בלאַט אין זענען מבטל פֿין תורה, פֿאַרברענגען זייער צאַט אַף פּוסטע זאַכן. אַ יינגערמאַן, ר׳ יעקב בלאַס אַן איינקל, שראַבט אין דעם בלאַט ראַמאַנען, רחמנא ליצלן, ווען יינגלעך אין מיידלעך, השם ישמרנו.

— מען דערציילט אַפילו, אַז דער גערער האָט געשיקט ריפֿן דעם יינגערמאַן אין אים געפֿרעגט, צי וואָלט ער נישט געקאָנט אַף דעם אָרט פֿין די מיידלעך, אַראַנשטעלן יינגלעך. אַף דעם זאָל דער יינגערמאַן הובן געענטפֿערט דעם רבין מיט ערמה, מיט כיטרעקייט: „דער אייבערשטער האָט באַשאַפֿן אדם און חוה, זכר ונקבה, טאָ וויל דער רבי, אַז איך זאָל, חלילה, גיין משנה זאַן דעם סדר פֿון די מעשי בראשית"?

דער גערער איז געבליבן זיצן אין געשוויגן.

*

ר׳ זלמן האָט גענומען נאָך אַ ביסל ספּירט און אָבער אַ ביסל ספּירט, ביז דאָס פֿלעשל איז אין גאַנצן ליידיק געוואָרן. ער איז געווען שטאַרק בגילופֿין. אים איז דער גאַנצער שמועס פֿון איטשעלע קובאַץ וועגן דער היינטיקער און דער אַמאָליקער וועלט נישט געווען איצט צום הארצן, צום געמיט. ער האָט געוואָלט אַ שמועס טאָן וועגן עפּעס שאַרפֿערס, וועגן עפּעס העכערס. ער האָט זיך אָנגערופֿן:

— הער אַף, איטשעלע, מיט דאַנע נאַרישקייטן, די אַמוליקע וועלט, די האַנטיקע וועלט. נישטו קאַ האַנטיקע וועלט, נישטו קאַ אַמוליקע. ס׳איז אַלץ איין וועלט אין איין בורא עולם. לאָמער קודם-כל בענטשן מיט מזומן.

מיטן בענטשן האָבן זיי מכבד געווען ר׳ תנחומען, און ווען זיי האָבן אָפּגעבענטשט, האָט זיך ר׳ זלמן אָנגערופֿן:

— הער, איטשעלע, מיר האָבן האַנט גערעדט מיט תנחומען

ווען מדרגות. ס׳הייסט, ער האָט גערעדט אין יעך האָב געהערט. ער האָט מיר נאָך אַ מול מסביר געווען דעם דרך פון וווּרקע, אַז וווּרקע ראַסט זעך נישט אין הימל אַראָן, נאָר וויל בעסער די מענטשן ווּס זענען אַראָפּגעפאַלן דעם שטן אין די הענט, העלפן אַראָפּסציצוִען זיי פין שאול תחתיה.

— יאָ, כ׳פאַרשטיי, ס׳איז נישט פין די קליינע זאַכן. אָבער הערטס אָס, תנחום אין איטשעלע, ס׳איז טאַקע אַ שווערע הלכה אַראָפּסציצוִען אַ געפאַלענעם מענטש, צי אַ פאַריאושטע יידישע נשמה פין שאול תחתיה אַראָס אין אַוועקשטעלן אָף דער ערד. אָבער דוס איז טשאַרנע ראַבאָטשע, ס׳איז שוואַרצע אַרבעט, צ׳פאַרשטייט? יעך פאַרשטיי זייער גיט וווּרקע, כ׳בין, חלילה, נישט מזלזל אין דער שוואַרצער אַרבעט, אָבער מיר ווילט זעך עפּעס מער. פאַר מיר איז בילכער דער שטח צווישן דער ערד אין דעם הימל, ווי צווישן דעם שאול תחתיה, רחמנא ליצלן, אין דער ערד.

— די האָסט, תנחום, מיר געזוגט אַ גיט וואָרט: אַז מען איז אַ קל, קאָן מען לאַכט פליִען. אָבער יעך מיין נישט אַזאַ פליִען, פין אַזאַ פליִען קען מען גיך באַקימען ריסוק אברים, מען קען ברעכן האַלדז אין נאַקן. איך מיין פליִען פאַמעלעך אין זיכער אַראָף! אַראָף! — און ר׳ זלמן האָט אַ שטאַרק בגילופענער געמאַכט מיט די הענט אַרויף, ווי מיט פליגל, און ר׳ תנחום און ר׳ איטשעלע קובאַץ, וועלכע זענען אויך געווען בגילופין, האָבן געהויבן די הענט, ווי ר׳ זלמן, און מיטגעשריגן מיט אים: אַראָף! אַראָף! אַראָף!

ס׳האָט דעמאָלט אָנגעהויבן צוזופאַלן דער פאַרנאַכט. יידן זענען געקומען אין שטיבל אַריין דאַווענען מנחה־מעריב. האָבן זיי געזען ווי די דריי שטייען, מאַכן מיט די הענט ווי מיט פליגל און שרייען ווי באַנומענע: אַראָף! אַראָף! אַראָף! אַראָף!

פון דעם דאָזיקן געשריי איז אַלע, וואָס זענען געקומען דאַווע־נען, באַפאַלן אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרוועך, אַ גרויסע שמחה,

זיי האָבן געזאָגט דעם סדר הקרבנות מיט אַזאַ התלהבות, מיט אַזאַ איבערגעגעבנקייט, ווי זיי וואָלטן זיך געגרייט מקריב צו זיין דעם קרבן־מנחה, ווי זיי וואָלטן געגאַנגען פאַררייכערן קטורת און אָנצינדן די מנורת־המאור.

מען האָט געעפנט טיר און פענצטער, וואָס זענען אַרויסגע־גאַנגען אין גאָרטן אַריין. אין שטיבל האָבן זיך אַריינגעגאָסן די פרישע ריחות פונעם גאָרטן און זיך אויסגעמישט מיט די ריחות פון די אַלטע ספרים, וואָס זענען געשטאַנען אויף די פּאָליצעס אין אַלע חדרים פונעם שטיבל.

מען האָט זיך געשטעלט דאַווענען מנחה און באַלד דערנאָך מעריב, און געדאַוונט האָט מען מיט גרויס כוונה, ווי ספּעציעל פאַרן היינטיקן אָוונט. באַלד נאָכן דאַווענען האָט יעדער פון זיך אַליין אַרויסגענומען דעם בייטל און געגעבן אויף בראָנפן, ווי זיי וואָלטן זיך פון פאַרויס געהאַט אָפּגעשמועסט באַלד נאָך מעריב אַזוי צו טאָן.

מען האָט געברענגט בראָנפן מיט פאַרבייסעכץ. דער עולם האָט געטרונקען און זיך געווונטשן אַ גאולה שלמה במהרה.

און כאָטש דער עולם איז ביי מנחה־מעריב אין אַ פּשוטן טאָג געווען אַ קליינער, האָבן אָבער אַלע געפילט, אַז דאָס גרויסע שטיבל איז פול, אָנגעפּאַקט מיט התרוממות און שמחה, פול מיט דער־הויבנקייט און פרייד.

יאָרן לאַנג האָבן די אַלעקסאַנדער חסידים גערעדט וועגן דעם דאָזיקן אָוונט אין שטיבל און זיך דערציילט פּלאימדיקע זאַכן, וואָס זענען אין דעם אָוונט געשען.

אָבער קיינער פון זיי האָט נישט געוווסט, אַז דאָס התרוממות און די שמחה, די גאַנצע געהויבנקייט און פרייד און די אַלע פלאים, וואָס האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז זיי זענען אין דעם אָוונט געשען, אַז דאָס אַלץ איז געקומען פון דעם שמועס צווישן ר׳ זלמנען און ר׳ תנחומען וועגן מדרגות...

ר׳ תנחום — און די וועלט

ר׳ תנחומען איז געווען קשה, ער האָט נישט געקאָנט פאַר־שטיין, נישט תופס געווען מיטן שכל, נאָך וואָס האָט כביכול באַ־דאַרפן זיך מצמצם זיין, בכדי צו שאַפן אַן אָרט פאַר אַזאַ גרויסער וועלט.

אייגנטלעך, איז וואָס שייך צו זאָגן זיך מצמצם געווען? און אין דער באַשאַפענער וועלט גופא איז דען כביכול נישט פאַראַן? אומעטום איז ער דאָך דאָ. מלא כל הארץ כבודו. אין יעדן בוים און אין יעדן גרעזל אַפילו, איז ער דאָך פאַראַן. די בערג און די טאָלן, די טייכן און די ימען, דער הימל און די ערד, די זון און די לבנה און אַלע שטערן, דאָס גאַנצע צבא השמים, אין דעם אַלעם איז נישט נאָר דער בורא פאַראַן, נאָר דאָס איז דאָך ער אַליין. זייער כוח איז זיין כוח. דער כוח הפועל איז פאַרבליבן בנפעל, דער כוח פון באַשאַפער איז געבליבן אין דעם באַשאַפענעם. מיט דעם כוח האַלט זיך די וועלט, אויף דעם כוח שטייט די וועלט. דער כוח קאָן דאָס אַלץ אויפהייבן איבער אַלע זיבן הימלען און קאָן דאָס ווארפן אין טיפסטן תהום פון אַלע תהומען. מיט זיין כוח לעבט דאָס אַלץ, פון אַ גרעזל און אַ ווערעמל ביז אַ מענטש. זיין כוח טוט דאָס אַלץ באַשאַפן און ווידערבאַשאַפן. און זיין כוח קאָן דאָס אַלץ, חלילה, צעשטויבן, צו נישט מאַכן. טאָ וואָס שיקט זיך צו זאָגן „זיך מצמצם געווען”?

אָבער פון דעסטוועגן האָט ר׳ תנחום בילכער געוואָלט האָבן צו טאָן מיטן כביכול אַליין, ווי מיט דער וועלט, וואָס איז נאָר אַ חלק פון אים. אים איז ליבער געווען כביכולס רצון, ווי זיין כוח.

ס׳זאָגט זיך אַזוי: אים, תנחומען, וואָלט געווען בילכער, אים

איז געווען ליבער. אָבער ווער איז ער דאָס, אַז ער זאָל זאָגן, טראַכטן, צי בלויז פילן, אַז עס האָט באַדאַרפן זיין אַנדערש, ווי עס איז? און וואָס איז דער טייטש, אַז ער, תנחום, האָט נישט געקאָנט תופס זיין מיטן שכל? ווי קומט עס, אַז ער, תנחום, זאָל גאָר וועלן תופס זיין מיטן שכל דעם דרך, די מחשבה און רצון פון בורא יתברך הוא? אַז ס'איז לית מחשבה תפיסה בו כלל, אַז קיין שום געדאַנק קאָן אים, דעם בורא עולם, נישט באַנעמען, טאָ וויל תנחום מיט זיין שכל פאַרשטיין די דרכים, די וועגן און די געדאַנ־קען פון דעם, וואָס פירט אָן מיט אַלע עולמות, מיט אַלע וועלטן? האָט דאָך גאָט ברוך הוא געזאָגט דורכן מויל פון ישעיה הנביא: כי לא מחשבותי מחשבותיכם ולא דרכיכם דרכי, וואָרעם נישט מיינע טראַכטונגען זענען אייערע טראַכטונגען און נישט אייערע וועגן זענען מיינע וועגן.

דער אמת איז, אַז ר' תנחום האָט דאָס אַלץ גאָר נישט גע־וואָלט. ער האָט, חלילה, נישט מתרעם געווען קעגן דעם וואָס עס איז, און ווי אַזוי עס איז. ער האָט זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז מיטן שכל קאָן ער גאָר נישט פאַרשטיין. און דאָס אַליין איז אַ מדרגה. לויט דעם רמב"ם איז דאָס דער תכלית הידיעה, דער זין פון וויסן. דער זין פון וויסן איז, אַז מען זאָל וויסן, אַז מען ווייסט נישט. ר' תנחום האָט מיט זיין רגש, מיט זיין געפיל, דאָס אַלץ זייער גוט באַנומען, ער האָט דאָס זייער גוט געוווּסט.

אָבער ווען ער פלעגט אַ מאָל פאָרן מיט מיין טאַטן אין אַ דראָזשקע אין „יענע גאַסן" אַריין — און געזען אַזוי פיל גויים מיט גויעס. ווען ער האָט געהערט, אַז אין דעם בלאַט־ציַיטונג שרייבט מען וועגן אַ גרויסער וועלט מיט ענגלענדער, פראַנצויזן, טערקן, יאַפּאַנטשיקעס און כינטשיקעס, דעמאָלט פלעגט ר' תנחומען ווערן עפּעס זייער פּזשיקרע, עפּעס גאָר נישט דאַסיק אויפן האַרצן. ס'פלעגט זיך אים אַריינגנבענען אין האַרץ און אין מוח אַן אומ־רוּיִקייט. נישט קיין שאלה איז דאָס געווען, און אוודאי נישט קיין טענה, חלילה, נאָר ער האָט געהאַט אַ געפיל, אַז דערמיט וואָס די

וועלט איז אזוי גרויס, און ס׳איז פאַראַן אויך אויף איר אזוי פיל משונהדיקע פעלקער, געשעט אים, תנחומען, עפּעס אַ קריוודע.

מילא, אַז ס׳איז פאַראַן אין ווארשע נישט איין אַלעקסאַנדער שטיבל, ווו אַלע חסידים זאָלן דאַוונען צוזאַמען, נאָר עטלעכע, אויף דער פראַנציסקאַנער גאַס, אויף די נאַלעווקעס, אויף דער דזשיקע און מאַריאַנסקע און אַנדערע, דאָס האָט ר׳ תנחומען נישט געאַרט. פאַרקערט, פון דעם איז ער געווען צופרידן, ווייל דאָס איז דאָך בכדי להגדיל חסידות ולהאדירו, צו גרויסן דאָס חסידות און עס צו באַשיינען. אַפילו דאָס, וואָס אַחוץ אַלעקסאַנדער חסידים זענען פאַראַן גערער, האָט ר׳ תנחומען אויך נישט געאַרט. חסידים דאַרפן האָבן מיט וועמען צו פירן מחלוקתן. און אַז די שטרייטן צווישן די גערער און אַלעקסאַנדער חסידים איז אַ מחלוקה לשם שמים, אין דעם איז ר׳ תנחום געווען זיכער, דאָס איז ביי אים געווען אויסער יעדן ספק.

ר׳ תנחום האָט זיך גאָרנישט געפילט געפּלעפט פון דעם, וואָס גערער זענען פאַראַן פינף מאָל אַזוי פיל ווי אַלעקסאַנדערער. פאַרקערט, ער האָט דערין געזען אַ מעשה ליסתור, אַ זאַך אויף אָפּצוּווענדן. וואָרעם וואָס גרעסער דער עולם אַלץ גרעסער דער טעות וואָס ער באַגייט. און ר׳ תנחום האָט דאָס מסביר געווען בדרך משל:

אַ מאָל איז אַ ייד געשטאַנען על פרשת דרכים, אויף אַן אָרט פון וואַנען ס׳זענען זיך צעגאַנגען צוויי וועגן. איין וועג איז געווען אַ גלייכער, אַ ברוקירטער, אַ לייכטער און דער צווייטער וועג איז געווען אַ זאַמדיקער, פול מיט גריבער און בערגער.

אַזוי ווי דער ייד שטייט און קוקט, זעט ער ווי ס׳קומט אָן אַ מענטש און פאַרנעמט זיך אויף דעם קרומען, שווערן וועג. און דער טאָג איז דעמאָלט געווען אַ הייסער, אַ זנאַינער, אַ מאַטערנ־דיקער. שטייט דער ייד און שטוינט: פאַר וואָס האָט דער מענטש אויסגעקליבן דווקא דעם שווערן, קרומען וועג?

אין דער רגע קומט אָן נאָך אַ מענטש און גייט אין דעם זעלבן

קרומען וועג, ווי דער ערשטער. נאָך דעם צווייטן קומט נאָך אַ דריטער, נאָך דעם דריטן אַ פערטער, און אַזוי האָט זיך אַ גאַנץ גרויסער עולם, איינער נאָך דעם אַנדערן, פאַרנומען און געגאַנגען אויפן שווערן, זאַמדיקן, טאָליקן און באַרגיקן וועג.

און דער ייד שטייט פון דער ווייטנס און איז נבהל ומשתומם. וואָס טוט זיך דאָ? פרעגט ער זיך אַליין. ס'טייטש, ווי קאָן גאָר אַזאַ זאַך געמאָלט זיין! אָבער ער וואָגט נישט צוצוגיין צו אַזאַ גרויסן עולם און אים פרעגן קשיות.

פון דעסטוועגן, ווען דער לעצטער מענטש איז אַדורך, האָט זיך דער ייד אָנגענומען מיט מוט, צוגעגאַנגען צו אים און געפרעגט:

— ר' ייד, דאָ זענען פאַראַן צוויי וועגן. איינער אַ גלייכער און דער צווייטער אַ קרומער, טאָ וואָס האָט איר זיך אויסגעקליבן צו גיין דווקא אין דעם קרומען וועג?

ענטפערט אים דער ייד תמימותדיק:

— כ'ווייס נישט. כ'האָב געזען אַנדערע יידן גייען, בין איך אויך געגאַנגען.

איז דער ייד שוין געוואָרן ביי זיך זיכערער און צוגעגאַנגען צו דעם פאָרלעצטן גייער און אים געפרעגט די זעלבע שאלה. ענטפערט אים דער ייד דאָס זעלבע וואָס דער ערשטער: — כ'האָב געזען אַנדערע גייען, בין איך אויך געגאַנגען.

דעמאָלט האָט דער ייד אָנגעהויבן צו גיין פון איינעם צום אַנדערן און יעדער האָט אים געגעבן דעם זעלבן ענטפער.

ווען דער ייד איז צוגעקומען צו דעם, וואָס איז געגאַנגען נאָך דעם ערשטן גייער און אים געפרעגט, פאַר וואָס גייט ער אויפן קרומען וועג שטאָט אויפן גלייכן, האָט דער געפרעגטער אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויפן ערשטן גייער און געזאָגט:

— כ'האָב געזען ער גייט, בין איך אויך געגאַנגען.

ווען דער ייד איז צוגעקומען צו דעם ערשטן גייער, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַ בלינדער, אַז ער האָט נישט געוווּסט ווּ ער גייט...

פאַרשטייט זיך, אַז האָבנדיק אַזאַ משל אין דער האַנט, האָט זיך ר׳ תנחום ווייניק וואָס איבערגענומען דערמיט, וואָס דער גערער עולם איז אַ סך אַ גרעסערער ווי דער אַלעקסאַנדערער. אים האָט אויך נישט געאַרט, וואָס אַנדערע רבים האָבן חסידים. להיפוך צו ר׳ זלמנען איז ר׳ תנחום געווען אַ ייִד אַ פאַרגינער. אדרבא, זאָלן זיין וואָס מער רבים און וואָס מער חסידים. כן ירבו! אפילו מיט מתנגדים האָט ר׳ תנחום אויך גוט געלעבט. ער האָט זיי גע־האַלטן פאַר ווילע און טייערע יידן. אלא מה, זיי האָבן נישט דער־זען דאָס ליכט פון חסידות? נו, מילא, קאָן מען דען האָבן אַ טענה צו עמעצן דערפאַר, וואָס יענער האָט אַ שוואַכע ראיה?... אַבי זיי זענען יידן. וואָס מער יידן זאָלן זיין! אוי, יידן! — איז ר׳ תנחום אָפט זיך צעגאַנגען מיט אַ געשריי.

נאָר די גרויסע וועלט מיט אַזוי פיל גויים, דאָס האָט געדריקט אויף ר׳ תנחומס געמיט ווי אַ שווערע, אומהיימלעכע משא. ער האָט, חלילה, נישט געפרעגט קיין קשיות, ער האָט נישט געהאַט קיין טענות. חס ושלום! אים האָט נאָר מוראדיק וויי געטאָן, וואָס אויף אַזאַ וועלט, וואָס ער, ברוך הוא, האָט באַשאַפן מיט זיין אייגע־נעם אָטעם, אָפגעגעבן דערויף זיינע גאַנצע זעקס טעג, זאָלן אַזוי פיל גויִים באַלעבאַטעווען ווי אין זייער אייגנס...

*

פון גרוים ווייטיק דערפון האָט ר׳ תנחום איין מאָל פאַר אַלע מאָל אויפגעשטעלט זיך דעם קאָלנער פון זיין לאַנגן, שוואַרצן פאַלטן, וואָס די צייט האָט פון זיין שוואַרץ געמאַכט גרין און ס׳האָט זיך באַקומען אַ מין טאַבאַטשקאָווער קאָליר. ער האָט דעם פאַלטן מער קיין מאָל נישט אויסגעטאָן, נישט זומער און נישט ווינטער. ער האָט דעם קאָלנער קיין מאָל נישט אַראָפּגעמאַכט. זומער האָט ער נישט צוגעלאָזט צו זיך די וואַרעמע לופט און ווינטער די קאַלטע. ער האָט אַריינגעצויגן די לופט אַרום זיך נאָר אויף אַזוי פיל, אַבי ער זאָל קאָנען איבערכאַפּן דעם אָטעם, מער נישט. ער האָט זיך אויך אַראָפּגערוקט דאָס גרויסע יידישע היטל

ביז צו די אויגן — און זיך אין גאַנצן אָפּגעגרענעצט פון דער ארומיקער וועלט. נישט געוואָלט מיט איר האָבן קיין מגע ומשא.

מיט מיין טאַטן אין די גויִישע גאַסן פלעגט ער פאָרן מיט דאָראָזשקעס. ער האָט דעמאָלט נישט געקוקט נישט אויף רעכטס און נישט אויף לינקס, נאָר געהאַלטן די אויגן אָנגעשטעלט אויף איין פונקט, אויף די שפּיצן פון זיינע שטיוול, און אויף קיין רגע, אויף קיין איין סעקונדע, נישט אַוועקגענומען די אויגן פון זיי.

ס'איז דערגאַנגען דערצו, אַז ר' תנחום, וואָס פלעגט, ווען מען האָט אים געשיקט מיט אַ שליחות, נעמען געלט אויף דאָראָזש־קעס און אַפילו אין די ווייטסטע געגנטן גיין צו פוס, האָט טאַקע ממש אָנגעהויבן פאָרן אין דאָראָזשקעס, ווען ער האָט באַדאַרפן פאָרן, צי בלויז אַדורכפאָרן די גויִישע גאַסן. אין אָנהייב, ווען ־מעצער האָט דאָס ביי אונדז אין שטוב דערציילט, האָט קיינער פון אונדז אין דעם נישט געוואָלט גלייבן. ערשט ווען איינע פון מיינע שוועסטערס האָט אים אַליין, מיט די אייגענע אויגן, געזען אין אַ דאָראָזשקע, ערשט דעמאָלט האָבן אַלע אָנגעהויבן גלייבן אין דעם, וואָס האָט אונדז אויסגעזען צו זיין אומגלייבלעך.

אַזוי ווייט איז דערגאַנגען ר' תנחומס ווידערווילן צו דער דרויסיקער וועלט.

*

נאָר ווען ער פלעגט פרייטיק אין דער פרי קומען אין מרחץ אַריין און געגרייט זיך אויסצוטאָן, דעמאָלט איז ער זיך צעגאַנגען ווי אין אַ גרויסן יום־טוב. דאָס מרחץ האָט אים אין גאַנצן צענו־מען, און ר' תנחום האָט זיך געלאָזט טראָגן פון זייער אַ געהויבן געפיל. שוין אין דער פאָדערשטוב, ווי נאָר ער האָט דערפילט דעם זייפנדיקן ריח פון מרחץ־וואַסער, ווי נאָר ער האָט איינגע־אָטעמט אין זיך דאָס ערשטע ביסעלע פּאַרע, איז ער געוואָרן גאָר אַ נייער מענטש, ווי מען וואָלט אין אים אַריינגעבלאָזן אַ נייע נשמה.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און זייער פּאַמעלעך, מיט גרויס

כוונה, אָנגעהויבן אויפצוקנעפּלען די ערשטע קנעפּ פון פּאַלטן. און שוין האָט ער אָנגעהויבן קרעכצן מיט אַזאַ הנאה, אַז מען האָט בפירוש געזען, אַז דער ייד צעגייט זיך ממש פון תענוג.

ער האָט אויסגעטאָן דעם פּאַלטן און אים אַוועקגעלייגט אויף אַ באַנק, אויף איינער פון די לאַנגע, אויף ברוין־געמאָלענע בענק, וואָס זענען געשטאַנען ביי די ווענט אין פּאָדערשטוב פון מרחץ. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן אויפצוקנעפּלען די קאַפּאָטע און זי אויסגעטאָן. מיט יעדן שטיקל מלבוש, וואָס ר׳ תנחום האָט אַראָפּ־גענומען פון זיך, האָט ער ממש געפילט ווי ער דערגייט פּאַמעלעך און בהדרגהדיק צו התפשטות הגשמיות.

וואָרעם אַ יידישער גוף אין אַ יידישן מרחץ, מיט אַ יידישן בעדער, מיט יידישער פּאַרע און מיט יידישע שמיץ פון אַ יידיש בעזעמל, און דאָס אַלץ צווישן חסידישע און יידישע יידן, צי איז דען אַזאַ גוף נישט הוילע רוחניות?

אַ נאַקעטער, אַן אויסגעטוענער פון אַלעם, האָט ר׳ תנחום אָנגעהויבן שטעלן פּאַרזיכטיקע טריט אויפן גליטשיקן דיל אין מרחץ אַריין. די הכנות זיינע, וואָס האָבן אַזוי לאַנג געדויערט, האָבן אים פאַרשאַפט אַזוי פיל פאַרגעניגן, אַז אַריינקומענדיק אין מרחץ גופא, האָט אים פּלוצים אַלץ אויסגעזען צו זיין ווייניק: ווייניק פּאַרע, ווייניק היץ, ווייניק וואַסער. און דאָ, צווישן בלויז חסידישע און סתם יידישע יידן, האָט ר׳ תנחום זיך צעשריגן אויפן בעדער דווקא אויף רוסיש:

— זשאַרו דאַוואַי!

ר׳ תנחום איז אַרויפגעקראָכן אויף גאָר אַ הויכער באַנק און זיך אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג. דער בעדער־יונג האָט אים גוט אויסגעזייפט, אויסגעריבן און דערנאָך אויסגעשמיסן מיט אַן איינגעזייפט בעזעמל, וואָס איז געווען אי ווייך אי שטאַרק. דער בעדער־יונג האָט נישט געזשאַלעוועט זיינע כוחות, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז כאָטש ר׳ תנחום איז אַ ייד אַן אָרעמאַן, אָבער באַד־געלט לאָזט ער איבער נישט ווייניקער ווי נישט איין שיינער נגיד.

ווען ר׳ תנחום איז געלעגן אויף זיין שטאַרק געהויקערטער פּלייצע, איז עס אים נישט געווען אַזוי באַקוועם. אָבער ווען ער האָט זיך איבערגעדרייט און זיך געלייגט אויפן בויך, איז זיין תענוג געווען אין לשער. ער האָט אַרויסגעגעבן פון זיך די סאַמע משונהדיקסטע קולות. דאָ האָט ער געפּרייכט ווי אַ געשטאָפּטע גאַנדז, דאָ געמרוטשעט ווי להבדיל אַן אָקס, געהירזשעט ווי אַ פערד, אָדער גאָר געברומט ווי אַ לייב, צי סתם געשריגן אין דער וועלט אַריין. זיינע קולי־קולות האָבן איבערגעשריגן די קולות פון אַלע אַנדערע.

דער בעדער־יונג האָט אים אָפּגעגאָסן בשפעדיק מיט עטלעכע שעפלעך וואַרעם וואַסער און אים אָפּגעשוואָנקען. איי־איי, האָט ר׳ תנחום פאַסמאַקעוועט. ס׳איז געווען מחיה־נפשות. דערנאָך איז ער אַראָפּגעגאַנגען פאַמעלעך פון דער הויכער באַנק און אַ נאַקעטער מיטן בלויזן סאַמעטענעם קאַפּל אויפן קאָפּ, געגאַנגען זיך טובל זיין אין דער מקווה.

דאָ איז געווען זיין וועלט. פאַרן דרויסן איז ער אפילו אין זומער געגאַנגען אָנגעטאָן אין די ווינטערדיקע מלבושים, מיט אַן אויפגעשטעלטן קאָלנער און אַראָפּגערוקט היטל. אָבער דאָ האָט ער אַרויסגעשטעלט זיין נאַקעטן גוף אויף אַזוי פיל ריין ייִדישקייט. ער האָט עס אַריינגעאָטעמט אין זיך נישט נאָר מיטן מויל און נאָז, נאָר מיט דער גאַנצער הויט, מיטן גאַנצן גוף, מיט אַלע רמ״ח אברים און שס״ה גידים.

צו לאַנג זיין אין דער מקווה האָט ר׳ תנחום אויך נישט געקאָנט. עס איז געווען ערב שבת און אַ גרויסער עולם האָט געשטראָמט אין דער מקווה אַריין. איז ר׳ תנחום זייער נישט גערן אַרויס פון וואַסער. ער האָט זיך אָפּגעשאָקלט, אַרומגעווישט זיך מיט אַ האַנטעך, מיט איינעם פון די, וואָס דער מקווה־ייִד האָט געהאַלטן אַריבערגעוואָרפן איבערן אָרעם, און אַריין אין פאָדער־שטוב פון מרחץ, ווו ס׳איז געלעגן זיין אָנטועכץ.

ווען ר׳ תנחום האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן דעם בערגל מיט

זיינע מלבושים און וועש, איז ער שטאַרק אַראָפּגעפאַלן ביי זיך. זיין גאַנץ התרוממות הנפש איז מיט איין מאָל אַוועק פון אים. ווען ער האָט געקוקט אויף דעם אַנטוועכץ און אַ טראַכט געטאָן, אַז ער דאַרף דאָס גאַנצע ביסל חיצוניות אַרויפציִען אויף זיך, איז אים געוואָרן מוראדיק שלעכט. אַ טונקלקייט האָט זיך געלייגט אויף זיין נשמה און ער האָט בפירוש געפילט, אַז ער פאַלט אַריין אין קטנות המוחין.

אָבער פאַרפאַלן, אָנטאָן האָט ער זיך געמוזט. דער עולם וואָס האָט געשטראָמט אין און פון מרחץ, האָט געדרוקט אויף אים. אויף די בענק, ווו מען האָט זיך אויסגעטאָן און אָנגעטאָן, האָט שטענדיק געפעלט אָרט. האָט ר׳ תנחום אַן אָנגעכמורעטער אַרויפ־געצויגן אויף זיך די וועש און די מלבושים. ער האָט די וועסט און די קאַפּאָטע פאַרקנעפּלט אויף אַלע קנעפּלעך און אַרומגענומען מיט אַ גאַרטל. דערנאָך האָט ער אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם פּאַלטן. ער האָט זיך אין דעם אַלעם אַזוי פאַרפּאַנצערט, ווי אַ מאָל אַ שלאַכטמאַן, איידער ער איז אַרויס אויף אַ מלחמה.

ווען ר׳ תנחום פלעגט פון דער טיר פון מרחץ אַרויס אויפן הויף, האָט ער זיך אָפט געטראָפן פנים אל פנים מיטן סטרוזש, אַ קריסט מיט בלאָנדע, געדרייטע וואָנסעס און העלע, פריילעכע אויגן. ר׳ תנחומען פלעגט דעמאָלט באַפאַלן אַ גרויס עצבות, און ווי היים ס׳זאָל נישט האָבן געוועזן אין גאַס, האָט ער זיך פעסט אַרומגענומען מיטן שווערן פּאַלטן און טיף פאַרשטעקט די הענט אין די אַרבל זיינע.

אָבער ווען ר׳ תנחום האָט זיך געפונען אין גאַס און דערזען דעם פּאָליציאַנט מיט די שפּיציקע וואָנסעלעך און בלויע, פאַר־שייטע אויגן, וואָס האָט זיך געדרייט אויפן ראָג אַהין און צוריק, האַלטנדיק מעשה גדלות די גומענע פּאַלקע אין דער רעכטער האַנט, אויף וועלכער ער האָט געטראָגן אַ ווייסע הענטשקע, איז ר׳ תנחום גאָר געוואָרן ביי זיך געפאַלן. ער האָט געוואָרפן זייטיקע בליקן אויף דעם פּאָליציאַנט, וואָס מאַרשירט אַהין און צוריק מיט

אַזאַ גוייִשער זעלבסטזיכערקייט, ווי די גאַנצע וועלט געהערט צו אים — און ער האָט נישט באַנומען וואָס טוט זיך דאָ עפּעס.

ר' תנחום האָט דעמאָלט טיף אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי ער וואָלט מיט זיי געגראָבן אין דער ערד, איינגעהויקערט נאָך שטאַרקער זיין געבויגענע פּלייצע און מיט דראָבנע אָבער גיכע טריט אַ טרויעריקער זיך געגאַנגען זיין וועג.

*

איין מאָל האָט זיך געטראָפן, אַז ווען ר' תנחום איז אין אַ פרימאָרגן געגאַנגען צו אונדז, ווען ער האָט אַדורכגעשניטן די גענשע גאַס ביי די נאַלעווקעס, האָט אַ המון מענטשן, וואָס האָט פאַרנומען די גאַנצע ברייט פון דער גאַס, אים פאַרשטעלט דעם וועג.

ר' תנחום, וועלכער האָט די גאַנצע צייט ביים גיין געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן, האָט לחלוטין נישט באַמערקט די אומגעוויינלעכע באַוועגונג פון די טראַמוויען און דראָזשקעס, געקערעוועטע דורך די פּאָליציאַנטן אין די זייטיקע גאַסן, גענשע און פראַנציסקאַנער. ער האָט אויך נישט באַמערקט דעם המון מענטשן פאַר זיך. ערשט ווען ער איז צוגעגאַנגען האַרט לעבן זיי, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אינעם המון, ווי אין אַ פּעסטער, דיקער מויער.

די מענטשן־מאַסע איז געשטאַנען צום אָנקומענדיקן תנחומען מיט די רוקנס. ר' תנחום האָט אָנגענומען איינעם פון זיי ביי אַן אָרעם, אים אַ צי געטאָן און געפרעגט: ר' ייד, וווּס איז דו געשעין?

אָבער נישט דער ייד און נישט די אַנדערע יידן, וועלכע ר' תנחום האָט געצויגן ביי די אָרעמס, האָבן אים נישט געענטפערט. זיי האָבן מיט האַסטיקע באַוועגונגען באַפרייט זייערע אָרעמס, עפּעס אַ בייזן ברום געטאָן און געבליבן ווייטער שטיין פאַרקוקט פאַר זיך, ווי אין אַ פאַרכישופטע בילד.

ביז וואַנען איינער האָט זיך מרחם געווען אויף ר' תנחומען און מיט אַ געבייזער אים געענטפערט:

— ר׳ ייד, וווּס, איר זעט נישט? ס׳איז דאָך אַ שריפה!

ערשט דעמאָלט האָט ר׳ תנחום אויפגעהויבן זיין אָראָפּגע־לאָזטן קאָפּ, געפּרוּווט אויסגלייכן די איינגעהויקערטע פּלייצע, געשטעלט זיך אויף די שפּיץ פינגער און דערזען פון דער ווייטנס זייער הויכע לייטערס און אויף זיי פייערלעשערס אין בלאַנקנדיקע קאַסקעס און אין זייערע הענט גראָבע גומי־קישקעס, פון וועלכע ס׳גיסן זיך שטראָמען וואַסער.

מילא, אַ שריפה איז אַ שריפה, איז מה רעש? האָט זיך ר׳ תנחום געטראַכט. ער האָט געוווּסט, אַז מיין מאַמע דאַרף צו־פאָרן אין אַ געשעפט מאַכן אַ גרויסע קניה פון ווינטערדיקע שטאָפן, און אים איז געגאַנגען בנפשו, אַז ער זאָל דערביי זיין. ערשטנס, האָט ער סתם נישט ליב געהאַט, אַז מען טוט עפּעס ביי אונדז אין הויז אָן אים, שנית, האָט ער זיך געריכט, אַז עס וועט אים געלונ־גען דערביי צו פאַרדינען אויף לינקס אַ שיינע פּאָר זלאָטעס. און דאָ גאָר אַ שריפה, וואָס פאַרשטעלט אים דעם וועג.

אמת, ער האָט געקאָנט זיך צוריקציען, אַריין אין דער גענשע, אַרומקרייזן די דזשיקע און מוראַנאָווסקע און צוקומען צו אונדז אויף מוראַנאָוו. אָבער דאָס, האָט ר׳ תנחום געטראַכט, וואָלט געדויערט צו לאַנג, און ער האָט מורא געהאַט, אַז מיין מאַמע וועט דערווייל אַוועק מאַכן די קניות אָן אים.

דעמאָלט איז אים באַפאַלן עפּעס אַ רוח־שטות, אַ נאַרישער געדאַנק, אַז ער וועט זיך אַדורכשטופּן, אַדורכרייסן דורך דעם געדיכטן המון מענטשן, אַז ער וועט זיך שוין אַדורכשלאָגן אַ וועג און ער וועט נאָך באַוויזן קומען צו דער צייט, איידער מיין מאַמע וועט אַוועק אין גאַס.

ר׳ תנחום האָט זיך נישט געפּוילט. ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן מיט די אָרעמס אויף רעכטס און אויף לינקס. ער האָט זיך אַריינ־געדרייט אין דער געדיכטער מאַסע, ווי מען שרויפט אַריין אַ שרויף אין אַ וואַנט. ער האָט שווער געאַרבעט, געסאָפּעט, קוים געכאַפּט דעם אָטעם. עס איז געווען אַ וואַרעמער טאָג און ר׳ תנחום

אין זיין דיקער קאַפּאָטע און שווערן פּאָלטן איז אָפּגעגאַנגען אין שוויים.

די מענטשן, אויף וועלכע ער האָט מיט כוח געשפּאַרט, האָבן געשריגן אויף אים מיט כעס: ר׳ ייד, ווּס שטיפּט איר זעך אַזוי! די פּאָליציי וועט אָך סאַווּיסאָ נישט לאָזן אַדורכגיין. די גאַס איז אופּגעשלאָסן פון ביידע זאַטן!

אָבער ר׳ תנחום האָט נישט געהערט וואָס מען רעדט צו אים, ער האָט נישט געוואָלט פון גאָר נישט וויסן. ער האָט געהאַט פאַר זיך איין ציל: באַווייזן קומען צו אונדז איידער די מאַמע וועט אוועקגיין, און געטראַכט האָט ער זיך, אַז ער וועט זיך יאַקאַש אַדורכשלאָגן אַ וועג.

און ער האָט טאַקע דערגרייכט דאָס, וואָס האָט אים אויסגעזען צו זיין דאָס וויכטיקסטע: ער האָט זיך אַדורכגעריסן דורך דער געדיכטער מויער מענטשן און זיך געפונען צווישן די, וואָס זענען געשטאַנען פון סאַמע פראָנט.

ר׳ תנחום האָט זיך אַ רגע אַרומגעקוקט און דערזען פאַר זיך אַ שטיק ליידיקע גאַס, אין גאַנצן אָפּגערייניקט פון מענטשן. לעבן אַ טויער פון אַ הויז שטייען רויטע מאַשינען פון פייערלעשער, דיקע גומענע קישקעס ליגן אין מיטן דער גאַס און אַרום זיי פּאָרען זיך פייערלעשער אין מעשענע קאַסקעס. פּאָליציאַנטן און סטרו־זשעס דרייען זיך איבער דער גאַס און לאָזן קיינעם נישט אַרויס פון די טויערן.

ר׳ תנחום האָט לאַנג נישט געטראַכט, ער האָט זיך אָפּגעריסן פון דער פּאָדערשטער ריי מענטשן און געמאַכט אַ טריט אין דער אָפּגעליידיקטער גאַס.

אָבער דאָ איז לעבן אים אויסגעוואַקסן אַ פּאָליציאַנט און מיט אַ פּאָר אויפגעריסענע פון שטוינונג און כעס אויגן, האָט ער אַ געשריי געטאָן אויף ר׳ תנחומען:

— וווּהין?

ר׳ תנחום האָט זיך געמאַכט נישט הערן דעם פּאָליציאַנטס געשריי און געשטעלט נאָך אַ טריט.

אין דער רגע איז צו צו אים דער פּאָליציאַנט, מיט ביידע הענט אים אָנגעכאַפּט ביי די אָרעמס און מיט כוח אים אַ שטופּ געטאָן אויף צוריק.

ר׳ תנחום האָט כמעט נישט געקענט קיין וואָרט גוייִש. אָבער איצט, אין זיין טיפער באַליידיקונג, איז אים פון ערגעץ ווו אויפ־געשוואומען אַ וואָרט, וועגן וועלכן ער האָט געפילט, אַז עס וואָלט געווען אויפן אָרט.

שטיל, כמעט צו זיך אַליין, האָט ער פון ביטול צום פּאָליציאַנט אַ זאָג געטאָן דאָס רוסישע וואָרט: דוראַק.

אָבער ווי שטיל ר׳ תנחום האָט דאָס נישט געזאָגט, האָט עס דער פּאָליציאַנט פאָרט דערהערט און פאַרשטאַנען. אַ רויטער, אַן אָנגעצונדענער פון רציחה, איז ער צו צו ר׳ תנחומען מיט געביילטע פויסטן און געשריגן ווי אַ באַנומענער: — אויף וועמען האָסטו געזאָגט „דוראַק״ ? !

דער עולם, וואָס איז געשטאַנען נעבן ר׳ תנחומען האָט פון מורא, אַז מען זאָל עמעצן פון זיי נישט חושד זיין אין זאָגן דאָס וואָרט „דוראַק״, זיך אָנגעהויבן פון אים אָפּצורוקן. זיי האָבן זיך צונויפגעצויגן, זיך צוזאַמענגעפּרעסט און צווישן זיי און ר׳ תנחו־מען האָט זיך געשאַפן אַ שטיקל ליידיק אָרט.

ר׳ תנחום איז געבליבן שטיין אַליין, אויג אויף אויג מיטן פּאָליציאַנט, וועלכער האָט נישט אויפגעהערט ווילד צו שרייען:

— אויף וועמען האָסטו געזאָגט „דוראַק״ ? !

ר׳ תנחום האָט זיך געוואָלט פאַרענטפערן אָבער נישט געקענט קיין וואָרט פויליש. ער איז געשטאַנען און געפינטלט מיט די אויגן פון שרעק.

דער פּאָליציאַנט האָט אים אַ שלעפּ געטאָן צו זיך ביי דער האַנט, אַ כאַפּ געטאָן דאָס פּייפּערל, וואָס איז געהאָנגען אויף זיין גראַנאַטענעם מונדיר און זיך צעפּייפט.

באַלד זענען אָנגעלאָפן נאָך אַ פּאָליציאַנט און אַ סטרוזש. דער פּאָליציאַנט, אויף וועלכן ר׳ תנחום האָט געזאָגט „דוראַק״, האָט אָנגענומען ר׳ תנחומען ביים אויפגעשטעלטן קאָלנער פונעם פּאַלטן און געשריגן:

— אין דער פּאָליציי! אין דער פּאָליציי!

ר׳ תנחומען זענען פון פּחד אָפּגענומען געוואָרן די פיס. נישט ער האָט נישט געוואָלט גיין, נאָר פּשוט די פיס זענען ביי אים ווי געליימט געוואָרן און ער האָט מיט זיי נישט געקאָנט מאַכן קיין טריט. דער פּאָליציאַנט האָט דאָס אָבער אָנגענומען פאַר נישט וועלן גיין, פאַר שטעלן אַ ווידערשטאַנד דער פּאָליציי. זיין רציחה האָט גאָר קיין גרענעץ נישט געהאַט.

מיט זיין לינקער האַנט האָט ער אָנגעכאַפּט ר׳ תנחומס לינקע האַנט און זי אים אַרונטערגעדרייט ביז אין מיטן די פּלייצעס, און מיט דער פויסט פון דער רעכטער האַנט אים אַ שטויס געטאָן אין די פּלייצעס מיט אַזאַ כוח, אַז ר׳ תנחום איז פונעם שטויס אָפּגע־לאָפן אַ שפּאַר שטיקל וועג פאָרויס און זיך קוים דערהאַלטן אויף די פיס נישט אומצופאַלן. דערנאָך, ווען דער פּאָליציאַנט האָט זיך מיט אים אויסגעגליכן, האָט ער ווידער אָנגעכאַפּט מיט דער רעכ־טער האַנט ר׳ תנחומס רעכטע האַנט און זי אים אַרונטערגעדרייט, און ווידער אים אַ שטאַרקן שטויס געטאָן פאָרויס — און אַזוי כסדר.

ר׳ תנחום האָט דערפילט, אַז עס איז ביטער, אַז ער איז מוראדיק אַריינגעפאַלן. ער האָט זיך אויף אַ רגע געוואָלט אויס־דרייען צום פּאָליציאַנט און בעטן ביי אים רחמים, כאָטש אויף יידיש. אָבער ער האָט פון דעם גייענדיקן אונטער זיך פּאָליציאַנט באַקומען אַזעלכע אויסגעצילעוועטע שטויסן, אַז ער האָט געמוזט כסדר לויפן פאָרויס, ביי יעדן מאָל שיער נישט אומגעפאַלן און נישט געקאָנט כאַפּן די רגע, ער זאָל זיך קאָנען מיטן פּנים אויס־דרייען צו אים.

די פייערלעשער, די פּאָליציי און די סטרוזשעס האָבן געשפּאַט

און געחוזקט פון דעם ייד מיט דער רויט-געלער באָרד, אין דעם פּאַלטן מיטן אויפגעשטעלטן קאָלנער, וואָס באַקומט אַזעלכע גע־שיקטע שטויסן פון פּאַליציאַנט. יעדעס מאָל, ווען ר׳ תנחום איז שיער נישט אומגעפאַלן, זענען די גויִים אויסגעבראָכן אין אַ היל־כיק געלעכטער, זיך געקאַטשעט מיט ווילדע אויסגעשרייען.

ר׳ תנחומען איז ווי אַ בליץ אַדורכגעלאָפן אַ געדאַנק, אַז ער וועט זיך אַנידערוואַרפן אויף דער ערד, און זאָל זיין וואָס עס וועט זיין. אָבער די שטויסן פון דעם פּאָליציאַנט זענען געווען אַזוי אויסגעצילט, אַז ר׳ תנחום האָט זיך אומאויפהערלעך געפונען אין באַוועגונג און נישט געהאַט די רגע צייט ער זאָל קאָנען איין באַוועגונג אויסוועקסלען אויף אַ צווייטער.

אַזוי האָט דער פּאָליציאַנט אַדורכגעשטויסן ר׳ תנחומען דורך דעם גאַנצן שטח, וואָס איז צוליב דער שריפה געווען אָפּגע־רייניקט פון מענטשן. ווען זיי זענען צוגעקומען צו דער צווייטער זייט פון דער אָפּגעשלאָסענער גאַס, ווו עס איז ווידער געשטאַנען אַ געדיכטע מאַסע מענטשן, האָט זיך דער עולם צונויפגעדריקט און געמאַכט פריי אַ אָרט, אַז דער לויפנדיקער ר׳ תנחום און דער פּאַליציאַנט זאָלן קאָנען אַדורך.

אַ צאָל יידן, וואָס האָבן געזען ווי דער פּאָליציאַנט פירט אַ חסידישן ייד אויף אַזאַ אכזריותדיקן אופן, האָבן געלאָזט די שריפה, די פייערלעשער, אַלץ וואָס האָט זיי ביז איצט אַזוי פאַרכאַפּט, און אָנגעהויבן נאָכגיין דעם פּאָליציאַנט. זיי האָבן געוואָלט וויסן וווּהין פירט ער דעם ייד. טייל האָבן געפּרוּווט זיך צו דערנענטערן און געוואָלט מיט אים איינטענה,. טייל האָבן געטראַכט, אפשר וועט ער זיך לאָזן אָפּה רשן. אָבער דער פּאָליציאַנט איז געווען אַזוי צעיושעט, אַז ער האָט קיינעם צו זיך נישט צוגעלאָזט, און ווען דער עולם אַרום אים און ר׳ תנחומען איז געוואָרן כסדר גרעסער, האָט ער זיך ווידער צעפייפט אויפן פייפערל און די אָנגעלאָפענע פּאָליציאַנטן האָבן צעיאָגט די מענטשן אויף אַלע זייטן.

*

ווען דער פּאַליציאַנט האָט אויף דעם אופן אַדורכגעשטופּט ר׳ תנחומען דורך דעם מוראַנאָווער פּלאַץ, האָבן עטלעכע קינדער פון אונדזער הויז אויף מוראַנאָוו, דערקענט אין אים דעם ייִד, וועלכן זיי פלעגן זען יעדן טאָג צו אונדז אַריינגיין. פאַרסאָפּעטע זענען זיי געקומען צו לויפן, אָנגעקלאַפּט אין דער קיך־טיר און דערציילט אונדזער דינסט גענענדל, וואָס זיי האָבן געזען.

גענענדל איז מיט פאַרבראָכענע הענט אַריינגעלאָפן צו מיין מאַמען, וועלכע האָט זיך געגרייט אַוועקצוגיין, און איר דערציילט יואָס עס איז געשען מיט ר׳ תנחומען. כאָטש גענענדל האָט ר׳ תנ־חומען פיינט געהאַט, ווייל ער פלעגט זיך כסדר הייסן באַדינען און נישט זעלטן זיך פאַרגעסן און אַ שפּיי געטאָן אויף דער פּראָטע־רירטער פּאָדלאָגע, האָט זי איצט, הערנדיק, אַז מען האָט אים גענומען אין דער פּאָליציי, געריסן זיך די האָר פון קאָפּ.

מיין מאַמע האָט נישט געגלייבט אין דעם וואָס די קינדער דערציילן. — סטאַטש, פאַר וואָס קומט ר׳ תנחום צו אַ פּאָלי־ציאַנט? צו פּאָליציי? פאַר וואָס? ווער רעדסטו? אָבער ווען באַלד נאָך די קינדער זענען געקומען עטלעכע דערוואַקסענע מענטשן, וועלכע האָבן אויך דערקענט אין דעם אַרעסטירטן דעם ייִד מיט דער רויטער באָרד, וואָס איז אַ סטאַלע איינגייער צו אונדז, ערשט דעמאָלט האָט זיך ביי אונדז אין שטוב אויפגעהויבן די אמתע בהלה.

מיין טאַטע איז גראָד דעמאָלט נישט געווען אין וואַרשע, האָט די מאַמע גענומען איינע פון מיינע שוועסטערן און געשיקט זי צו איטשעלע קובאַץ. אָבער ביי אים אין שטוב האָט מען געזאָגט, אַז ער קומט אַהיים ערשט ביי נאַכט, נאָך דעם ווי ער דאַוונט אָפּ מנחה־מעריב אין שטיבל.

האָט מיין מאַמע געשיקט מיין צווייטע שוועסטער צו ר׳ שלמה גבאי, אָבער ער איז אויך נישט געווען אין דער היים און זיין ווייב האָט געזאָגט, אַז נאָך דעם ווי ער וועט אַהיימקומען און זי וועט

אים געבן אָפּצועסן מיטאָג, וועט זי אים זאָגן, אַז ער דאַרף תיכּף צוגיין צו אונדז.

דערווייל איז די צייט געגאַנגען.

ווען ר׳ שלמה גבאי איז געקומען צו אונדז איז שוין געווען פינף פאַר נאַכט. ער איז געלאָפן צו אַ באַקאַנטן מאַכער, אַ מעל־דונקאָווע זשאַנדצע, וועלכער איז געווען אַ גאַנצער איינגייער צו דעם דזיעלניצאָווע פון אונדזער געגנט און פלעגט דערליידיקן אַלע שוחד־ענינים מיטן דזיעלניצאָוועס ווייב.

דער מאַכער האָט קודם־כּל אָנגעשראָקן ר׳ שלמהן, אַז ער איז געקומען צו אים צו שפּעט, וואָרעם דער דזיעלניצאָווע, וואָס האָט צוזאַמענגעשטעלט דעם פּראָטאָקאָל איז שוין זיכער אָוועק־געגאַנגען, און ווער ווייסט, וואָס ער האָט דאָרט אַלץ אַריינגע־שריבן. ווער ווייסט, צי האָט ער דעם פּראָטאָקאָל שוין נישט אַריינ־געלייגט צווישן די אָנגעגרייטע פּאַרן קאָמיסאַר פּאַפּירן. דעמאָלט וואָלט געווען גאָר ביטער. עס וואָלט אין בעסטן פאַל געשמעקט מיט גרויסע געלטער. וועגן דעם, אַז מען זאָל נאָך היינט אַרויס־לאָזן ר׳ תנחומען, קאָן גאָר קיין רייד נישט זיין. דאָס איז אַן אוים־געשלאָסענע זאַך. ר׳ תנחום מוז שוין בלייבן זיצן איבער נאַכט אין קאָמיסאַריאַט. — אָבער דער עיקר, ר׳ ייד — האָט דער מאַכער מיט אַ פּאָר דורכדרינגלעכע אויגן געזאָגט צו ר׳ שלמהן, — ר׳ ייד, געלט האָט איר געברענגט?

און ווען ר׳ שלמה האָט אים געזאָגט, אַז קיין געלט האָט ער נאָך נישט, האָט זיך דער מאַכער צעשריגן אויף אים ווי אויף אַ יינגל:

— ר׳ ייד, וווּס שטייט איר? לויפט שוין שאַפן געלט! און וווּס מער! ווער ווייסט וויפיל מען וועט באַדאַרפן! ס׳איז גלאַכער ס׳זאָל זאַן מער, איידער ס׳זאָל אָספּעלן. דוס געלט מיז איך הובן אין צוויי שעה אַרים. נישט שפּעטער! כ׳מיז נאָך האַנט אָוונט זעך זען מיטן דזיעלניצאָווע. טאָמער פאַלט אָן דעם גוי האַנט באַ־נאַכט ערגעץ אָוועקצוגיין, וואָלט געווען גור שלעכט, דעמאָלט איז

אַלץ פאַרפאַלן. מען קאָן באַלד אין דער פרי איבערשיקן איער ייד צום אַספּאַרשונגס-ריכטער אין אַנזעצן אין תפיסה.

אַ צום טויט דערשראָקענער איז ר׳ שלמה גבאי געקומען צו לויפן אין שטיבל אַריין. דער עולם האָט זיך שוין אָנגעהויבן זאַמלען צו מנחה-מעריב. ווען די חסידים אין שטיבל זענען געוואָר געוואָרן וואָס עס איז געשען מיט ר׳ תנחומען, וואָס אים דראָט, האָבן זיי אויפגעהויבן אַ געטומל און אַ געפּילדער. ס׳האָט אין שטיבל געקאָכט און געזאָטן.

ר׳ זלמן איז גאָר געווען אויסער זיך פון דעם וויסטן פאַרלויפעניש מיט ר׳ תנחומען. ווען ער האָט געהערט, אַז ר׳ תנחום וועט מוזן בלייבן איבער נאַכט אין דער פּאָליציי, איז ער אין גאַנצן ווילד געוואָרן. ער האָט גאָר נישט געקאָנט באַנעמען אַזאַ זאַך. ער האָט געשריגן און געליאַרעמט מען זאָל קודם זען, אַז דער מאַכער זאָל פועלן מען זאָל אַריינלאָזן נאָך אַ צוויי יידן זיי זאָלן זיין מיט ר׳ תנחומען, ביי נאַכט אין דער פּאָליציי. ער אַליין האָט זיך געריסן צו גיין זיצן מיט ר׳ תנחומען אין קאָזע, אַבי יענער זאָל נישט בלייבן דאָרט אַליין.

— ווי קאָן מען פועלן בּאַ זעך איבערצילאָזן אַזאַ ייד ווי תנחום איינעם אַליין אין אַ קאָזע צווישן גויים! געוואַלט, יידן! ס׳איז דאָך עפּעס גור קאַ וועלט נישט! — האָט ר׳ זלמן געמאַכט קולות, זיך געריסן מיט אַלע כוחות.

ר׳ שלמה גבאי האָט געזען, אַז פון דעם גאַנצן געפּילדער וועט גאָר נישט אַרויסקומען, האָט ער אַ פּעסטן קלאַפּ געטאָן אין בעלעמער און אויסגעשריגן ווי נישט מיט זיין קול:

— יידן, פין אייערע קולות אין געוואַלטן וועט תנחום נישט געהאָלפן ווערן! מען מיז זען שוין שאַפן געלט! אין צוויי שעה אַרים מיז איך זאַ, באַם מאַכער, וואָל טאָמער, חלילה, נישט, קאָן זאַן סכנות נפשות!

דער עולם, וואָס איז געקומען יעדן טאָג צו מנחה-מעריב איז נישט געווען קיין פאַרמעגלעכער. דאָך האָט יעדער געגעבן מער

זוי לפי יכולתו, מער ווי ער האָט געקאָנט. אָבער דאָס אַלץ איז געווען ווייניק. האָט אַ טייל פון די יידן, וואָס זענען געווען אין שטיבל, אין צווייענווייז זיך אַרויסגעלאָזט צו די רייכערע חסידים, שאַפן ביי זיי געלט אַרויסצוראַטעווען ר׳ תנחומען.

דאָס קליינע יידעלע מיטן רויטן בערדעלע, איטשעלע קובאַץ, איז נאָך מנחה־מעריב נישט געגאַנגען אַהיים אָפּעסן און אָפּרוען זיך נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרומהאָווען אין גאַס צוליב זיין ביטערער פּרנסה, נאָר געבליבן אין שטיבל, אויסגעפירט אַלע שליחותן, וואָס ר׳ שלמה גבאי האָט אויף אים אַרויפגעלייגט. געלאָפן היין און צוריק, געברענגט געלט, געטוישט, כסדר געווען פאַריאָגט.

אויך ר׳ זלמן האָט נישט גערוט. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אין שטיבל אַ צערודערטער, אַן אויפגעברויזטער, געפּאַטשט אין די הענט און אַרויסגעגעבן פון זיך אַזעלכע משונהדיקע קרעכצן, אַז דאָס סאַמע פאַרשטיינערטע האַרץ האָט געקאָנט גערירט ווערן.

מען האָט צוזאַמענגעשטעלט הונדערט זלאָטעס, מען האָט זיי אויסגעטוישט אויף צוויי קנאַקנדיקע פּופּציקערס, און שלמה גבאי מיט איטשעלע קובאַץ זענען געגאַנגען צום מאַכער.

דער מאַכער האָט גענומען דאָס געלט. געקוקט מיט גרויס דרך ארץ אויף די פּוילישע אָדלערס און איינצייטיק מיט ביטול אויף דער סומע און געזאָגט: — יידן, ווּס מאַכט איר זעך נאַריש. כ׳דאַרף הובן נאָך געלט.

ר׳ שלמה און איטשעלע קובאַץ זענען ווידער געלאָפן און ווידער געשאַפט געלט און עס ווידער אַרויפגעטראָגן צום מאַכער. דער מאַכער האָט געהאַט אַ זויערע מינע, גענומען דאָס געלט מיט די שפּיצן פינגער פון זיין רעכטער האַנט, און געהייסן ר׳ שלמהן מיט איטשעלע קובאַץ קומען צו אים מאָרגן באַלד אין דער פרי געוואָר ווערן, ווי ר׳ תנחומס ענין זעט אויס.

באַלד אין דער פרי, נאָך איידער זיי זענען געקומען דאַווענען, זענען ר׳ שלמה און איטשעלע קובאַץ שוין געווען ביים מאַכער. דער מאַכער האָט זיי אויפגענומען מיט זייער אַן ערנסט פּנים,

געהייסן זיי זיך אָוועקזעצן און מיט אַן אכזריותדיקער רויִקייט זיי אויפגעקלערט, אַז ר׳ תנחומס ענין איז שוין גאָר נישט קיין לייכ־טער. אַז דער דיזשורירנדיקער דזיעלניצאָווע האָט געמאַכט אויף אים אַ שווערן פּראָטאָקאָל, אַז דער קאָמיסאַר ווייסט שוין וועגן דער זאַך, דער אַרעסטירטער זיצט שוין נישט אין דער דיזשורקע, נאָר מען האָט אים שוין אַריינגעזעצט אין קעלער אַריין.

— דערוואַל — האָט געזאָגט דער מאַכער — זיצט איער ר׳ תנחום שוין גור פּעסט. יידן, מען דאַרף נאָך געלט, און ווער זוייסט צי בלויז געלט וועט דו העלפן. גייט און זעט, אַז אחוץ געלט זאָל מען פאַר אים אָך זוגן אַ קאַפּיטל תהילים.

מער ווי אַלץ, מער ווי די ידיעה, אַז ר׳ תנחום זיצט אין קעלער צווישן גנבים און זונות, מער ווי דאָס געלט, וואָס זיי האָבן געדאַרפן ווידער שאַפן, האָבן אויף זיי געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן רושם די ווערטער פון דעם מאַכער, דעם מעלדונקאָווע זשאַנדצע, דעם אַפּיקורס, גאַליבראַדניק און מחלל־שבתניק: „יידן, זוגט אַ קאַפּיטל תהילים״. די דאָזיקע ווערטער האָבן די צוויי יידן אַריינגעבראַכט אין אַזאַ בהלה, אַז זיי זענען געקומען צו לויפן אין שטיבל אַריין וויים ווי מתים, און שוין פון דער שוועל צוזאַמען געשריגן: — יידן, געטס געלט און זוגטס תהילים! תנחום דאַרף רחמים גדולים!

דער עולם האָט ווידער געגעבן געלט און ווידער האָט איטשעלע קובאַץ אָוועקגעטראָגן דעם מאַכער עטלעכע צענדליק זלאָטעס. דערווייל האָט מען זיך אין שטיבל געשטעלט דאַווענען. דער קליינער איטשעלע איז צוריקגעקומען און געזאָגט, אַז דער מאַכער האָט געהייסן ר׳ שלמהן און אים זיין עלף אַ זייגער ביים קאָמיסאַריאַט, וועט ער זיי זאָגן ווי עס האַלט מיט ר׳ תנחומען.

נאָכן דאַווענען האָט זיך דער עולם אָוועקגעשטעלט זאָגן תהילים. מען האָט אַ סך מאָל איבערגעחזרט דאָס קאַפּיטל כ׳. ר׳ זלמן האָט געזאָגט די ווערטער „יענך ה׳ ביום צרה״, גאָט וועט דיר ענטפערן אין אַ טאָג פון צרה, מיט אַזאַ צעבראָכנקייט, מיט אַזעלכע בכיות, מיט אַזאַ געוויין, אַז דאָס גאַנצע שטיבל האָט מיט אים מיטגעוויינט.

פאַר עלף אַ זייגער זענען שוין ר׳ שלמה און איטשעלע קובאַץ געשטאַנען פאַרן קאָמיסאַריאַט אויף ניזקע גאַס און געוואַרט אויפן מאַכער. אָבער נישט עלף און נישט צוועלף האָט מען אים נישט געזען. ערשט אַרום איינס אַ זייגער, האָט זיך פּלוצים אין טויער באַוויזן ר׳ תנחום אַליין.

ווי נאָר איטשעלע קובאַץ האָט אויף אים אַ בליק געטאָן, האָט ער אים געהייסן בלייבן שטיין מיט ר׳ שלמהן ביים טויער און געלאָפן ברענגען אַ דראָזשקע. אין דער דראָזשקע האָבן זיך אַריינגעזעצט ר׳ תנחום און ר׳ שלמה גבאי, און דער קליינער איטשעלע האָט געגעבן דעם דראָזשקאַזש אונדזער אַדרעס. זיי זענען פאַרפאָרן צו אונדז. אַליין איז איטשעלע קובאַץ געלאָפן אין אַן אַפּטיק-געשעפט און געקויפט פאַר ר׳ תנחומען אַ פּאָר טונקעלע ברילן. וואָרעם ר׳ תנחום האָט געהאַט אונטער די אויגן צוויי בלויע פלעקן פון די קלעפּ, וואָס ער האָט באַקומען, און פאַר אַזאַ יידישן ייד ווי ער, וואָלט געווען אַ חרפה זיך צו ווייזן אין גאַס אין אַזאַ מעמד.

*

זינט דעמאָלט, זינט גויִישע הענט זענען געלעגן אויף ר׳ תנחומס יידישן גוף, איז ר׳ תנחום געוואָרן גאָר אַן אַנדערער מענטש. אַ גרויסער, געוואַלדיק גרויסער שנוי, אַ געוואַלדיקע ענדערונג איז אין אים פאָרגעקומען.

איצט, ווען ער פלעגט פרייטיק אַרויסגיין פונעם מרחץ און זיך טרעפן אויג אויף אויג מיטן סטרוזש פונעם הויף, דעם גוי מיט די העלע, געדרייטע וואָנסעס, איז ר׳ תנחום נישט אַריינגעפאַלן אין עצבות, נאָר גאָר פאַרקערט. עפּעס אַ פריילעכע היימישקייט איז איצט געווען צווישן אים און דעם גוי. ר׳ תנחום פלעגט נישט וואַרטן אויף כיבודים, נאָר אַליין דער ערשטער אָקעגנטראָגן דעם סטרוזש אַ „גוט מאָרגן״.

ווען ר׳ תנחום פלעגט איצט זען אויפן ראָג גאַס זיך דרייען דעם פּאָליציאַנט מיט די שפּיציקע וואָנסעלעך און העלע, פאַרשייטע

אויגן, האַלטנדיק מיט גדלות די גומענע פּאַלקע אין דער האַנט, פּלעגט ר׳ תנחום זיך צעשמייכלען מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל פון אַ קלוגן, עלטערן מענטש, וואָס קוקט אויף אַ קינד ווען ס׳מאַכט זיך נאַריש און שפּילט די ראָל פון אַ גרויסן.

וואָרעם זינט גויִישע הענט זענען געלעגן אויף ר׳ תנחומס יידישן גוף, האָט ער טיפער ווי ביז איצט באַנומען, אַז אַלע ענען זיי באַשעפענישן פון איין בורא, נאָר זייערע שליחותן אויף דער וועלט זענען אַנדערע.

פאַר ר׳ תנחומען איז געוואָרן קלאָר, אַז ווען אַ ייד טוט אַן עבירה, ווערט אין דער זעלבער רגע געבוירן אַ גוי, וואָס זאָל די יידן באַדרענגען און פּייניקן.

האָט פון איצט אָן ר׳ תנחום נישט קיין פרעמדע באַשעפענישן געזען אין די גויים, נאָר היימישע, יידישע עבירות האָט ער אין זיי געזען. די גאַנצע פרעמדקייט, וואָס איז געווען צווישן אים און די גויים, איז פון אים אַוועק, די גאַנצע פּזשיקרעקייט פון דעם, וואָס דער בורא ברוך הוא האָט זיך מצמצם געווען, בכדי צו באַשאַפן אַזאַ גרויסע וועלט מיט אַזוי פיל גויים, איז מיט איין מאָל פאַר אים נישט געוואָרן. ער האָט שוין מער נישט מורא געהאַט פאַר די גויים, נישט געהאַט קיין שום פּחדים צוליב זיי, ס׳האָט אים לגמרי נישט געאַרט, ווען ער האָט זיך געפונען צווישן זיי.

פאַרקערט, ר׳ תנחום האָט רחמנות געהאַט אויף די גויים, וואָס דער יסוד פון זייער קומען אויף דער וועלט, איז אַזאַ נידעריקער, וואָס דער זכות הקיום זייערער איז אַזאַ נעבעכדיקער, און ער איז גרייט געווען יעדן גוי געבן צו פאַרזוכן עפּעס פון זיין יידישן גורל.

ר׳ תנחום האָט גוט געוווּסט, אַז גויים מאַכן פּאָגראָמען אויף יידן, הרגענען, רצחנען און באַרויבן זיי. אָבער ער אַליין האָט דאָס אויף זיך נישט געהאַט געפילט. איצט, ווען געזונטע גויִישע הענט האָבן זיך געלייגט אויף זיין שוואַכן, יידישן גוף, האָט ער דער־פילט נאָך שטאַרקער זיין גוואַלדיקע התקשרות, זיין געקניפּט און

געבונדנקייט מיט די געדרודפטע יידן, און די גויִישע וועלט איז אים געוואָרן אַזוי ווייט, אַז ער האָט אָן שום מורא, אָן שום פּזשיקרע געפיל, געקאָנט שטיין אין איר נאָענט, זיך געפונען אַפילו אין אירע דלד אמות.

*

ר׳ תנחום האָט אויפגעהערט צו פאָרן מיט דאָראָזשקעס און ווידער אָנגעהויבן גיין צו פוס, אַפילו ווען דאָס אָרט, וווּהין ער האָט באַדאַרפן גיין, האָט געפירט דורך די סאַמע גויִישע גאַסן. אים האָט נישט געאַרט וואָס שקצים יאָגן אים נאָך און שרייען אויף אים „גודליי״.

איין מאָל איז אַ גרופּע יונגע גויים אים באַפאַלן, געגעבן אים קלעפּ און אַראָפּגעריסן דאָס יידישע היטל פון קאָפּ. ר׳ תנחום האָט זיך נישט פאַרלוירן. ער איז נישט אַנטלאָפן. ער האָט אויפ־געהויבן ביידע הענט און מיט זיי צוגעדעקט דעם קאָפּ, ער זאָל נישט זיין בגלוי ראש. און אַזוי מיט די אויפגעהויבענע הענט, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, מיט דער ברייטער געל־רויטער באָרד, איז ער געגאַנגען איבער דער גויִישער גאַס מיט אַזאַ שטאָלץ, אַז פרומע קריסטן און קריסטינס האָבן זיך פאַר אים געצלמט, ווי זיי וואָלטן פאַר זיך דערזען אַ הייליקן.

נאָך דעם ווי גויִישע הענט האָבן זיך געלייגט אויף זיין יידישן גוף, זענען פון ר׳ תנחומען אַוועק אַלע קלעמענישן, אַלע קווּעלן, אַלע ווייטיקן, עצבותן און צערן צוליב דעם, וואָס גאָט ברוך הוא האָט באַשאַפן מיט זיין אייגענעם אָטעם אַזאַ גרויסע וועלט, אַז אַזוי פיל גויים זאָלן אויף איר באַלעבאַטעווען ווי אין זייער אייגנס.

ר׳ תנחום האָט זיך דערפילט פריי און אויפגעלייזט. ער האָט דערזען די גייַישע וועלט נישט ווי אַ פרעמדע, נאָר ווי אַ יידישע יצירה, וואָס נישט דער רצון פונעם בורא האָט זי באַשאַפן, נאָר די יידן גופא, די בעלי־בחירה, האָבן מיט דעם, וואָס זיי גייען אין שלעכטע וועגן, זי באַשאַפן.

און געטראַכט האָט זיך ר׳ תנחום, אַז אויב דער כוח פון אַ יידישער עבירה איז אַזוי גרויס, על אחת כמה וכמה, ווי גרויס דאַרף שוין זיין דער כוח פון אַ יידישער מצוות.

און אַ גרויסע פרייד איז אין אים אויפגעגאַנגען.

דער טויט פון ר׳ תנחומען

ר׳ תנחום איז געשטאָרבן. ער איז בסך־הכל קראַנק געווען עטלעכע טעג — און שוין. נישטאָ ר׳ תנחום.

די חסידים אין שטיבל האָבן געהאַלטן, אַז ער איז געשטאָרבן צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך פּורש געווען פונעם ווייב. — ס׳איז נישט געווען פאַר אים — האָבן זיי געטענהט. טייל האָבן אָבער געהאַלטן, אַז דאָס, וואָס ער האָט זיך פון זיין ווייב פּורש געווען, האָט ער דווקא גוט געטאָן, ווייל זי האָט אים מבזה געווען מיט שווערע בזיונות. ס׳איז נאָר אַ שאָד, וואָס ער האָט זיך ווייניק באַמיט מיט איר זיך צו גטן. ווען ער גט זיך מיט איר, וואָלט ער נאָך אַ מאָל חתונה געהאַט, און זיך אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבן.

ר׳ תנחום, כאָטש ער האָט געהאַט אַ שטאַרק געבויגענע פּלייצע, איז ער געווען אַ פעסטער מאַנצפּערשוין, אַ פולבלוטיקער מענטש. די עלטערע חסידים האָבן געהאַלטן, אַז ער האָט נישט געטאָרט זיין אָן אַ ווייב אַזאַ לאַנגע צייט, אַז דערפון האָבן אים די בלוטן אַ שלאַג געטאָן צום קאָפּ. ער האָט באַקומען אַ מוח־אָנצינדונג און נאָך עטלעכע טעג געשטאָרבן אין אַ באַוווּסטלאָזן צושטאַנד.

זינט דעם שמועס מיט ר׳ זלמנען וועגן מדרגות, האָט זיך אין ר׳ תנחומען אָפּגעקילט דאָס פייער, וואָס די ווערטער פון ר׳ צדוק האָמער האָבן אין אים געהאַט אָנגעצונדן. ער האָט שוין נישט גערעדט וועגן דעם, אַז ער וויל זיך גטן, חתונה האָבן און נאָך אויפשטעלן אַ יידיש דור. געטראַכט האָט ער אפשר יאָ דערפון, אָבער געזאָגט דאָס אָפן האָט ער נישט מער.

ער איז שוין מער נישט צוגעשטאַנען צו די דריי חסידים, אַז זיי זאָלן ווידער גיין רעדן מיט זיין ווייב וועגן גט. וואָס אַן אמת

זענען די חסידים סיי ווי געגאַנגען צו איר איבעררעדן וועגן דעם. וואָס גאָלדע לאה האָט זיי געענטפערט ווייסט מען נישט, נאָר אַז זיי האָבן ביי איר גאָרנישט געפועלט איז דאָך קלאָר דערפון, אַז צו קיין גט איז נישט געקומען.

ר׳ תנחום איז בכלל די לעצטע צייט אַרומגעגאַנגען אַ שטאַרק מבולבלער. ער האָט נישט געקאָנט באַנעמען, וואָס טוט זיך דאָס אויף דער וועלט.

זיין עלטסטער זון, יאָסל, איז אַוועק ווי אַ חלוץ קיין ארץ-ישראל. ס׳איז דעמאָלט אין ארץ-ישראל געווען אַן עקאָנאָמישער קריזיס. שווער געווען צו באַקומען אַ טאָג באַשעפטיקונג. יאָסל האָט געוואַנדערט פון אָרט צו אָרט. געווען אין פאַרשידענע קאָלאָניעס, געקעמפט פאַר יידישער אַרבעט. שווער געהאָרעוועט ביים לייגן שאָסייען. אָבער נישט דאָס האָט אים געקוועלט.

דווקא אין ארץ-ישראל איז ביי יאָסלען אויפגעגאַנגען אַ בענקשאַפט צו דעם יידישקייט פון זיין טאַטנס שטוב, ווי ער האָט דאָס געדענקט פון זיינע קינדער-יאָרן. פון דאָנען, פון ארץ-ישראל, האָט ער געשריבן צו זיין טאַטן בריוו אין לשון-קודש, אין וועלכע ער האָט זיך נישט געקלאָגט אויף זיין שווערער מאַטעריעלער לאַגע, נאָר געשריבן: קשה ליהדות, קשה לכשרות, שווער מיט יידישקייט, שווער מיט כשרות. זיך נאָר געקלאָגט, אַז ס׳איז דאָ שווער אָנצוגיין מיט יידישקייט.

ר׳ תנחום האָט זיך געפילט געהויבן פון זיין זונס בריוו. ער אַליין האָט אָנגעהויבן טראַכטן, אַז ס׳וואָלט געווען אפשר אַ יושר איבערלאָזן די שטוב, דאָס ווייב מיט די קינדער, מיט וועמען ער האָט סיי ווי נישט געהאַט מער קיין גרויס שייכות, און פאָרן קיין ארץ-ישראל.

ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין פעטער, ניסן, וועלכער, נאָך דעם ווי ער איז אַלט געוואָרן פערציק יאָר, האָט ער פאַרלאָזט אַלץ און אַלעמען, פאַרלאָזט ווייב און קינדער, זיי איבערגעלאָזט דאָס געשעפט און אַליין אַוועק קיין ארץ-ישראל, ווו ער איז געזעסן

און געלערנט. און בכדי ער זאָל נישט דאַרפֿן אָנקומען צו חלוקה־געלט, האָט ער זיך אויסגעלערנט נייען לאַפּטשעס, שטעקשיך, וואָס פֿון דעם האָט ער זיך מפרנס געווען בדוחק, אָבער בכבוד.

ר׳ תנחום האָט זיך געטראַכט, אַז ער וואָלט באַדאַרפֿן גיין אין זיין פּעטער ניסנס וועג, זיך אויסלערנען נייען לאַפּטשעס, פֿאָרן קיין ארץ־ישראל און זיך אַוועקזעצן לערנען. אָבער דערווייל איז די צייט געגאַנגען. בכדי אַריינצוקומען קיין ארץ־ישראל האָט מען באַדאַרפֿן אַ סערטיפֿיקאַט, געווען נאָך שוועריקייטן, — האָט ר׳ תנחום דאָס טראַכטן וועגן פֿאָרן אַהין, דערווייל אָפּגעלייגט, און דערנאָך שוין נישט באַוויזן צו זען די הייליקע ערד.

הייסט עס, אַז פֿון זיין בכור, פֿון זיין יאָסלען, האָט ר׳ תנחום ב״ה געהאַט נחת. כאָטש נישט איין מאָל האָט זיך אַריינגעגנבעט אין אים, אין תנחומען, אַ חשד, אַז דאָס שרייבט צו אים יאָסל אַזעלכע בריוו, בכדי דעם טאַטן צו פֿאַרשאַפֿן אַ ביסל נחת־רוח. וואָרעם ר׳ תנחום האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען, אַז אין וואַרשע, אַפֿילו אין דער לעצטער צייט פֿאַרן אַוועקפֿאָרן, זאָל יאָסל האָבן אַרויסגעוויזן די מינדסטע נטיה צוריקצוגיין צום יידישקייט.

אָבער שוין דאָס, וואָס ער האָט וועגן יידישקייט געשריבן, איז געווען פֿאַר ר׳ תנחומען אַ שטיקל נחמה.

דאַקעגן פֿון זיין יינגערן זון, פֿון מנחם מענדלען, וועמען ר׳ תנחום האָט אַ נאָמען געגעבן נאָכן מיטעלן וואָרקער רבין, האָט ער געהאַט רחמנא ליצלן, גרויסע צרות.

מנחם מענדל איז צוגעשטאַנען צו די בונדיסטן. ער האָט פֿאַרוואָרפֿן די טריקאָטאַזש־אַרבעט און געוואָרן אַ גאַנצער מאַכער אין פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין פֿון די פֿריזירער, וואָס זענען כמעט אַלע אונטערגעלעגן דעם „בונד״. די פֿריזירערס האָט מען אין וואַרשע גערופֿן „די טשיקן־זשלאָפּערס״.* זיי האָבן אַלע מחלל שבת

* אין דעם פֿריזירער־זשאַרגאָן האָט טשיקן געמיינט — שערן און זשלאָפּן — ראַזירן.

געווען בפרהסיא, אָפּן געהאַלטן אום שבת די פריזיערניעס. נישט איין מאָל האָט מען געזען דאָרט אַריינגיין מנחם מענדלען אום שבת. ער האָט אונטערגעהאַנדלט מיט די באַלעבאַטים, ער האָט דורכגעפירט שטרייקן, געשטאַנען מיט פּיקעטניקעס און פּיקעטירט בעת אַ שטרייק. ר׳ תנחום האָט געהאַט פון אים בלויז חרפות און בושות.

די עלטסטע טאָכטער, חיה שרה, וועלכע פלעגט פריער אויס־געבן איר גאַנץ פאַרדינט געלט אויף מאָדערנער הלבשה, האָט זיך געהאַט שטאַרק געענדערט, נאָר ר׳ תנחום האָט וועגן דעם נישט געוווּסט.

די אַנדערע קינדער ר׳ תנחומס זענען דערווייל אויך אונטער־געוואַקסן. בלויז די צוויי יינגסטע מיידלעך זענען נאָך געווען כמעט קינדער. די אונטערגעוואַקסענע קינדער האָבן אַלע געאַר־בעט אין פאַבריקלעך, טייל ביי טריקאָטאַזש, טייל ביי צוקערלעך, און אַלע זיי האָבן אָנגעהערט צו אָרגאַניזאַציעס, פון ציוניסטישע ביז קאָמוניסטישע.

ר׳ תנחום פלעגט זעלטן זיין אין דער היים. אָבער נישט איין מאָל האָט פּאַסירט, אַז ווען ער איז אַהיימגעקומען ביי נאַכט, האָט ער אין שטוב אָנגעטראָפן אויף אַ גאַנצע חברה, אַן ערבוביה, יונגען און מיידן. מען איז געזעסן אויף שטולן און אויף די בעטן, געדעדט הויך, געגעסן ברויט מיט ווורשט און געטרינקען טיי.

ר׳ תנחום האָט געפילט, אַז מיט דער וועלט איז עפּעס נישט גוט. ער האָט געזען, אַז דער שטן הוליעט, מאַכט אַ משוגן לעבן דווקא אין די חסידישע הייזער. כאָטש ער האָט נישט געהאַלטן, פונקט ווי אַלע אַלעקסאַנדערער חסידים, פון דער „אגודה", איז ער פון דעסטוועגן געווען פול מיט התפעלות, ווען ער האָט גע־הערט וואָס ס׳האָט געזאָגט אין וואַרשע, אויף דער כנסיה הגדולה פון דער „אגודת ישראל", אַ יונגערמאַן, יהודה לייב אָרלעאַן. דער דאָזיקער יונגערמאַן האָט אָנגעפירט אין דער „אגודת ישראל" מיטן חינוך הבנות, מיט דער דערציִונג פון די טעכטער, ער איז

געווען דער לייטער פון דער נעץ פון „בית יעקב״־שולן פאַר מיידלעך. אין אַ רעדע וועגן חינוך הבנות האָט ער זיך צעשריגן: „איזהו מקומן של זבחים״, ווו איז דאָס אָרט וווּ מען שעכט אָפּ יידישע קינדער, קדשי קדשים — דאָס זענען די חסידישע הייזער!

ר׳ תנחום, וואָס פלעגט אָפט קומען אין חסידישע הייזער, האָט מיט די אייגענע אויגן געזען דעם טיפן אמת פון דעם ווייגעשריי פון דעם יונגנמאַן פון דער „אגודה״. ער האָט געזען ווי די בחורים פון די חסידישע הייזער לערנען נאָך אַ ביסל, זאַפּן איין אין זיך אַ ביסל יידישקייט. אָבער די מיידלעך שיקט מען באַלד אין די שקאָלעס. זיי ווילן נישט רעדן קיין וואָרט יידיש. ווערן פרעמד צו די אייגענע טאַטע־מאַמע. דערנאָך נעמען זיי שטודירן. גייען אויף די אוניווערסיטעטן. טראָגן היטלען מיט דאַשקעס, ווי די מענער. מאַכן חוזק פון ׳שדכנים. שפּעטן אָפּ פון די חסידישע יידן, מאַכן נאָך זייער הילוך. נישט איין מאָל האָט ר׳ תנחום באַמערקט, ווי אַ מיידל פון אַ חסידיש הויז מאַכט פון אים חוזק.

אויך די בחורים פון חסידישע הייזער האָבן זיך אָנגעהויבן אַראָפּצונעמען די בערד. טייל האָבן געזאָגט, אַז זיי טוען דאָס מיט אַ ספּעציעלן פּראָשעק, וואָס אַ פרומע יידישע פירמע אין ווין אַרבעט אויס. די זעלבע פירמע אַרבעט אויך אויס פּליסיקן זייף אין פלעשער, מען זאָל זיך מעגן וואַשן די הענט מיט זייף אום שבת.

ווי ס׳זאָל נישט האָבן געווען, אָבער יינגעלייט פון חסידישע היימען האָבן אָנגעהויבן ארומגיין מיט נאַקעטע גאָמבעס, אַז ר׳ תנחום האָט זיך געמיגלט אויף זיי צו קוקן. אָבער רעדן האָט ער נישט געטאָרט, ווייל ער איז נעבעך אַליין געווען אַ געשלאָגענער. זיינע זין, ווי נאָר ביי עמעצן פון זיי האָט זיך באַוויזן אַ חתימת זקן, האָבן זיי אים באַלד אַראָפּגענומען. און נישט מיט קיין פּראָשעק, נאָר טאַקע מיט אַ גאָלמעסער.

אויך די מיידלעך זענען געגאַנגען וואָס אַ מאָל מער פאַרשייט אָנגעטאָן. זיי האָבן געטראָגן קורצע ראָקן און ביי די פיס געפּענטעט, אַז ס׳זאָלן זיך אָנזען די היפטן. זיי האָבן געטראָגן טיפע

דעקאָלטן. מען האָט אויף אַ טייל געזאָגט, אַז זיי רייכערן פּאַפּי־ראָסן.

דאָס וואָס ר׳ תנחום האָט נישט געזען מיט די אייגענע אויגן, האָט אים צוגעטראָגן דאָס קליינע יידעלע מיטן רויטן בערדעלע, איטשעלע קובאַץ, דער „געהיים־אַגענט״, וועלכער האָט אַלץ גע־וווּסט, אַלץ געזען און געהערט. איטשעלע קובאַץ האָט געהאַט עפּעס אַ ספּעציעל פאַרגעניגן צו דערציילן ר׳ תנחומען אַלץ וואָס ער האָט געוווּסט וועגן דער קאַליע ווערנדיקער וועלט... און געוווּסט האָט ער אַ סך.

ער האָט דערציילט ר׳ תנחומען וועגן טעכטער פון סוחרים, חסידישע יידן, וואָס האָבן נישט געוואָלט לעבן מיט די מענער, וואָס די עלטערן האָבן זיי געגעבן, נאָר געפירט ליבעס מיט משרתים פון זייערע פאָטערס געשעפטן. ער האָט דערציילט וועגן מכלומרשט חסידישע ווייבלעך, וואָס ווילן נאָך דער חתונה נישט גיין אין מקווה און די מענער זייערע, בלית ברירה, לעבן מיט זיי אין אומ־ריינקייט. ער האָט דערציילט גרויליקע זאַכן, וואָס טוען זיך אַפּ בינו לבינה, אַז ר׳ תנחומען פלעגן זיך די האָר אויפשטעלן אויפן קאָפּ פון פחד. ער האָט אַרויסגעגעבן פון זיך אַזעלכע מאָראַלישע קרעכצן, אַז ס׳האָט ממש געשניטן ביים האַרץ.

ר׳ תנחום האָט אָנגעהויבן אַרומגיין איבער דער וועלט מיט וואַקלענדיקע טריט, ווי מען גייט אויף אַ שיף בעת אַ שטורעם.

*

צו די אַלע צרות מיט דער קאַליע געוואָרענער וועלט, איז ר׳ תנחומען צוגעקומען נאָך אַן אייגענע, גרויסע צרה.

זינט די דריי יידן פון שטיבל, ר׳ ישראל יאַנקל, ר׳ שלמה גבאי און איטשעלע קובאַץ, זענען נאָך אַ מאָל געוועזן ביי ר׳ תנחומס ווייב, איבעררעדן מיט איר וועגן אַ גט, איז זי געוואָרן אין גאַנצן אַנדערש. זי האָט זיך ווי אויפגעוועקט פון אַ טיפן שלאָף, אָפּגע־שאָקלט פון זיך די איבערגעטריבענע פרומקייט, און זיך גענומען צום מסחר.

פון וואַנען גאָלדע לאה האָט גענומען געלט, האָט קיינער נישט געוווּסט. נאָר פלוצים איז זיך צעגאַנגען אין דער יידישער געגנט אין וואַרשע, ווי גאָלדע לאה האָט געווּינט, אַ ידיעה, אַז זי גיט וויפראַוועס פאַר חתן־כלה אויף אויסצאָלעכץ, אויף ראַטעס.

געפירט האָט גאָלדע לאה אירע געשעפטן אויף אַזאַ אופן:

זי פלעגט מיט דער כלה און מיט אירע עלטערן, אָדער מיט די מחותנים פון חתנס צד, אויב דער אויסשטייער איז געווען פאַר אַ חתן, גיין אין באַשטימטע פון פאַרויס דורך גאָלדע לאהן מאַנו־פאַקטור־געשעפטן. אויף וויפראַוועס פאַר כלות האָט זי געהאַט „אירע״ עטלעכע געשעפטן אויף די נאַלעווקעס, און אויף וויפראַ־וועס פאַר חתנים, עטלעכע געשעפטן אויף גענשע.

מען פלעגט ווייזן דער כלה און אירע עלטערן די שטאָפן. זיי האָבן זיך אויסגעקליבן די, וואָס זענען געווען לויט זייער גוסט און מעגלעכקייטן. די פרייזן פון די שטאָפן האָט נישט געזאָגט דער סוחר, צי אַן אָנגעשטעלטער פון געשעפט, נאָר גאָלדע לאה. זי האָט שוין געוווּסט וויפל יעדער שטאָף דאַרף איר קאָסטן און געזאָגט די קונים אַ פרייז צורעכנדיק פון פאַרויס אַ שפּאָרן פאַר־דינסט פאַר זיך.

ווען די קונים האָבן זיך געהאַט צוגעקליבן די סחורות, איז גאָלדע לאה אַריינגעגאַנגען אין קאַנטאָר פון געשעפט. דאָרט האָט מען געמאַכט דעם חשבון, זי האָט געגעבן אַ טייל מזומן געלט און אויף דער רעשט האָט זי אונטערגעשריבן וועקסלען.

דעמאָלט האָט מען אָפּגעשניטן די סחורות, פאַרפּאַקט אין אַ פּעקל, און גאָלדע לאה האָט דאָס פּעקל געהייסן אָפּשיקן צו זיך. דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען ביים איינקויפן אַן אויסשטייער פאַר אַ חתן.

אין אָוונט פלעגן די מחותנים קומען צו גאָלדע לאהן אין שטוב אַריין. דאָ האָט זי זיי ערשט געמאַכט איר חשבון, און די מחותנים האָבן אונטערגעשריבן וועקסלען צו צאָלן יעדן חודש. נישט איין מאָל האָט זיך געטראָפן, אַז די מחותנים האָבן געמוזט מיטברענ־

גען מיט זיך זשיראַנטן זיי זאָלן זשירירן די וועקסלען, אָדער גאָר צו די וועקסלען צולייגן משכנות. ערשט דעמאָלט האָט זיי גאָלדע לאה אַרויסגעגעבן די איינגעקויפטע סחורות אויף דער וויפּראַווע.

אין אַ קורצער צייט האָט זיך גאָלדע לאהס מסחר שטאַרק צעשפּרייט. זי האָט דערביי, חלילה, קיין מאָל נישט מוותר געווען אויף קיין איין קאַפּיטל תהילים און אויף קיין איין תחינה. זי האָט זיי נאָר געזאָגט גיכער ווי ביז איצט. זי האָט געהאַט אירע באַשטימטע שעהען ווען זי פּלעגט גיין מיט די קונים אין גאַס אַריין, און באַשטימטע שעהען ווען זי פּלעגט די קונים אויפנעמען ביי זיך אין שטוב.

ס'פּלעגט געשען, אַז ר' תנחום איז אַ מאָל מיט מיין מאַמען, צי סתם מיט עמעצן פון אַ חסידיש-נגידיש הויז, געקומען אין אַ געשעפט, ווען מען האָט באַדאַרפן איינקויפן פאַרשידענע שטאָפן, האָט ער זיך דאָרט געטראָפן אויג אויף אויג מיט זיין ווייב.

דעמאָלט האָט ער געזען ווי אַזוי מען באַהאַנדלט זיין ווייב און ווי אַזוי אים, תנחומען. זיין ווייב האָט מען אויפגענומען בכבוד, מען פּלעגט איר דערלאַנגען אַ בענקל זיך צו זעצן, אַריינגעבעטן אין קאַנטאָר און דער סוחר פּלעגט רעדן מיט איר ווי מיט אַ גלייכן מענטש.

דאַקעגן אויף אים, תנחומען, האָט מען געקוקט ווי אויף אַן אָנשיקעניש. מען האָט אָפן געחוזקט פון אים, געקוקט אויף אים מיט שפּאָט, ווען ער האָט זיך געוואָלט אַריינמישן און זאָגן מבינות. מען האָט געזען אין אים אַ שנאָרער, וועמען מען וועט מוזן געבן עטלעכע פּראָצענט אָפּטשעפּ-געלט.

ס'האָט זיך געטראָפן, אַז ווען ר' תנחום האָט זיך אין אַ געשעפט באַגעגנט מיט זיין ווייב, איז ער פון בושה אַנטלאָפן, און מוותר געווען אויף זיין „פאַרדינסט".

ר' תנחום האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, אויב זי טויג זיך אַזוי אוים אין מסחר, טאָ פאַר וואָס האָט זי זיך צו דעם נישט

גענומען, ווען זיי זענען נאָך געווען מאַן און ווייב און אין דער שטוב איז נישט געווען קיין פּרנסה? אמת, זי האָט געהאַט קליינע קינדער. אָבער דער אמתער מחוסר־פּרנסה איז ער דאָך ערשט געוואָרן ווען די עלטערע קינדער האָבן שוין אָנגעהויבן אונטערצו־וואַקסן, אַז זי האָט שוין געקאָנט ווי דאָס איז זיך אַן עצה געבן. אָבער דער עיקר האָט אים געמאַטערט די פראַגע: ווו, פון וואַנען, האָט זי גענומען דאָס געלט צום מסחר?

אָבער די אַלע קשיות, און דער עיקר פון וואַנען זי האָט גענומען געלט — זענען שוין קיין מאָל אים נישט פאַרענטפערט געוואָרן...

*

דאָס אַלץ און די קאַליעדיקע וועלט, די צרות פון די קינדער, און דאָס וואָס מענטשן האָבן געהאַלטן פאַר דאָס וויכטיקסטע, אַז ער איז דורך לאַנגע יאָרן געווען אָן אַ ווייב, האָט צעטרייסלט ר׳ תנחומס געזונט.

מיט איין מאָל, זייענדיק אין שטיבל, איז ער אַוועקגעפאַלן. ער האָט באַקומען גרויסע היץ און באַלד געבליבן אָן באַוווסטזיין. דער דאָקטאָר פון דער „גיכער הילף" האָט אים אָפּגעפירט אין שפּיטאָל אַריין, אויף טשיסטע. מען האָט אים דאָרט געראַטעוועט מיט אַלע מיטלען, געמאַכט אים אַ פּונקציע. אָבער ס׳האָט גאָר נישט געהאָלפן. ער איז נאָך עטלעכע טעג געשטאָרבן.

פון אונדזער שטוב האָט ר׳ תנחומען באַגלייט צו זיין אייביקער רו נאָר מיין טאַטע אַליין.

מיר, קינדער, האָבן באַמערקט, אַז ר׳ תנחום האָט מיט איין מאָל אויפגעהערט צו קומען. מען האָט אונדז געזאָגט, אַז ער איז קראַנק. אָבער, ווי כ׳בין שפּעטער געוואָר געוואָרן, האָט שוין ר׳ תנחום דעמאָלט נישט געלעבט. דער טאַטע און די מאַמע האָבן, זעט אויס, אונדז נישט געוואָלט פאַרשאַפן קיין צער. זיי האָבן נישט געוואָלט, אַז מיר, קינדער, זאָלן וויסן, אַז דער מענטש וואָס

איז געווען, אַזוי צוזאַמען מיט אונדז, געזעסן אַזוי נאָענט לעבן אונדז, אַז דער מענטש איז געשטאָרבן, אַז ער איז טויט.

שפּעטער, ווען איך בין אונטערגעוואַקסן, האָב איך אָפּט געהערט די חסידים רעדן וועגן ר׳ תנחומען. איך פלעג זיך צוהערן מיט גרויס אינטערעס צו אַלעם וואָס זיי האָבן וועגן אים גערעדט. איך האָב זיך געפילט שולדיק לגבי אים, פאַר וואָס אין מיינע קינדער־יאָרן האָב איך אים נישט גערן געהאַט, און געוואָלט דעם פאַרשטאָרבענעם מיט עפּעס מטיב זיין, מיט עפּעס פאַרגיטיקן. האָב איך עס געטאָן מיטן אויסהערן אַלץ, וואָס מען האָט וועגן אים דערציילט.

כ׳פלעג אויך אָפּט שמועסן מיט איטשעלע קובאַץ וועגן ר׳ תנחומען. איך האָב געוואָלט אַלץ וויסן וועגן אים, געוואָר ווערן אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו אים, אָנהייבנדיק פון זיינע קינדער־יאָרן ביז זיין אַוועקגיין פון דער וועלט.

און מאָדנע, וועגן ר׳ זלמנען, וועלכער האָט שוין דעמאָלט אויך נישט געלעבט, האָט איטשעלע קובאַץ אויסגעמיטן צו רעדן מיט מיר. ער פלעגט אָפּפּטרן מיינע פראַגעס מיט עטלעכע ווער־טער, אָבער וועגן ר׳ תנחומען איז ער גרייט געווען צו רעדן ביי יעדער געלעגנהייט.

איטשעלע קובאַץ האָט זיך אַ מאָל אָנגערופן צו מיר: — חיליש, כ׳פאַרשטיי דעך נישט. פאַרוואָס האָסטו ר׳ זלמנען, ווּס איז געווען אַן עיקש, אַ קרימער מענטש, מיט קיינעם נישט אָסגעקי־מען, פאַרוואָס האָסטו אים גערן געהאַט, אין ר׳ תנחומען, וועלכער איז געווען אַ נוח לבריות, אַ צוגעלאָזענער אין אַ ווײַלער, אים האָסטו נישט גערן געהאַט?

— ר׳ איטשעלע, איר האָט אַ טעות. דאָס האָט דער, ווי איר זאָגט, דער משונהדיקער און שווערער, קרומער מענטש, ר׳ זלמן, מיך מקרב געווען. ווען אָפילו כ׳בין נאָך געווען אַ קינד, פלעגט ער צו מיר רעדן ווי צו אַ גלייכן, מענטש. אָבער ר׳ תנחום האָט מיך געדודפט. ער פלעגט מיך סטראַשען מיט שמיץ און מיט קאַנטשי־

קעס. ער פלעגט מיך אָפט פאַרמסרן און מיר צושטעלן בענקעלעך פאַר דעם טאַטן.

— זעסט, חיליש, דוס אַלץ האָט ער געטין פין ליבשאַפט צי דיר. ר׳ תנחום האָט געזען ווּס ס׳איז געוואָרן פין זאַנע קינדער, האָט ער דיך געוואָלט פאַרהיטן זאָלסט נישט אַרופ פין דרך הישר. ווי די זעסט אַליין, איז ער געווען נישט אין גאַנצן אומגערעכט, דער תנחום.

און ר׳ איטשעלע האָט וואָלעריש אַ ווּנק געטאָן צו מיר מיט די אויגן...

דאָס קליינע יידעלע מיטן רויטן בערדעלע, ווי דער פלאַם פון אַ נשמה־ליכט, איטשעלע קובאַץ, האָט נישט אַזוי באַדוערט ר׳ תנחומס פריצייטיקן טויט, ווי זיין נישט געלונגען לעבן.

— אַז אַ ייד האָט נישט, חלילה, קאַ שלום־בית — פלעגט ער זאָגן — ווערט נישט נאָר נהרס, ווערט נישט נאָר צעשטערט, הרוב, דוס לעבן פון אַ באַשטימטן מאַן אין וואַב, נאָר ס׳ווערט אַ רים צווישן דעם ציזאַמענלעבן צווישן מאַן אין וואַב בכלל, ס׳ווערט דערפין אַ פגם אין אַלע עולמותן, אין אַלע וועלטן, אין די שכינה האָט דערפין גרויס צער.

יעדעס מאָל ווען איטשעלע קובאַץ האָט דאָס איבערגעחזרט האָט זיך אויף זיין שטענדיק פריילעך פנים, צעלייגט אַ גרויס עצבות, אַ טיפער טרויער...

*

אייגנטלעך האָט ר׳ תנחום אָנגעהויבן פאַר מיר ווערן דער אמתער תנחום ערשט דעמאָלט, ווען ער איז שוין נישט געווען, ווען ער איז שוין געהאַט געשטאָרבן. זיין טויט האָט אים דערנענטערט צו מיר. זיין טויט האָט מיך גערירט. ס׳האָט מיר באַנג געטאָן, וואָס ער איז שוין נישטאָ.

וואָס מער דערוואַקסענער איך בין געוואָרן און אָנגעהויבן באַנעמען די וועלט און געשעענישן, האָט מיר וואָס אַ מאָל מער ווי געטאָן ר׳ תנחומס אומגליקלעך לעבן. כ׳האָב זיך מיטגעשעמט

מיט זיינע פאַרשעמונגען, מיטגעליטן מיט אַלץ וואָס ער האָט אַדורכגעליטן, און אַפילו זיך מיטגעכעסט מיט זיינע כעסן.

כ'האָב אָנגעהויבן אַרויסזאָגן זיינע מחשבות, דער עיקר אַזעל־כע, וואָס ער אַליין האָט נישט אַרויסגעזאָגט. געטראַכט זיינע טראַכטונגען, אַפילו אַזעלכע, צו וועלכע ער אַליין האָט זיך נישט דערטראַכט. אַדורכגעפילט געפילן, וואָס ער האָט נישט דערפילט, צי זיך נישט אָפּגעגעבן פון זיי קיין חשבון.

איך האָב געהאַט אַ בפירוש שולד־געפיל לגבי ר' תנחומען — און אונטערגעטריבן מיין פאַנטאַזיע, זי זאָל גרייכן דאָרט, ווו די ווירקלעכקייט האָט נישט דערגרייכט.

אַזוי איז פאַר מיר פאַמעלעך און בהדרגהדיק אויסגעוואַקסן די געשטאַלט פון ר' תנחומען.

*

יאָרן זענען אַוועק. משונהדיקע געשעענישן זענען זיך פאַר־לאָפן אין מיין לעבן. שווער איז געווען דאָס לעבן פון יידישן כלל אין פוילן און יעדער יחיד האָט עס אָפּגעפילט, אויף וואָס פאַראַ שטאַפּל ער זאָל זיך נישט האָבן געפונען.

ס'איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה. ווי אַ סך אַנ־דערע יידן, בין איך פאַרוואָגלט געוואָרן קיין ראַטן־פאַרבאַנד. געווען אין אַ לאַגער אויפן ווייטן צפון. פון דאָרט בין איך, נאָך דער באַפרייונג פון לאַגער, אָנגעקומען מיט נאָך אַ סך יידן קיין דרום, קיין אוזבעקיסטאַן, ווו כ'האָב געלעבט ביזן סוף פון דער מלחמה.

איין מאָל, ווען כ'בין געקומען אויף עטלעכע טעג קיין פער־גאַנאַ, בין איך געווען אָנוועזנדיק אויף אַ גרויסער פאַרזאַמלונג פון געוועזענע פוילישע בירגער, יידן, וואָס האָבן זיך איצט גרופּירט אַרום דעם „פאַרבאַנד פון פוילישע פּאַטריאָטן". די מלחמה האָט זיך געהאַט געענדיקט. דייטשלאַנד האָט קאַפּיטולירט. מען האָט גערעדט וועגן אַ רעפּאַטריאַציע פון געוועזענע פוילישע בירגער צוריק קיין פוילן.

איך בין געשטאַנען אַ ביסל אין אַ זייט און זיך צוגעהערט צו די רעדעס. אין דעם איז צו מיר צוגעקומען אַ בחור פון אַ יאָר צוואַנציק און מיך שטיל געפרעגט: — איר זענט האָפער, יחיאל האָפער, ר׳ איטשע מאיר האָפערס זון?

— יאָ. און ווער זענט איר?

— איר מיך קענט נישט, אָבער איך קען אייך יאָ. איר קאָנט מיך נישט קענען. כ׳בין נאָך דעמאָלט געווען זייער אַ יונג קינד, ווען כ׳פלעג אַרויפקומען צו אייך אין הויז זוכן מיין טאַטן.

— ווער איז אייער טאַטע?

— כ׳ווייס נישט צי איר וועט געדענקען. מיין טאַטע האָט געהייסן תנחום.

— ר׳ תנחום?!

מיר זענען אַוועק פון דער פאַרזאַמלונג, אַריין אין אַ דערלעבנ־דיקער גאַס אין אַ „טשייכאַנאַ״, אַן אָרט וווּ מען טרינקט טיי. דאָס איז געווען אַ גרויסע שטוב אָן פענצטער מיט נאַקעטע ווענט און מיט אַ הויכן קיילעכיקן, געוועלבטן פולאָפּ ווי אין אַ מעטשעט. דער דיל פון האַרטן, געלן ליים, און אַרום די ווענט נידעריקע, ברייטע בענק ווי טישן. איצט, ווען מיר זענען דאָרט אַריינגעקו־מען, זענען די בענק געווען געדיכט באַזעצט מיט עלטערע אוז־בעקן, וואָס האָבן געהאַט שמאָלע און לאַנגע ווייסע בערד און געטראָגן אויף די קעפּ פּוטערנע היטלען, ווי שטריימלעך. זיי זענען געזעסן פאַרטראַכטע און פּאַמעלעך געזופּט די טיי פון „פּיאַלקעס״, פון ערדענע שיסעלעך.

זעענדיק, אַז אין דער שטוב איז שוין נישטאָ פאַראַן פאַר אונדז קיין אָרט, זענען מיר אַרויס אין דרויסן און זיך אַוועקגעזעצט לעבן דער טשייכאַנאַ אויף דער ערד, אויף וועלכער ס׳איז געלעגן אויסגעשפּרייט אַ שטרויענע מאַטע. ס׳איז געווען נאַכט. מיר זענען געזעסן אַליין. אונטער אונדזערע פיס איז געפלאָסן דאָס

וואַסער פון דעם אַריק,* און אַ ביסל ווייטער איז עס ערגעץ ווי אַראָפּגעפאַלן, אַרויסגעבנדיק פון זיך זילבערנע קלאַנגען, ווי מען וואָלט געשפּילט אויף אַ קסילאָפאָן.

אָן אויזבעק האָט אונדז דערלאַנגט אַ טשייניקל טיי מיט צוויי פּיאַלקעס. איך האָב אָנגעגאָסן די גרינע טיי און מיר האָבן אָנגעהויבן פּאַמעלעך זי טרינקען.

זיין אָרט איז גראָד אויסגעפאַלן אַנטקעגנאיבער דער טיר. אַ פּאַס רויט-גאָלדיק ליכט פון דער ברענענדיקער נאַפט-לאָמפּ, וועלכע איז אַראָפּגעהאָנגען פון דעם הויכן, געוועלבטן פּולאָפּ אין דער שטוב פון דער טשייכאַנאַ, איז דורך דער אָפענער טיר אַרויסגעפאַלן אין דרויסן אַרויס און באַלויכטן זיין פּנים. איך האָב געקוקט אויף אים. געקוקט צודרינגלעך. געוואָלט געפינען אין זיין פּנים אַ דערמאָנונג פון זיין טאַטן, ר׳ תנחומען. אויף וויפל איך האָב פון מיינע גאָר יונגע יאָרן געדענקט ר׳ תנחומען, איז דער זון זיינער אין גאַנצן נישט ענלעך געווען צו אים. פאַר מיר איז געזעסן אַ הויכער, גלייכער יונגערמאַן, מיט אַ לאַנג פּנים פון ערד-קאָליר, מיט אַ גרויסער פלייש־קער נאָז און מיט גרויסע אויערן. אויגן האָט ער געהאַט טונקעלע, גלי׳ענדיקע.

ער האָט אַפנים אָנגענומען מיין צודרינגלעך קוקן אויף אים ווי אָן אַרויספאָדערונג צו רעדן. וואָרעם ער האָט באַלד אָנגעהויבן דערציילן. גערעדט גיך, פּליסיק און מיט אַ סדר, ווי ער וואָלט זיך צו אונדזער טרעפונג פון פאָרויס צוגעגרייט.

— איך בין דער יינגסטער זון פון ר׳ תנחומען און כ׳הייס ווי איר: יחיאל, נאָכן אַלטן אַלעקסאַנדער רבין. מיין עלטסטער ברודער, יאָסל, איז באַצייטנס אַוועק קיין ארץ-ישראל. אַ סך זיך דאָרט אָנגעליטן, אָבער געבליבן. איצט איז ער אין איטאַליע, מיט דער

---

* אַ קאַנאַל פון ביידע זייטן גאַס, וואָס צעפירט איבער שטאָט און פעלד דאָס שטראָמיקע וואַסער, וואָס פאַלט אַראָפּ פון די הויכע בערג.

יידישער בריגאַדע. איך באַקום פון אים ידיעות און פּעקלעך דורך דער סוכנות, דורך זייער פאַרשטייער אין טעהעראַן.

— דער ייִנגערער ברודער פון יאַסלען, מנחם מענדל, איז פון אַ בונדיסט געוואָרן אַ קאָמוניסט. ער האָט אַריינגעצויגן מיין עלטסטע שוועסטער, חיה שרהן, אין דער באַוועגונג.ביידע האָבן זיך דורך דאַנציק אַריינגעקריגן אין ראַטנפאַרבאַנד און קיין שפּור פון זיי איז נישט געבליבן. מן־הסתם אומגעבראַכט געוואָרן אין די פאַרמלחמה־יאָרן, אין דער צייט פון די גרויסע „רייניקונ־גען".

— מיר זענען געבליבן פיר קינדער מיט דער מאַמען, מיין ברודער דוד לייב, איך און צוויי שוועסטערלעך. ס׳איז אויסגע־בראָכן די מלחמה. בעת דער פאַרטיידיקונג פון וואַרשע, זענען מיר, מיין ברודער און איך, אַרויס זוכן אַ ביסל שפּייז פאַר דער היים. ווען מיר זענען צוריקגעקומען איז דאָס הויז ווו מיר האָבן געוווינט, געווען צעבאָמבאַרדירט. די מאַמע מיט די שוועסטערן זענען געבליבן אונטער די חורבות.

מיין ברודער און איך זענען מיר שפּעטער אַנטלאָפן פון די דייטשן קיין ראַטן־פאַרבאַנד. מיר זענען אָנגעקומען קיין ביאַלי־סטאָק. נישט געהאַט זיך ווו אַהינצוטאָן. מיר האָבן זיך פאַרשריבן אויף אַרבעט אין דאָנבאַס, אין אַ קוילן־גרובן. מיין ברודער, אַ נישט־צוגעוווינטער צו שווערער אַרבעט איז באַלד קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. מיר, אַ גרויסע גרופּע יידן, וואָס האָבן זיך געהאַט פאַרשריבן אויף אַרבעט אין דאָנבאַס, האָבן זיך געריסן צוריק. מיר זענען אַנטלאָפן און אָנגעקומען קיין קיעוו. דאָרט האָבן זיך צונויפגעטראָפן אַ סך אַנטלאָפענע פון פאַרשידענע טיילן אוקראַינע, פּוילישע פּליטים, וועלכע האָבן זיך קוים מיטן לעבן אַרויסגעריסן פון דער שווערער אַרבעט און שלעכטע באַדינגונגען אין די דאָרטי־קע גרובנס. מיר האָבן געמאַכט אַ דעמאָנסטראַציע אויפן קיעווער וואָקזאַל, און מען האָט אונדז צוריקגעשיקט פון וואַנען מיר זענען געקומען.

כ'בין ווידער געווען אין ביאַליסטאָק. צו ביסלעך געאַרבעט אין אַ דאָרטיקער מאַנופאַקטור-פאַבריק. געווען אויף צרות. ווען ס'איז אַרויס דאָס געזעץ וועגן דער פּאַספּאָרטיזאַציע, ווען די ראַטן-מאַכט האָט פאַראָרדנט, אַז אַלע געקומענע פון יענער זייט בוג מוזן נעמען סאָוויעטישע פּאַספּאָרטן, אָדער זיך רעגיסטרירן אויף צו פאָרן צוריק אין זייערע געוועזענע היימען, ביי די דייטשן, האָב איך זיך רעגיסטרירט אויף צו פאָרן צוריק.

— וועט איר דאָך פרעגן, וואָס האָב איך שוין געהאַט צו זוכן אין פוילן, ווען מיין מאַמע און די צוויי שוועסטערן זענען אומגעקומען אונטער די חורבות? נאָך וואָס האָב איך געוואָלט צוריק צו וועמען? צו די דייטשן?

— נאָר די שאָטנס פון מיינע אומגעבראַכטע דאָ שוועסטער און ברודער, די הייליקע קאָמוניסטן, וואָס האָבן געגלייבט אין דער רעוואָלוציע מיט אַזאַ פייער, מיט אַזאַ אמונה, ווי מיין טאַטע אין גאָט, האָבן מיך פאַרפאָלגט, פאַרפאָלגט ביי טאָג און ביי נאַכט. דערנאָך דער טויט פון מיין ברודער, פון דוד לייבן, וועלכער איז אַלט געווען דריי און צוואַנציק יאָר און אויסגעזען אויף זעכצן, אַזאַ פּנים האָט ער געהאַט פול נאָך מיט קינדישן חן. ווען מען פלעגט אונדז זען צוזאַמען, האָט מען געמיינט, אַז איך בין גאָר דער עלטערער. ער איז קראַנק געווען נישט מער ווי אַ וואָך צייט. אין משך פון עטלעכע טעג האָט ער געקריגן אַ פּנים פון אַ זיבעציק-יאָריקן זקן, איינגעשרומפּן און צעקנייטשט.

ער איז אויף אַ רגע אַנטשוויגן געוואָרן.

אין דרויסן, ווו מיר זענען געזעסן אויף אַ מאַטע, איז געלעגן אַ מילד ליכט און זיך געצויגן צו דער ברענענדיקער לאָמפּ אונטערן הויכן, געוועלבטן פולאַפּ אין דער שטוב פון דער טשייכאַנאַ. די נאַכט איז געווען אַ וואַרעמע, אַ ווייכע, און דאָס פליסנדיקע וואַסער פון אַריק, וואָס איז ערגעץ נאָענט לעבן אונדז אַראָפּגעפאַלן, האָט אַרויסגעגעבן פון זיך זילבערנע קלאַנגען, ווי עמעצער וואָלט שטיל געשפּילט אויף אַ קסילאָפאָן.

— בלויז די אויגן האָבן אין אים געברענט, — האָט ער ווידער אָנגעהויבן, — נאָר לויט די אויגן האָב איך אים דערקענט. ווען כ׳פלעג זיך אַריינבאַקומען צו אים אין שפּיטאָל אַריין, האָט מיך זיין אויסזען געשראָקן. ווי גיך כ׳האָב זיך נאָך דער אַרבעט געריסן צו אים, אַזוי גיך האָב איך געוואָלט פון אים אַנטלויפן. זאָל מיך גאָט נישט שטראָפן. כ׳דערצייל אייך דעם גאַנצן אמת.

— פון דער אַרבעט האָט מען מיך נישט געוואָלט באַפרייען, כ׳זאָל קאָנען פאַר אים עפּעס טאָן. מען האָט מיר געזאָגט, אַז דאָ טוט מען אַלץ פאַר די קראַנקע, וואָס איז נאָר מעגלעך. ווען כ׳האָב אין איין אָוונט, אַ פאַרשפּעטיקטער פון דער אַרבעט, זיך אַריינגעריסן צו אים אין שפּיטאָל, האָב איך אים שוין נישט געפונען. מען האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז נאָך פאַר טאָג געשטאָרבן, און מען האָט אים שוין באַגראָבן.

— איך בין נישט געוואָר געוואָרן ווו ס׳איז זיין קבר. נישט דערפאַר, ווייל מען האָט מיר נישט געוואָלט זאָגן, נאָר איך האָב נישט געפרעגט. ס׳איז נישט געווען קיין טויט, נאָר אַ פאַרכאַפּעניש. איך האָב נישט געפילט, אַז ער ליגט ערגעץ אין אַ קבר, אויף וועלכן כ׳קאָן קומען פאַרגיסן אַ טרער. אַפילו די מלבושים זיינע זענען פאַרפאַלן געוואָרן, אַזוי, אַז קיין צייכן איז פון אים נישט פאַרבליבן.

— דאָס אַלץ האָט מיך געיאָגט, געיאָגט פון דאָרטן, געטריבן ווי מיט בייטשן. נישט נאָר איך האָב זיך רעגיסטרירט אויף פאָרן צוריק קיין פּוילן, אונטער די דייטשן, נאָר כ׳האָב אַפילו געפּרוווט צוויי מאָל שמוגלען די גרענעץ. אָבער ס׳איז שוין געווען שפּעט. די גרענעץ איז געווען אַזוי באַוואַכט, אַז אַפילו אַ הונט וואָלט זיך נישט אַדורכגעשליכט דורך איר.

ער האָט זיך אַ ביסל אָפּגערוט, אַ זופּ געטאָן פון דעם שיסעלע טיי און געצויגן ווייטער:

— ווייסט איר דאָך, אַז די אַלע וואָס האָבן זיך רעגיסטרירט אויף צוריקפאָרן, האָט מען פאַרשיקט. איך בין אַריינגעפאַלן אין

אַ לאַגער אין וואָרקוטאַ, אויפן סאַמע צפון אין קאָמי אַ.ס.ס.ר. כ׳האָב ווידער געאַרבעט אין אַ קוילן־גרובן. פון דעם באַשערטן קאָן מען, זעט אויס, נישט אַנטרינען. אַנטלאָפן פון דאָנבאַסער קוילן־ראַיאָן און אַריינגעפאַלן קיין וואָרקוטאַ. אַ סך מאָל געווען אויפן ראַנד פון אומקום, אָבער דאָך איבערגעהאַלטן ביז דער אַמנעסטיע, נאָכן אָפּמאַך פון ראַטן־פאַרבאַנד מיטן גענעראַל שי־קאָרסקי.

— נאָך דער באַפרייונג פונעם לאַגער, האָב איך זיך מיט אַ סך יידן געשלעפּט דורך פאַרשידענע וועגן אויף דרום, געשלעפּט זיך לאַנגע חדשים. אָנגעקומען אין טאַשקענט. געטאָגט און גענעכ־טיקט אויף די גאַסן, אַ מאָל אין אַ גאָרטן. נאָך לאַנגע מי און מאַ־טערניש אָנגעקומען אַהער, קיין פערגאַנאַ. כ׳האָב דאָ אָן אַ שיעור געקרענקט, כלערליי טיפוסן האָב איך געהאַט, מאַלאַריע און טשי־ראַקעס, און וואָס נישט? אין צווישנצייט, צווישן איין קרענק און דער צווייטער, אַ ביסל געאַרבעט ביי פאַרשידענע אַרבעטן — און געבליבן לעבן.

ער איז ווידער שטיל געוואָרן. איך בין געזעסן מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ, פאַרזונקען אין מיינע שווערע מחשבות, דאָך אַלץ געהערט, וואָס ר׳ תנחומס זון רעדט צו מיר. דאָס איז געווען אַ טיפּישע דערציילונג, איינע פון די צענדליקער טויזנטער, וואָס מען האָט געקאָנט הערן פון די מענטשן, וואָס האָבן זיך געפינען אין די דאָזיקע באַדינגונגען. איך בין געזעסן און האָב זיך געוווּנדערט פון דעם חשק צו וועלן דערציילן וועגן זיך אַלץ מיט איין מאָל. ער איז אָבער נישט מיד געוואָרן און געהאַלטן אין איין רעדן. אפשר האָט ער פאָרגעפילט, אַז מיר וועלן זיך שוין קיין מאָל מער נישט טרעפן.

— איצט — האָט ער ווייטער איילק גענומען דערציילן — ווען מען האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן אַ רעפּאַטריאַציע קיין פוילן, בין איך געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן זיך רעגיסטרירט אויף צו פאָרן צוריק. פשוט, אַ מענטש ציט עס אַפילו צו די חורבות פון

זיין געוועזענער היים. אָבער דעם עיקר וועל איך נאָר אייך אויסזאָגן. איך טראַכט, אַז ווען כ׳וועל זיין אויף יענער זייט, און אויב כ׳וועל בלייבן לעבן, וועל איך זיך נאָך טרעפן מיט מיין ברו־דער פון ארץ־ישראל, מיט יאָסלען. פון דאַנען, ווייס איך, וועל איך דאָס קיין מאָל נישט קאָנען. דאָ בין איך אַ פאַרפאַלענער. פון פוילן האָף איך זיך אַרויסצוקריגן צו אים. און וואָס איז מיט אייך? — האָט ער פלוצים, אָן איבערגאַנג, מיך אַ האַסטיקן פרעג געטאָן.

זיין באַרעדעוודיקייט האָט ביי מיר אין גאַנצן צוגענומען דעם ווילן עפּעס וועגן זיך צו דערציילן. קיין גרויס חשק האָב איך קיין מאָל דערצו נישט געהאַט. נאָר זיין האַסטיקע פראַגע האָט מיך דאָך גענויט עפּעס צו זאָגן.

— איך בין אַוועק פון וואַרשע איינער אַליין. אַלע מיינע: טאַטע־מאַמע, די שוועסטערן, זייערע מענער, קינדער, און אויך מיינע עלטערנס ערשט אוראייניקל, אַלע זענען זיי דאָרט פאַר־בליבן. פאַר וואָס בין איך אַליין אַוועק? פאַר וואָס בין איך נישט געבליבן מיט זיי? געווען סיבות. פאַרשידענע. זייער פאַרשידענע. דאָ בין איך אַדורכגעגאַנגען אַ סך גלגולים, ענלעכע צו אייערע און גאָר אַנדערע. וואָס איז שוין דאָ איצט וועגן דעם צו רעדן?

ער האָט געזען מיין אומווילן צו דערציילן וועגן זיך און געפרעגט נאָר איין פראַגע:

— וואָס איז געוואָרן מיט אייער פאַמיליע? האָט איר עפּעס ידיעות פון זיי?

— כ׳ווייס גאָרנישט! כ׳ווייס גאָרנישט! — האָב איך זיך צעשריגן, ווי ס׳שרייט אַרויס אַ מענטש, ווען מען רירט זיך צו צו זיינם אָן אָפענער ווונד.

ווי נאָר וואַרשע איז באַפרייט געוואָרן פון די דייטשן, האָב איך דורך פאַרשידענע וועגן זיך באַמיט צו באַקומען ידיעות וועגן גורל פון מיינע נאָענטסטע. אָבער אומזיסט. פון ערגעץ קיין שום ענטפער. כ׳האָב פאַרשטאַנען, נאָך מער, כ׳האָב געוווּסט מיט אַן

אומגליקלעך וויסן, אַז איך בין געבליבן אין דער וועלט, אין דער פאַרווירטער, צעטרייסלטער וועלט, איינער אַליין.

מיר איז געווען אַלץ איינס, ווי ס׳וועט זיין מיט מיר. איך האָב זיך רעגיסטרירט אויף פאָרן צוריק קיין פּוילן, ווייל אַלע פּוילישע יידן האָבן אַזוי געטאָן.

כ׳האָב אַלץ געטאָן כ׳זאָל קאָנען צוריקפאָרן, אָבער מיך וואָלט נישט געאַרט, ווען די רעפּאַטריאַציע פאַרציט זיך אויף ווער ווייסט ווי לאַנג.

מיט אַזאַ צעבראָכן געמיט בין איך געזעסן אין דער טשייכאַנאַ, פאַמעלעך געזופּט די גרינע, ביטערע טיי פון דער פּיאַלקע. לעבן מיר איז געזעסן ר׳ תנחומס זון. פאַר מיינע אויגן האָב איך געזען מיין אַמאָליקע היים און אַ קלעמענדיקע בענקשאַפט האָט מיך אין גאַנצן באַהערשט.

מיט אַ מאָל האָב איך זיך געגעבן אַ שטעל אויף, זיך געזעגנט מיט ר׳ תנחומס זון, און שטיל געזאָגט:

— איר האָט כאָטש אַ ברודער אין ארץ-ישראל.

ער האָט נישט געענטפערט, און מיר זענען זיך צעגאַנגען.

מער האָב איך אים נישט געזען.

און ער ווייסט אַוודאי נישט, אַז וועגן זיין פאָטער, וועגן וועלכן ער האָט געמיינט, אַז איך געדענק אים נישט, האָב איך פאַרטראַכט און אויפגעשריבן דאָס דאָזיקע בוך...

ביכער פון דעם זעלבן מחבר

לידער פון דער נאַכט.

פאַרלאַג א. ב. צעראַטאַ, פּאַריז, 1950

מיינע וואַרשעווער הייף:

אַ הויף אויף פּאַקאַרנע (באַנד 1)

אַ הויף אויף פּאַקאַרנע (באַנד 2)

מיט צייכענונגען פון א. מ ע ר ז ע ר (אויספאַרקויפט). פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, 1959.

ר׳ זלמן

מיט צייכענונגען פון א. ק א ל נ י ק (אויספאַרקויפט). פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, 1960.

מיינע וואַרשעווער הייף:

אַ הויף אויף מוראַנאָוו (באַנד 1)

אַ הויף אויף מוראַנאָוו (באַנד 2)

פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, 1962.

אַ מאָל... (דערציילונגען).

פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, 1963.

מיט יענעם און מיט זיך (ליטעראַרישע עסייען).

פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, 1964.

ביכער, דערשינען אין י. ל. פרץ־פאַרלאַג אינעם יאָר 1963

אפרים אויערבאַך	וואַך איז דער סטעפּ (לידער און פּאָעמעס)
יוסף ארליך	וואַלבראָם (יידיש־העברעיש)
חיים בעז	אונדזער דור מוז אָנטשיידן (עסייען, רעפּאָרטאַזשן, באַטראַכטונגען)
י. גויכבערג	מיט לייב און לעבן (לידער)
י. גויכבערג	מיט אַ שמייכל (לידער)
יעקב גלאַטשטיין	מיט מיינע פאַרטאָג־ביכער (עסייען)
דוד גלילי־גלאַצער	ביים קוואַל (לידער)
מאַטעס דייטש	יעקב גלאַטשטיין — דער ייד פון ליד (עסיי)
יחיאל האָפּער	אַמאָל... (דערציילונגען)
שלמה וואַרזאַגער	זאַמד (ראָמאַן)
שפרה זוערבער	דמעתו של איציק (באַלאַדעס פאַר יוגנט)
ישעיה זאַנדבערג	דער שונא אין די מויערן (פון דער נאַצישער אָקופּאַציע אין בעלגיע)
דניאל טשאַרני	די וועלט איז קיילעכדיק — מיינע דאָקטוירים — טאָגבוך פון אָקופּירטן פּאַריז (בשותפות מיטן ציקאָ־פאַרלאַג)
ל. כאַנוקאָוו	קריזיס (ראָמאַן)
מאַני לייב	שירים ובלדות — לידער און באַלאַדן (יידיש־העברעיש)
מאַלאַשאַ מאַלי	צוויי וועלטן (דערציילונגען)
שמחה פּאָלאַקעוויטש	טעג אָן ליכט
משה פולאַווער	געווען איז אַ געטאָ (פון לאָדזשער געטאָ־לעבן)
פּעטערזייל־בוך	זיין לעבן — אָפּשאַצונגען און זכרונות
יעקב פרידמאַן	נפילים (דראַמאַטישע פּאָעמע)
איטה קאַליש	אַ רבישע היים אין אַמאָליקן פּוילן
מאיר קוטשינסקי	נוסח בראַזיל (דערציילונגען)
יאָסל צוקער	שריפטן (דערציילונגען)
י. ראַפּאָפּאָרט	מהות פון דיכטונג (עסייען, נאָטיצן, רעצענזיעס וועגן דיכטער און דיכטונג)
ישעיהו שפּיגל	די בריק (ישראל־נאָוועלן)
ברוך שפּינאָזא	עטיק (איבערגעזעצט: ש. ווינער)

ניי־דערשינענע ביכער

רחל אויערבאַך	אין לאַנד ישראל
יצחק פּאַנער	זון און שאָטן — ישראל־מאָטיוון
י. זרבבל	ביקור בברית המועצות
י. פּאַפּיערניקאָוו	פון צווייטן בראשית (לידער)
יחיאל האָפער	אַמאָל...
ישראל קאַפּלאַן	שליאַך און אומוועג (דערציילונגען)
מ. גראָס־צימערמאַן	אינטימער ווידעראַנאַנד (עסייען)
יחיאל האָפער	מיט יענעם און מיט זיך (ליטעראַרישע עסייען)
„דער וועג"	זאַמלבוך לכבוד משה מענאַכאָווסקי
שרה האַמער־דזשאַקלין	שטאָט און שטעטל (דערציילונגען)
לייזער אייכענראַנד	דאָס ברויט פון צער (לידער)
הדסה רובין	פון מענטש צו מענטש (לידער)
משה יונגמאַן	ווייסע טויערן (לידער)
ראַשעל וועפּרינסקי	די פּאַליטרע (לידער)
ש. אַפּטער	די פּרייסינגערס (ראָמאַן) מיט ציקאָ־פאַרלאַג
י. בעלעק	סינטעז פון סאָציאַליזם און רעליגיע
ש. שלום	לידער און פּאָעמעס (איבערגעזעצט פון ח. באַרקאַן)
ב. העלער	נייע לידער
אַנטאָלאָגיע	אַ שפּיגל אויף אַ שטיין
זאַמלבוך	ליטע
ב. וויינשטיין	האַמעריאַדע (יידיש־העברעיש)
ב. צ. גאָלדבערג	יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד
ל. דאָמאַנקעוויטש	ווערטער און ווערטן (עסייען)
צבי אייזנמאַן	מזלות (דערציילונגען)
אהרן ברעזינסקי	פּאַרטונקלטע הימלען (דערציילונגען)
חיים וואַרזאַגער	60 טעג אין מדינת ישראל
זאַמלבוך	פּערציק יאָר פּאַפּיערניקאָוו אין ארץ־ישראל
ל. קוסמאַן	צוויי דראַמעס
שלמה ביקל	שרייבער פון מיין דור (עסייען)
ז. אברמוביץ	בשירות התנועה (מיט ספרית פועלים)
אַנטאָלאָגיע	י. ל. פרץ אין יידישן ליד — צונויפגעשטעלט פון נחמן מייזיל
חוה ראָזענפאַרב	אַרויס פון גן־עדן (לידער)
משה נאַדיר	אונטער דער זון
אהרן ראַפּאַפּאָרט	דבורה די נביאה און ברק בן־אבינועם (דראַמע)
ש. מיללער	מבחר סיפורים (העברעיש: י. אליאב)